STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11425

DER HILTSERNER MANEKEN

Anatole France

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנאַטאָל פראַנס

דער הילצערנער מאַנעקען

פון פראַנצויזיש מ. האָלצבלאַט

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב, וואַרשע

— 1928 —

169

ANATOL FRANCE

MANEKIN TRZCINOWY

Przekład M. Holcblatta

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB
Warszawa, Dzika 31.

Druk „REKORD Dzika 18.

I

ה׳ בערזשערע, דער פראָפעסאָר פון ליטעראַטור אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט איז געזעסן אין זיין אַרבעטס-קאַבינעט און צוגעגרייט זיין לעקציע וועגן אַכטן בוך פון דער „ענעידע“. צו זיינע אויערן האָבן דערגרייכט די שאַרפע און מעכאַנישע קלאַנגען פון קלאַוויר, ביי וועלכן די טעכטער האָבן אויסגעפירט שווערע מוזיקאַלישע איבונגען. אין אַרבעטס-קאַבינעט פון ה׳ בערזשערע איז נישט געווען מער, ווי איין פענצטער, וואָס איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט פאַרנומען די גאַנצע לענג פון אַ וואַנט. עס האָט אַריינגעלאָזט אין צימער אַריין מער לופט, ווי ליכט, וואָרים די פענצטער-ראַמען האָבן זיך שלעכט צוגעמאַכט, און די שויבן זענען געווען פאַרשטעלט דורך אַ הויכער, נאָנטער מויער. אויפן אַרבעטס-טיש פון ה׳ בערזשערע, וואָס איז געשטאַנען האַרט ביים פענצטער, זענען דעריבער געפאַלן קאַרגע און בלאַסע שטראַלן פון טאָגליכט.

דעם אמת זאָגנדיק, איז דער אַרבעטס-קאַבינעט, וווּ דער פּראָפעסאָר האָט געשאַרפט זיינע פיינע געדאַנקען פון אַ הומאַניסט, געווען ענדער אַ פורעמלאָזער ווינקל, אָדער נאָך מער אַ קליין קרעמל אונטער די שטיגן, וואָס זייער אומדיסקרעטע קיילעכדיקייט איז געווען אַרויסגערוקט צום פענצטער צו און געשאַפן אויף רעכטס און אויף לינקס צוויי אוממענטשלעכע און אומפאַרשטענדלעכע ווינקלען.

דערדריקט אונטער דער משא פון דער ריזידיקער, ביי־כיקער וואַנט, אויסגעקלעפּט מיט גרין פּאַפּיר, האָט ה׳ בערזשערע, אין דאָזיקן צימער, וואָס איז געווען אין אַ סתירה צו דער געאָמעטריע און שכלדיקער עלעגאַנץ, מיט גרויס מי געפונען אַ קליינעם שמאָלן חלל, כדי אַוועקצושטעלן זיינע ביכער אויף די פּאָליצעס, ווו אַ לאַנגע ריי פון טויבנערס געלע ביכלעך איז געשטאַנען אין אייביקער טונקלקייט. אַריינגערוקט טיף אין פענצטער, האָט ה׳ בערזשערע געשריבן מיט אַן אייזקאַלטן סטיל, גליקלעך, וואָס ער האָט נישט געפונען זיינע מאַנוסקריפּטן, צעוואָרפענע און צעריסענע, און זיינע פעדערס מיט צעבראָכענע שפּיצן!

דאָס זענען געווען די געוויינלעכע פּאָלגן פון מאַדאַם בערזשערעס באַזוכן אין פּראָפעסאָרס קאַבינעט, וווהין זי פלעגט אַריינקומען אויפשרייבן די וועש און הויז־הוצאות. מאַדאַם בערזשערע פלעגט דאָרט אויך איבערלאָזן איר מאַנעקען. אויף וועלכן זי פלעגט אויפהענגען די קליידלעך, וואָס זי האָט אַליין צוגעשניטן און אויפגענייט. דער מאַנעקען איז געשטאַנען אַקעגן איבער די וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבן פון קאַטולוסן און פּעטראָניוסן, און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ סימבאָל פונם לעבן צווישן מאַן און ווייב.

ה׳ בערזשערע האָט צוגעגרייט זיין פּאָרטראַג וועגן אַכטן בוך פון דער „ענעידע״, און ער וואָלט מן הסתם געפונען אין דער אַרבעט, אויב נישט קיין פרייד, איז לכל הפחות אַן אָפּרו פאַר דער נשמה און גייסט, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן די אייגנאַרטיקייטן פון דער ליגנוויסטיק און פערזן־לערע, מיט וועלכער ער האָט זיך באַדאַרפט אויסשליסלעך צו פאַרנעמען, און זיך אַריינגעטאָן אין באַטראַכטונגען וועגן זשעני, נשמה און פאָרם פון דער אַנטיקער וועלט, וואָס אירע טעקסטן האָט ער שטודירט; ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי הייס באַגערט צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די גילדענע ברעגעס, דעם בלויען ים, די ראָזע בערג, די שיינע לאַנקעס, ווו דער דיכטער פירט זיינע העלדן; ווען נישט

דאָס, וואס ער האָט אזוי שטארק באדויערט, וואס אים איז נישט באשערט געווען, ווי למשל גאָסטאָן בואַסיע, אָדער גאַס-טאָן דעשאן, צו באזוכן דעם ברעג, ווו ס'איז אמאל געשטאנען טראָיאַ, צו באוווּנדערן די פּייזאשן געשילדערט דורך ווערגילן, צו אטעמען מיט דער לופט אין איטאַליע, גריכנלאַנד און אין היידיקן אזיע.

זיין ארבעט-קאבינעט האט אנגעווארפן אויף אים א מרה-שחורה, און אַ יאוש האָט געגאַגט זיין הארץ. ער איז געווען אומגליקלעך צוליב זיין אייגענער שולד, וואָרים אַלע אונזערע אמתע אומגליקן זענען אינערלעכע און שטאַמען פון אונז אַליין. מיר רעדן זיך איין, אַז זיי קומען פון דרויסן, אין דער אמתן אָבער פורעמען מיר זיי אויס אין זיך, פון אונזער אייגענעם תוך.

אין זיצנדיק אַזוי ביי זיך אין צימער, האָט ה׳ בער-זשערע געלעבט אין טרויער און אין לאַנגווייליקייט, און גע-טראַכט, אַז זיין לעבן איז פאַרביי אין ענגע, פאַרשלאָסענע ראַמען, אָן אַ טראָפּן פרייד, אַז זיין פרוי האָט געהאַט אַ וואל-גאַרע נשמה און איז שוין מער נישט שיין, און אַז די שלאַכטן צווישן ענעאסן און טורנוסן האָבן נישט קיין שום זין. זיינע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דאָס אריינקומען פון ה׳ רו, זיין תלמיד, וואָס האָט איצט געדינט אין מיליטער און האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר זיין לערער אין רויטע הויזן און אין אַ בלויען מונדיר.

— הע ! — האָט זיך אָנגערופן ה׳ בערזשערע, — אָט, אויף וואָס פאַרא אופן מ'האָט פאַרוואַנדלט מיין בעסטן תלמיד אויף אַ העלד.

און בעת ה׳ רו האָט געטענהט, אַז ער איז נישט קיין העלד, האָט דער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור זיך געווענדעט צו אים :

— כ'ווייס, וואָס איך וויל. כ'רוף געוויינלעך אָן העלד יעדן, וואָס טראָגט אַ שווערד. ווען איר וואָלט געטראָגן אַ פוטערן היטל, וואָלט איך אייך גערופן : גרויסער העלד. מ'דאַרף

מינדעסטנס אונטערחנפענען אביסל די לייט, וואָס מען שיקט זיי אקעגן דעם טויט. פאַר ביליקער וואָלט מען פון זיי נישט גע-קאָנט פאָדערן אזא טרחה.

„הלוואי וואָלט איר אָבער, מיין יונגער פריינד, קיינמאָל נישט אומשטערבלעך געוואָרן דורך אַ העראָישן אַקט, און פאַר-דינט אַ שבח פון מענטשן בלויז פאַר אייערע ידיעות אין דער לאַטייבישער פערזן-לערע! גלויבט מיר, איך מיין דערמיט אויפ-ריכטיק די טובה פון מיין פאָטערלאַנד. איך האָב מיך איבער-צייגט, שטודירנדיק די געשיכטע, אַז דער אמתער העראָיזם איז פאַראַן נאָר ביי די באַזיגטע און דווקא בעת אַ מפּלה. די רוימער, וואָס האָבן זיך גאָרנישט אַזוי געאײַלט מלחמה צו האַלטן, ווי ס'ווייזט זיך אַלעמען אויס, האָבן אָפט געליטן מפּלות, און פונ-דעסטוועגן האָבן זיי געהאַט זייערע דעציוסן*) דווקא אין די געפערלעכסטע מאָמענטן. ביי מאַראַטאָן אַנטפּלעקט זיך דער הע-ראָיזם פון קינעגיראַסן**) אין דעם ערגסטן מאָמענט פאַר די אַטענער, וואָס האָבן דעם אמת געזאָגט פאַרהאַלטן די באַר-באַרישע אַרמעע, זיי זענען אָבער נישט געווען בכוח צו שטערן, זי זאָל זיך צוריקציען צוזאַמען מיט דער פערסישער קאַוואַ-לעריע, וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגערוט אויפן פעלד. עס זעט איבריקנס גאָרנישט אויס, אַז די פערסער זאָלן זיך האָבן שטאַרק פאַרמאַטערט אין דער דאָזיקער שלאַכט.

ה' רו האָט אַוועקגעשטעלט זיין שווערד אין אַ ווינקל און זיך אַוועקגעזעצט אויף א שטול, וואָס זיין לערער האָט אים פאָרגעלייגט.

— פיר חדשים זענען שוין פאַרביי, — האָט ער גע-

דעציוס — אַ באַרימטער רוימישער קריגס-פירער, וואָס האָט מיט זיין העלדישן טויט גורם געווען דעם נצחון פון רוימישן מיליטער איבערן שונא. (באַמ. פ. איבערזעצער)

**) קינעגיראָס — אַ ברודער פון אייסכילאָס. ער האָט זיך מקריב געווען אין קאַמף פון די גריכן מיט די פערסער ביי מאַראַטאָן. (באַמ. פ. איבערזעצער).

זאָגט, — ווי כ'האָב נישט געהערט קיין איין קלוג וואָרט. איך אַליין האָב אין משך פון פיר חדשים קאָנצענטרירט אַלע מיינע פעיקייטן, כדי אויסצונעמען מיט באַשיידענע מתנות ביי מיין קאָפּראַל און עלטערן סערזשאַנט. דאָס איז דער איינציקער געביט פון דער מיליטערישער קונסט, וואָס ס'איז מיר געלונגען פולשטענדיק צו באַהערשן. דאָס איז אויך דאָס וויכטיקסטע. דערפאַר האָב איך פאַרלוירן די פעיקייט צו באַגרייפן די אַל־געמיינע אידעען און סובטילע געדאַנקען, און איר זאָגט מיר, מיין טייערער לערער, אַז די גריכן זענען באַזיגט געוואָרן ביי מאַראַטאָן און אַז די רוימער זענען נישט געווען קריגעריש געשטימט. כ'פאַרליר ממש דעם קאָפּ.

ה' בערזשערעט האָט רויק געענטפערט:

— איך האָב בלויז געזאָגט, אַז די באַרבאַרישע חילות זענען נישט צעקלאַפּט געוואָרן דורך מיליציאַדעסן. וואָס שייך ווידער די רוימער, זענען זיי נישט געווען דורכאויס קריגעריש געשטימט; זיי האָבן אָפּגעהאַלטן נוצלעכע און דויערהאַפטע נצחונות, בעת אמתע מיליטערלייט געמען צו אַלץ, און באַהאַלטן פאַר זיך גאַרנישט, ווי למשל די פּראָנצויזן.

„חוץ דעם דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז בעת דער הער־שאַפט פון די מלכים, פלעגט מען אין רוים נישט צונעמען קיין אויסלענדער אין מיליטער־דינסט. אָבער שוין אין די צייטן פון גוטן קיניג סערוויוס טוליוס, האָבן די בירגער מותר געווען אויפן כבוד אליין צו טראָגן אויף זיך די טרחה און געפאַר פון דער מלחמה, און זיי האָבן אריינגעצויגן אין די מיליטער־רייען אויך די אויסלענדער, וואָס האָבן געוווינט אין שטאָט.

„ס'זענען פאַראַן העלדן; ס'איז אָבער נישטאָ קיין פאָלק פון העלדן, ס'איז נישט פאַראַן קיין אַרמעע פון העלדן. די זעלנער זענען אַלעמאָל געגאַנגען אין דער שלאַכט אריין נאָר צוליב דער מורא פאַר טויט־שטראָף. אפילו די פּאַסטוכער פון לאַציום, וואָס האָבן איינגענומען פאַר רוים די גאַנצע וועלט און פאַרקנעכטן איר רום, האָבן אויך פון גאַנצן האַרצן פיינד

געהאט די מיליטער-דינסט. זיי האָבן נישט געדן געטראגן דאס געווער, פונקט ווי זיי האָבן פיינד געהאַט דאס געווער אליין, „aerumna״ וואס האָט מיט דער צייט אויסגעדריקט די באדייטונג פון מאַטערניש, קערפערלעכע און גייסטיקע מידקייט, פון אומגליק, נויט אין פורעניות. אונטער א גוטער אָנפירונג האבן זיי ארויסגעגעבן פון זיך נישט קיין העלדן, נאר גוטע זעלנער און גוטע ערד-גרעבערס; ביסלעכווייז האבן זיי איינגענומען די גאנצע וועלט און זי באדעקט מיט אַ נעץ פון וועגן און שאסייען.

„די רוימער האבן זיך קיינמאל נישט געיאָגט נאך קיין רום; זיי האבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין פאנטאַזיע. זיי האבן געפירט בלויז מלחמות צוליב זייערע אינטערעסן, צוליב נויטווענדיקייט. זייער נצחון — דאָס איז דער טריומף פון געדולדיקייט און פון גוטן פארשטאַנד.

„די מענטשן האנדלען שטענדיק אין הסכם מיט זייערע שטארקסטע געפילן. ביי זעלנער, ווי בכלל ביים המון, ווירקט צום שטארקסטן די מורא. זיי גרייפן אן דעם שונא, ווארים ער איז צום ווייניקסטן געפערלעך. אויפן פראנט ווערט דאס מיליטער אויסגעשטעלט פון אלע זייטן אויף אזא אופן, אז עס זאל נישט קענען אַנטלויפן. אין דעם שטעקט די גאנצע קריגס-קונסט. די אַרמעען פון דער רעפובליק האבן אפגעהאלטן נצחונות דערפאר, וואס מ׳האט מיט אן אויסערגעוויינלעכער דיסציפלין אונטערגעהאלטן אין זיי די מידות פון אלטן רעזשים, וואָס האבן לגמרי געפעלט אין די רייען פון די פארבינדעטע.

„אונזערע גענערעלער פון יאָר II זענען געווען אלטע, אויסגעדינטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן יעדן טאג געהייסן אויסשיסן א האלבע טוץ רעקרוטן, כדי צו געבן אַ ביישפיל פאר די איבערגעבליבענע, און ווי וואָלטער פלעגט זיך אויסדריקן, באַגייסטערן די איבערגעבליבענע מיט פאטריאָטישן ענטוזיאַזם״.

— דאס איז גאנץ מעגלעך, — האָט געזאגט ה׳ רו. — ס׳גייט אָבער נאך אין עפעס אנדערש. דאס איז די איינגעבוירענע הנאה צו שיסן. איר ווייסט דאך מסתמא, מיין טייערער

לערער, אז איך צייכן מיך נישט אויס מיט קיין צערשטערע־רישע געפילן. כ׳האב נישט קיין איבריקע סימפאטיע פארן מי־ליטאריזם. איך אליין האלט זייער שטארק פון די פראגרעסיווע און הומאניטארע אידעען און גלויב, אז נאר דעם טריומפירנ־דיקן סאציאליזם וועלן מיר האבן צו פארדאנקען די פארברו־דערונג פון די פעלקער.

„איך האב אויך שטארק ליב די מענשהייט. זאל מען מיר אבער געבן אין האנט אריין א ביקס, אין איך באקום דעם חשק אויסצושיסן אלע מענטשן. דאס ליגט שוין אין בלוט״...

ה׳ רו איז געווען א שיינער, פעסט געבויטער יונגער־מאן, וואס האט אין גאר א קורצער צייט זיך איינגעלעבט מיט דער מיליטערישער דינסט. די שווערע מיליטערישע איבונ־גען האבן זיך פולשטענדיק געפאסט צו זיין פולבלוטיקן טעמ־פעראמענט. און מחמת דעם, וואס ער איז חוץ דעם געווען שטארק דורכגעטריבן, האט ער נישט געקוקט דערויף, וואס ער איז לחלוטין נישט אנטציקט געווען פון דער דאזיקער פראפעסיע, געוווסט, ווי געהעריק אויסצונוצן דאס לעבן אין די קאזארמעס און האט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט א גוט געזונט און א פריילעכן הומאר.

— איר קענט גאנץ גוט, טייערער לערער, — האט ער צוגעגעבן, — די קראפט פון סוגעסטיע. ס׳איז גענוג צו געבן דעם מענטש א באגנעט אויפן שפיץ פון א ביקס, אז ער זאל אים אריינשטעכן אין בויך פון ערשטן בעסטן דורכגייער, און ווערן, ווי איר זאגט א העלד.

די שטים פון ה׳ רו, מיט איר דרום־אקצענט האט נאך אלץ וויברירט אין חלל, בעת מאדאם בערזשערע איז אריין אין קאבינעט, וווּ זי פלעגט ביז איצט זעלטן אריינקומען אין דער אנוועזנהייט פון איר מאן. ה׳ בערזשערע האט בא־מערקט, אז זי האט געטראגן אויף זיך איר שיינעם ראזן שלאפראק.

זי האט געמאכט דעם אנשטעל פון א פארחידושטע, בעת זי האט דערזעען דעם ה׳ רו; זי איז געקומען, האט זי גע־

זאָגט, בעטן ביים הער בערזשערע אַ באַנד פּאָעזיע, בדי צו פאַרטרייבן א ביסל די צייט.

דער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור האָט חוץ דעם נאָך באַמערקט, נישט אינטערעסירנדיק זיך איבעריקנס דערמיט, אַז זי איז מיטאַמאָל געוואָרן שענער, בגעימותדיקער.

ה׳ רו האָט אַראָפּגענומען פרײַנדס ווערטערבוך פון אַלטן צעראַטענעם פּאָטעל און אײַנגעלאַדן מאַדאַם בערזשערע זיך אָוועקצוזעצן. ה׳ בערזשערע האָט פון צייט צו צייט געקוקט דאָ אויף די בעגדער אין קוואַרטאָ, וואָס זענען געווען אָנגע־שפּאַרט אין דער וואַנט, דאָ אויף מאַדאַם בערזשערע, וואָס האָט פאַרנומען זיין אָרט אויפן פּאָטעל; און ער האָט געטראַכט, אַז די ביידע סובסטאַנץ־מאַסן, אַזוי פאַרשידן אין איצטיקן מאָמענט, סיי לויט זייער אויסזען, נאַטור און נוצלעכקייט, זענען מיט יאָרן צוריק געווען שטאַרק ענלעך צו זיך, בעת זיי ביידע, דאָס ווערטערבוך און די פרוי, האָבן זיך אַרומגעטראָגן אינעם קאָסמישן נעפּל אין אַ גאַז־אַרטיקן צושטאַנד.

„וואָרים סוף כל סוף, — האָט ער געטראַכט, — האָט זיך מאַדאַם בערזשערע אַרומגעטראָגן אינעם אין־סוף פון די יאָרהונדערטער, אַ פאָרעמלאָזע, אומבאַוווסטזיניקע, אַ צעפּלאָסענע אין די שוועבנדיקע פונקען פון זויערשטאָף און קוילנשטאָף. די מאָלעקולן, וואָס האָבן אין אַ שיינעם טאָג געזאָלט שאַפן דעם לאַטײַנישן לעקסיקאָן, האָבן זיך אויך אַרומגעטראָגן אין דער צייט, אין משך פון יאָרהונדערטער, אינעם זעלבן קאָסמישן נעפּל פון וואַנען עס האָבן שפּעטער געזאָלט אַרויסקומען די מאָנסטרומס, אינזעקטן און אַ ביסל געדאַנקען.

„ס׳האָט געמוזט דויערן אַ גאַנצע אייביקייט, ביז ס׳זאָל געשאַפן ווערן מיין ווערטערבוך און מיין פרוי. די מאָנומענטן פון מיין פײַנלעך לעבן, דעפעקטיווע, אָפטמאָל שעדלעכע פאָרמען. מיין ווערטערבוך איז פול מיט גרייזן. אַמעליע פאַרמאָגט אַ קליינ־לעכע נשמה אין אַ מגושמדיקן קערפּער. ס׳איז דעריבער נישטאָ וואָס צו האָפן, אַז אַ נייע אייביקייט זאָל ענדלעך שאַפן די שיינקייט און וויסנשאַפט. מיר לעבן אַ רגע, אונז וואָלט אָבער

גאַרנישט צוגעקומען, ווען מיר וואָלטן געלעבט אייביק. דער נאַטור האָט נישט געפעלט נישט קיין צייט, נישט קיין רוים און גאָט זעען מיר איר ווערק!"

און ה' בערזשערע האָט ווייטער געשפּונען דעם פאָדים פון זיינע אומרויקע געדאַנקען:

„און וואָס איז דען די צייט אַליין, אויב נישט די וויבראַציע פון דער נאַטור, און צי קאָן איך זאָגן, אַז די דאָזיקע וויברירונגען זענען לאַנג אָדער קורץ? די נאַטור איז אכזריותדיק און באַנאַל. פון וואַנען זאָל איך עס אָבער וויסן? און ווי אַזוי דאַרף איך מיך פאַרהאַלטן מחוץ פון איר, כדי זי צו דערקענען און אָפּצושאַצן? אפשר וואָלט איך געזען די וועלט אין אַ שענערן ליכט, ווען איך וואָלט אין איר פאַרנומען אַן אַנדערן פּלאַץ".

און ה' בערזשערע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין מרה-שחורה און זיך איינגעבויגן, כדי בעסער צוצושפּאַרן צו דער וואַנט די זיך שאָקלענדיקע ביכער.

— איר זענט עטוואָס אָפּגעברענט, ה' רו, — האָט זיך אָנגערופן מאַדאַם בערזשערע, — און מיר קומט פאָר, אַז איר זענט אַבסאָל אָפּגעצערט אויפן פּנים. דאָס קליידט אייך אָבער זייער גוט.

— די ערשטע חדשים מאַטערן אויס, — האָט געענטפערט ה' רו. — באמת, מאַכן איבונגען פון זעקס אַ זייגער פרימאָרגן, אויפן קאַזאַרמע-הויף, ביי אַ טעמפּעראַטור פון אַכט גראַד פראָסט, איז ווייט נישט קיין אַנגענעמע זאַך, און נישט מיטאַמאָל קאָן מען גובר זיין דעם עקל צום לעבן אין די קאַזאַרמעס.

„די מידקייט איז אָבער אַן אויסגעצייכנט היילמיטל און דאָס חיהשע לעבן אַ גלענצענדע היתּר. מ'לעבט פאַרטעמפּט, און ס'מאַכט דעם איינדרוק, ווי מ'וואָלט כסדר געלעגן אויף אַ וואַטענעם געלעגער. מחמת דעם, וואָס ביינאַכט רוט מען זיך קיינמאָל נישט ווי געהעריק אויס, וואָרים דער שלאָף ווערט אָפט איבערגעריסן, גייט מען אַרום אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָפן.

און דער דאזיקער כּסדרדיקער צושטאנד פון אַן אויטאָמאַטישן היגערפלעט איז ממש ווי געוווינשן פאר דער דיסציפלין, ער איז אין הסכּם מיטן מיליטערישן גייסט און קומט שטארק צו־נוץ ביים איינהאַלטן די פיזישע און מאָראַלישע אָרדנונג ביי די זעלנער."

ה' רו האָט באמת נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו קלאָגן. ער האט אָבער געהאַט אַ פריינד, מיטן נאָמען דרעוואַל, וואָס האָט שטודירט אויף דער מאַלאַישער אָפּטיילונג אין דער אַקאַ־דעמיע פון אָריענטאַלישע שפּראַכן: יענער איז געווען אומ־גליקלעך און דערשלאָגן. דרעוואַל איז געווען אינטעליגענט, געבילדעט און מוטיק, ער האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט אַ קערפּערלעכער און גייסטיקער שטייפקייט, און איז געווען נישט געשיקט און שלימזלדיק אין זיין באַנעמונג; דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט אַ חוש פאר גערעכטיקייט און זיך אָפּגעגעבן אַ גענויען דין וחשבון וועגן זיינע רעכט און פליכטן. דאס דאזיקע האָט אים טאקע פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש.

דרעוואַל איז אינגאַנצן געווען פיר און צוואַנציק שעה אין די קאַזאַרמעס, בעת דער סערזשאַנט לעבּרעק האט אים אַ פרעג געטון, אויסדריקנדיק זיך דערביי מיט אַזעלכע רייד, וועלכע קענען גאַרנישט דערמאַנט ווערן פאר די אויערן פון מאַדאַם בערזשערע, וואָס פאַרא אומווירדיקע פּערזאָן האָט עס געקאָנט ברענגען אויף דער וועלט אַזאַ שלימזלדיק קאַלב, ווי דער רעקרוט נומער 5. ס'איז אַוועק אַ שטיק צייט, ביז דרעוואַל איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז נישט קיין אַנדערער, ווי ער אַליין, איז געווען דאָס קאַלב נומער 5. ערשט אַז ער איז איינגעזעצט געוואָרן אין אַרעסט, האָבן אים פאַרלאָזן אַלע זיינע ספקות.

און אפילו דעמאָלט האט ער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז מ'האָט באַדאַרפט באַליידיקן דעם כּבוד פון מאַ־דאַם דרעוואַל, זיין מוטער, דערפאַר וואָס ער איז נישט געשטאַ־נען ווי געהעריק אין דער שורה. די אומדערוואַרטע פאַראַנט־

וואַרטלעכקייט פון זיין מוטער צוליבן דאָזיקן אומשטאַנד, איז געווען אין אַ סתירה מיט זיין אידעאַל פון גערעכטיקייט. און ביים היינטיקן טאָג, נאָך פיר חדשים דינסט, קאָן ער נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך.

— אייער פריינד דעוואַל, — האָט געענטפערט ה׳ בער־זשערע — האָט פונקט פאַרקערט פאַרשטאַנען די רייד פונעם מלחמה־העלד, איך האַלט, אַז אַזאַ רעדע איז עלול צו דערהויבן דעם מאָראַלישן גייסט פון די זעלנער. זי שטויסט זיי צו ריוואַלי־זירן צווישן זיך, כדי צו באַקומען העכערע ראַנגעס, און אויף אַזאַ אופן, ווען אויף זיי וועט קומען די צייט זאָלן זיי זיך קע־נען ווענדן מיט די זעלבע רייד צו די נידריקערע פון זיי.

„אַזעלכע רייד דריקן נאַטירלעך אויס די העכערקייט פון דעם, וואָס זאָגט זיי אַרויס, לגבי דעם, צו וועמען זיי זענען געווענדעט. מ׳דאַרף קודם כל אַכטונג געבען, אַז די פּראָפּאַגאַ־טיוון פון די אַרמעע־שעפן זאָלן אויף קיין פאַל נישט פאַרמינערט ווערן, ווי דאָס האָט אומפאַרזיכטיק געטון אין איינעם פון זיי־נע לעצטע צירקולאַרן, אַ געוויסער ציווילער קריגס־מיניסטער, זייער אַ העפלעכער און אָרנטלעכער מאַן.

„דורכגעדרונגען פון אַ געפיל פון ווירדע פאַרן בירגער־זעלנער, האָט ער פאַרווערט אַלע זיינע אָפיצירן און אונטער־אָפיצירן צו דוצן זעלנער. דערביי האָט ער אָבער פאַרגעסן, אַז די ביטול־באַציונג צו די נידריקערע ראַנגעס איז דער יסוד פון יעטוועדער ריוואַליזירונג און די שטיצע פון דער היעראַרכיע.

„דער סערזשאַנט לעבּרעק האָט גערעדט, ווי אַ העלד, וואָס שאַפט אַליין העלדן. מיר איז גאַנץ לייכט אָנגעקומען איבערצו־געבן זיין רעדע אין איר אָריגינעלער פאָרם. וואָרים איך בין אַ פילאָלאָג. און דעריבער טאַקע וואָלט איך מיך בשום אופן נישט צו זאָגן, אַז דער סערזשאַנט לעבּרעק איז געווען דער־האַבן, בעת ער האָט פאַרבונדן דעם כבוד פון דער פאַמיליע מיט דער געהעריקער באַצייכנונג פון אַ רעקרוט, פון וואָס עס איז אָפּהענגיק דער דערפאָלג פון דער שלאַכט. דער רעקרוט

נומער 5 האָט טאַקע דעריבער פונם אנהייב פון זיין עקזיסטענץ פארבונדן זיין גורל מיטן גורל פון רעגימענט און דער פאָן...

„איר וועט מיר אפשר ענטפערן דערויף, אַז איך טו נאָך דעם ביישפּיל פון אַלע מפרשים און כ׳שרייב צו מיין מחבר אַזעלכע כוונות, וואָס זענען אים צומאָל אויפן געדאַנק נישט געקומען. איך בין מסכים מיט איין, אַז די באַקאַנטער רעדע פון סערזשאַנט לעברעק איז אין אַ געוויסן טייל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך אים אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק. דאָס איז דאָך אָבער טאַקע דער סימן פון זשעני, וואָס ברעכט אויס מיטאַמאָל, נישט מעסטנדיק צומאָל זיינע קרעפטן.

ה׳ רו האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז לויט זיין מיינונג איז אין די רייד פון סערזשאַנט לעברעק טאַקע געווען אַ געוויסער טייל, וואָס איז דורך אים אַרויסגעזאָגט געוואָרן אומבאַוווסטזיניק.

מאַדאַם בערזשערע ד׳האָט זיך טרוקן געווענדעט צו ה׳ בערזשערע:

— איך פאַרשטיי דיך באמת נישט, לוציאַן. דו לאַכסט אָפּ פון אַזעלכע זאַכן, פון וועלכע מ׳דאַרף גאָרנישט לאַכן. און מ׳ווייסט קיינמאָל נישט, צי דו מאַכסט שפּאַס, צי דו ביסט גאָר ערנסט. ס׳איז אוממעגלעך צו פירן מיט דיר אַ שמועס.

— מיין פרוי טראַכט פונקט, ווי מיין דעקאַן, — האָט געזאָגט ה׳ בערזשערע, — מ׳מוז מודה זיין, אַז זיי זענען ביידע גערעכט.

— אַ! האָט אויסגערופן מאַדאַם בערזשערע, — זאָלסט מיר נאָר דאָ נישט דערמאָנען דיין דעקאַן! ס׳איז דיר געגאַנגען זייער שטאַרק אין לעבן אים נישט געפעלן צו ווערן, און איצט רייסטו דיר די האָר פון קאָפּ אַרויס פאַר דיין אומפאַרזיכטיקייט. טאָמער איז דיר דאָס נאָך וויי ניק געווען, האָסטו נאָך אויף אַ צוגאָב זיך אויך געמוזט צוקריגן מיטן רעקטאָר. כ׳האָב אים באַגעגנט זונטיק, בעת איך בין געווען אויפן שפּאַציר צוזאַמען מיט די מיידלעך: ער האָט קוים אַ גרוס געטון צו מיר.

זי האָט זיך געווענדעט צום יונגן זעלנער:

— הער רו, איך ווייס, אַז מיין מאַן האָט אייך זייער ליב. איר זענט זיין בעסטער תּלמיד, ער האלט, אז אייך דער-וואַרט אַ גלענצנדע צוקונפט.

ה׳ רו, אַן אָפּגעברענטער מיט געקרייזלטע האר און בלענדנד-ווייסע ציין, האָט גאר נישט באשיידן אַ שמייכל געטון.

— הער רו, זעט צו ווירקן אויף מיין מאַן, אַז ער זאָל זיך באַציִען מיט מער רעספּעקט צו די לייט, וואָס קאָנען אים זיין נוצלעך. מיר ווערן פון טאָג צו טאָג איינזאמער.

— וואָס פארא געדאַנק, מאַדאַם? — האָט ה׳ רו געשעפּטשעט.

און ער האָט אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן עפּעס אַנדערש.

— די פויערן קומט אָן מיט גרויס מי אויסצוהאלטן די דריי יאָר מיליטערדינסט. זיי ליידן. קיינער ווייסט אָבער נישט דערפון, מחמת דעם, וואָס אַלע זייערע געפילן דריקן זיי אויס אויף איין און דעם זעלבן אופן. ווייט פון דער ערד, וועלכע זיי האָבן ליב מיט אַ חיהשער ליבע, פאַרברענגען זיי די צייט פון דער דינסט אין אַ צושטאנד פון שטומער, מאָנאָ-טאָנער און טיפער מרה-שחורה.

„זייער איינציקער צייטפאַרטרייב, סיי אין נעפּאַנגענשאַפט, סיי אין גלות, איז די מורא פאַר זייערע עלטסטע און די מאַ-טערניש, וואָס נעמט זיך פון זייער פראָפעסיע. אַלץ איז פאַר זיי שווער און פרעמד; אין מיין קאָמפּאַניע זענען פאַראַן צוויי ברעטאָנער, וואָס זענען נאָך זעקס וואָכן איבונגען בשום אופן נישט אימשטאַנד געווען צו געדענקען דעם נאָמען פון זייער פּולקאָווניק.

„יעדן פרימאָרגן, אויסגעשטעלט אין איין שורה פאַרן סערזשאַנט, לערנען מיר זיך צוזאַמען מיט זיי אויף אויסנווייניק דעם דאָזיקן נאָמען, וואָרים די מיליטערישע בילדונג פאַר-פליכטעט אַלע זעלנער. אונזער פּולקאָווניק הייסט דיופּאָן. און

אזוי איז אויך מיט אַלע אַנדערע איבונגען. די אינטעליגענטע פּעיקע זעלנער וואַרטן אָן אַ סוף אויף די עמי-האַרצים.

ה׳ בערזשערע האָט געפרעגט, צי די אָפיצירן קולטיווירן אויך די מיליטערישע עלאָקווענץ, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן סערזשאַנט לעבערק.

— מיר האָבן, — האָט געענטפערט ה׳ רו, — אַ גאָר יונגן קאַפּיטאַן, וואָס פאַרהאַלט זיך גראָד פאַרקערט, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער העפלעכקייט. דאָס איז אַן עסטעט, אַ מיט-גליד פון „ראָזן-קרייץ" *). ער מאָלט בלאַסע ברוּדוּרט און מלאכים, וואָס שוועבן ארום איבער ראָזע און גרינע הימלען. איך שרייב די טעקסטן צו זיינע בילדער.

„בעת דעוואַל מאַכט דורך איבונגען אין די קאַזאַרמעס, בין איך אין דער פערזענלעכער דינסט פון מיין קאַפּיטאַן, וואָס באַשטעלט ביי מיר פערזן. ער איז פשוט אויסגעצייכנט. ער הייסט מארסעל דע לאזשער, און ער שטעלט אויס זיינע בילדער אין עוור-פּאַלאַץ אונטערן פסעוודאָנים דע-סין."

— צי איז ער אויך א העלד? — האָט געפרעגט ה׳ בערזשערע.

— דאָס איז א צווייטער הייליקער זשאָרזש. — האָט גע-ענטפערט ה׳ רו. — אים האָט באהערשט א מיסטישע אידעע פון דער מיליטערישער פּראָפעסיע. ער האלט, אז דאָס איז א אידע-אלער צושטאנד. מ׳גייט, נישט אומקוקנדיק זיך צוריק, צו א ציל, מ׳דערנענטערט זיך אין פרומקייט, צניעות און ערנסטקייט, צו מיסטעריעזע און נויטווענדיקע קרבנות. ער איז אויס-געצייכנט.

„איך לערן מיט אים די קונסט פון ווייסן פערז און פון דער ריטמישער פּראָזע. ער הייבט אָן צו שרייבן פּראָזע וועגן דער אַרמעע. ער איז גליקלעך, רויק און מילד. אין איינציקע זאַך פאַראומערט זיין נשמה, דאָס איז די פאָן. ער האַלט, אַז

---

*) אַזאַ מין שטופע אין די מאַסאנישע לאָזשעס, באַמ. פון איבערזעצער).

די בלויע, ווייסע און רויטע קאַלירן פון אונזער נאַציאָנאַלער פאָן זענען זיך סותר איינס דאָס אַנדערע. ער וואָלט געוואָלט, אַז די פאָן זאָל זיין פון אַ ראָזער אָדער פיאָלעט־קאָליר. ער חלומט וועגן הימלישע פענער. „ווען די דאזיקע דריי קאלירן,— זאגט ער צו מיר מיט טרויער, — וואלטן אַרויס פונם שטאנג, ווי דריי פלאַמען פון דער קיניגלעכער פאן, וואלט נאך געווען ווי עס איז אויסצוהאלטן. זייער ווערטיקאלע פאזיציע צעשניידט אבער מיט אן אכזריותדיקער אומזיניקייט די פלאטערנדיקע פראנזן פון דער פאן!״

„ער ליידט. ער איז אבער געדולדיק און מוטיק. איך חזר נאכאמאל איבער, אז ער איז א הייליקע״ זשארזש.

— לויט זיין פארטרעט, וואס איר האט מיר איצט אפּ־געמאלט, — האט געזאגט מאַדאם בערזשערע, — פיל איך צו אים זייער פיל סימפאטיע.

זי האט דאס געזאגט און שטרענג אנגעקוקט דעם ה׳ בערזשערע.

— און די אַנדערע אפיצירן, — האט געפרעגט ה׳ בער־זשערע. — צי וואונדערן זיי זיך נישט איבער זיין באנעמונג?

— אויף קיין פאל נישט, — האט געענטפערט ה׳ רו — בעת די גאטעסדינסטן און אויף די פארזאמלונגען רעדט ער נישט אויס קיין ווארט. ער האט דעם זעלבן אויסזעען, ווי אלע אנדערע אפיצירן.

— און די זעלנער, וואס זאגן זיי דערצו?

— אין די קאזארמעס זעען די זעלנער קיינמאל נישט זייערע אפיצירן.

— איר וועט עסן ביי אונז מיטאג, הער רו, — האט געזאגט מאדאם בערזשערע. — איר וועט אונז דערמיט פארשאפן א גרויס פארגעניגן.

די דאזיקע רייד האָבן לכתחילה ארויפגעבראכט דעם ה׳ בערזשערע אויפן געדאַנק די אידעע פון אַ פאשטעט. יעדעס מאָל, ווען מאַדאם בערזשערע פלעגט אומגעריכט פארבעטן עמיצן אויף מיטאָג, האָט זי באשטעלט אַ פאַשטעט ביים צו־

קער־בעקער מאַגלואַר, מערסטנטייל א פאַרעווען פאשטעט, וואָס האָט געהאַט זייער א דעליקאַטן טעם. ה' בערזשערע האָט דע־מאָלט זיך אויסגעמאָלט דעם פּאַשטעט, אָן שום באַגער, נאָר בלויז ווי אַן אָביעקט פון דער ריינער פאַנטאַזיע, א פּאַשטעט געפילט מיט אייער אָדער מיט פיש, וואָס האָט זיך געדרייכערט אויף א בראַט־פאַן אין בלויע שטריכן, אויפן דמשק־טישטוך, — א נביאהשע און גלייכצייטיק א וווּלגאַרע וויזיע.

דערנאָך האָט ער געטראַכט, אַז ה' רו האָט משמעות געמוזט שטאַרק נושא חן זיין אין די אויגן פון מאַדאַם בער־זשערע, אויב זי האָט אים איינגעלאַדן אויף מיטאָג. ווארים מעמעליע פלעגט זעלטן פאַרבעטן א פרעמדן צו איר באַשיידע־נעם טיש. זי פלעגט מורא האָבן פאַר בחנמדיקע אויסגאַבן און איבעריקע טרחה; די טעג, ווען זי פלעגט איינלאַדן געסט צום מיטאָג, האָבן זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע דורך צע־בראָכן טעלער, דורך מורא־אויסרופן און ביטערע טרערן פון דעם יונגן דינסטמיידל עאופעמיע.

אין אַזעלכע טעג איז די גאַנצע וווינונג פול געווען מיט א בייסנדן רויך, וואָס פלעגט אַרייַנדרינגען אין אַרבעטס־קאַ־בינעט און נישט לאָזן צורו דעם ה' בערזשערע, א פאַרזונ־קענעם צווישן די שאָטנס פון ענעאַסן, טורנוסן און פון דער אומדרייסטער לאַוויניע. פונדעסטוועגן האָט ער דעם פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור פאַרשאַפן אַן אמתן גחת־רוח צו עסן מיטאָג צוזאַמען מיט זיין תלמיד, ה' רו. ווארים ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן און פירן לאַנגע שמועסן.

מאַדאַם בערזשערע האָט צוגעגעבן:

— איר ווייסט דאָך, ה' רו, דאָס וועט זיין א מיטאָג אָן שום צערעמאָניעס.

און זי איז אַרויס, כדי אַרויסצוגעבן באַפעלן דעם דינסט־מיידל עאופעמיע.

— מיין טייערער פריינד, — האָט ה' בערזשערע זיך געווענדעט צו זיין תלמיד, — צי זענט איר נאָך אַלץ אַזוי

אַנהענגער פון חייסן פערז? איך האַלט, אַז די פּאָעטישע פאַר־מען ענדערן זיך אפּהענגיק סיי פון דער צייט, סיי פונם אָרט. איך ווייס, אַז דער פראַנצויזישער פערז האָט אין משך פון פילע יאָרהונדערטער דורכגעמאַכט אַן אומאויפהערלעכן פּראָצעס; אַ פאַרבאָרגענער הינטער מיינע העפטן פון דער פערזן־לערע, קאָן איך נאָר דיסקרעט שמייכלען איבערן רעליגיעזן פאַראורטייל פון די דיכטער, וועלכע האָבן מורא מ׳זאָל זיך צורירן צום אינסטרו־מענט, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן דורך זייער זשעני.

„איך האָב באַמערקט, אַז זיי באַגרינדן לחלוטין נישט די כּללים, לויט וועלכע זיי שאַפן, און איך בין גענייגט צו גלויבן, אַז די דאָזיקע סבה דאַרף מען נישט זוכן אינעם פערז אַליין, נאָר פיל מער אינעם געזאַנג, וואָס פלעגט אים פאַרצייטנס באַ־גלייטן. לסוף בין איך אַ סך מער עלול צו באַגרייפן די נייע רעפאָרמען, וואָרים מיט מיר פירט אַן דער וויסנשאַפטלעכער גייסט, וואָס איז פון דער נאַטור אויס ווייניקער קאָנסערוואַטיוו, ווי דער קינסטלערישער גייסט.

„אָבער נישט געקוקט דערויף בין איך פאָרט נישט אים־שטאַנד צו באַגרייפן דעם ווייסן פערז און פעסטצושטעלן זיין דעפיניציע. עס לאָזט מיך נישט צורו דאָס, וואָס ער האָט נישט קיין פעסטגעשטעלטע גרענעצן.״

ביי די רייד איז אַ גראַציעזער יונגער־מאַן, מיט פיינע בראָנזענע געזיכטס־שטריכן, אַריין אין קאַבינעט פון פּראָפעסאָר. דאָס איז געווען דער קאָמאַנדאָר אַספּערטיני פון נעאַפּאָל, פּי־לאָלאָג, אַגראָנאָם, און דעפּוטאַט פון איטאַליענישן פּאַרלאַמענט; אין משך פון צען יאָר האָט ער געפירט מיטן ה׳ בערזשערע אַ וויסנ־שאַפטלעכע קאָרעספּאָנדענץ, לויטן מוסטער פון די גרויסע הומאַניסטן פון רענעסאַנס און פון זיבצנטן יאָרהונדערט. אַלע מאָל, בעת ער האָט געמאַכט אַ נסיעה קיין פראַנקרייך, פלעגט ער קיינ־מאָל נישט פאַרפעלן זיך צו זען מיט זיין קאָרעספּאָנדענט פון יענער זייט אַלפּן־בערג.

קאַרלאָ אַספּערטיני האָט זיך קונה שם געווען דורך דעם, וואָס אים איז געלונגען איבערצולייענען אַ גאַנצן טראַקטאַט

פון עפיקור פון א האלב-פארקוילטן פאמפעישן כתב-יד. איצט האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער אגריקולטור, פּאָליטיק און פינאַנצן; ער איז אבער אויך געווען אַ הייסער אָנהענגער פון דער נו-מיזמאטיק *), און זיינע עלעגאַנטע הענט האָבן פּשוט געפילט אַ נויטווענדיקייט צוצורירן זיך צו מעדאַלן. קיין * * * האָט אים געצויגן נישט בלויז דער פארלאנג זיך צו זעען מיטן ה' בער-זשערע, נאר אין אַ גרויסער מאָס אויך דער חשק נאכאמאָל אָנ-צוקוקן די אומפארגלייכלעכע קאָלעקציע פון די פּארצייטיקע מטבעות, וואָס איז אַוועקגעשאָנקען געוואָרן דער שטאָטישער ביבליאָטעק דורך בושע דע-לאַ-סאַל. חוץ דעם פלעגט ער דאָ אַראָפּקומען, כדי נאָכצוקוקן די בריוו פון מוראטארי, וואָס האָבן זיך אויך דאָ געפונען. די דאָזיקע ביידע לייט, וואָס די וויסנ-שאַפט האָט זיי דערנענטערט, האָבן זיך פארוואָרפן מיט קעגנ-זייטיקע באגריסונגען. שפּעטער, אַז דער נעאַפּאָליטאַנער האָט באַמערקט דעם מיליטער-מאַן, האָט ה' בערזשערע אים דערקלערט, אַז דער דאָזיקער גאַלישער זעלנער איז אַ יונגער פילאָלאָג, וואָס שטודירט מיט אַ גרויסער התמדה די לאַטייַנישע שפראַך.

— דאָס יאָר, — האט ה' בערזשערע צוגעגעבן — לערנט ער זיך אין דער קאַזארמע, ווי אַזוי צו שטעלן אַ פּוס. און איר זעט אין אים דאָס, וואָס אונזער אויסגעצייכנטער דיוויזיע-פירער, גענעראל קארטיע דע שאלמאָ, באַצייכנט מיטן נאָמען עלעמענטארער טאַקטישער אינסטרומענט, אָדער ווי מ'זאגט אויף פּראָסט לשון אַ זעלנער. הער רו מיין תלמיד איז אַ זעלנער. און ווייל ער שטאַמט פון אַ יחוסדיקער פאַמיליע, ווייסט ער ווי אָפּצושאצן דעם זעלנערישן כבוד.

„דעם אמת זאגנדיק, טיילט ער דעם גורל פון אלע יונגע לייט אין דער שטאָלצער אייראָפּע, פון וועלכן עס געניסן אויך אייערע נעאַפּאָליטאַנער זינט זיי געהערן צו דער גרויסע אי-טאליענישער נאציע."

*) נומיזמאַטיק—וויסנשאַפט וועגן אלטע מטבעות. (באַמ. פ. איבעז.)

— נישט קוקנדיק אויף מיין לאָיאַלער באַציִונג צו דער דינאַסטיע פון סאַבאַודיע, — האָט געענטפערט דער קאָמאַנדאָר, — מוז איך מודה זיין, אַז די מיליטער-דינסט און די שטייערן באַאומרויקן אויף אַזוי ווייט דאָס נעאַפּאָליטאַנער פאָלק, אַז גאַנץ אָפט באַדויערט עס זייער די אַמאָליקע גוטע צייטן פון קיניג באָמבאַ, וואס אונטער זיין לייכטזיניקער הערשאפט האט מען געלעבט פריילעך און אן דאגות.

„אונזערע לייט האבן ליב נישט צו צאָלן קיין שטייערן און נישט צו דינען אין מיליטער. דער געזעצגעבער פארשטייט אפשר בעסער די נויטווענדיקייטן פון נאציאנאַלן לעבן. איך ווייסט דאך אבער גאנץ גוט, אז איך פון מיין זייט האָב אלעמאָל באקעמפט די פאליטיק פון די מעגאלאָמאַנען און איך באדויער די אומגעהייערע באוואפענונגען וואס שטערן דעם אינטעלעקטועלן, מאטעריעלן און מאראלן פראָגרעס אין דער קאנטינענטאלער אייראפע. דאס איז א גרויס משוגעת, וואס רויִנירט אונז און וועט זיך לעכערלעך ענדיקן.

— איך פון מיין זייט, זע נישט פאר, אז די באוואָפענונגען זאלן זיך אזוי שנעל ענדיקן, — האט געענטפערט ה׳ בערזשערע, — קיינער שטרעבט ניטט דערצו. חוץ אייניקע חכמים אָן קראפט און באדייטונג. די מלוכה-פירער קענען נישט זיין קיין אָנהענגער פון אַנטוואפנונג, ווארים דאס וואָלט נאָך מער קאמפליצירט זייערע פונקציעס און זייער שלעכטע פּאָזיציע, און ס'וואלט צוגענומען ביי זיי א גלענצנדן אינסטרומענט פון הערשאפט.

„ווארים די באיואָפנטע פעלקער לאזן זיך לייכט פירן פאר דער נאז. די מיליטערישע דיסציפלין מאַכט פון זיי געהארכזאמע שעפסעלעך; דעמאָלט דארף מען שוין נישט מורא האבן נישט פאַר קיין אויפשטאַנד, נישט פאר קיין אומרוען און עקסצעסן. בעת די מיליטער-דינסט איז אָבליגאטאריש פאַר אלע, בעת אַלע בירגער זענען זעלנער, אָדער זיי זענען אזעלכע געווען, ווערן די סאציאלע כוחות אויסגעשטעלט אויף אזא אופן, זיי זאלן קענען

באשיצן די מאכט, אדער אפילו איר אפוועזנהייט, ווי מיר זע-
ען עס אין פראנקרייך.״

אין דער רגע בעת ה׳ בערזשערע האט ארויסגעזאגט זיינע פאליטישע באטראכטונגען, האט פון דער שכינותדיקער קיך, דער-גרייכט אַהער דאס צישן פון שמאַלץ, וואס האט זיך אויסגע-גאסן אויף דער הייסער קיך; דער פראָפעסאר פון ליטעראטור האט דערפון ארויסגעדרונגען, אז די קעכין עאופעמיע האָט, ווי איר שטייגער איז אין יום-טובדיקע טעג איבערגעדרייט אין פייער אריין א פולע בראָט-פאַן מיט שמאַלץ, וואס איז אומ-פארזיכטיק אוועקגעשטעלט געווארן אויף א פיראמידע פון קוילן.

ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אזעלכע פאקטן קומען פאר מיט דער אומפארמיידלעכער גענויקייט פון די גע-זעצן, וואס רעגירן מיט דער וועלט. אַן אומדערטרעגלעכער רויך פון צוגעברענט שמאַלץ איז אריינגעדרונגען אין ארבעטס-קא-בינעט, און ה׳ בערזשערע האט ווייטער אנטוויקלט זיינע געדאנקען:

— ווען אייראָפע וואָלט נישט געווען אין די קאזאַרמעס, וואָלטן מיר, ווי אַמאָל, געווען עדות פון רעוואָלוציע-אויסברוכן אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד אָדער איטאַליע. אָבער די פינצ-טערע כוחות, וואָס ברויזן אויף פון צייט צו צייט אויף די גאַסן פון די הויפט-שטעט ווערן ביים היינטיקן טאָג רעגל-מעסיק פאַרברויכט אין די מיליטערישע גאַרניזאָנען אויף זאָטלען פערד, און פאַרוואַנדעט אין פאַטריאָטישע געפילן.

„די ראַנגע פון אַ קאָפּראַל דינט שוין ווי אַ געהעריקער אָפּפלוס פון ענערגיע פאַר די יונגע העלדן, וואָס וואָלטן אויף דער פרייהייט געבויט באַריקאַדן, כדי אויסצוגלייכן די אָרעמס. נאָר וואָס בין איך טאַקע געוויר געוואָרן, אַז אַ סערזשאַנט מיטן נאָמען לעברעק האָלט דערהויבענע רעדעס. אין אַ ציווילן רעקל וואָלט דער דאָזיקער העלד געשטרעבט צו פרייהייט. טראָגנדיק אָבער אַ מונדיר, שטרעבט ער צו טיראַניע און באַפעסטיקט אויף אַזא אופן דעם הערשנדן רעזשים.

„עס איז זייער לייכט אונטערצוהאלטן דעם אינערלעכן שלום ביי באוואָפנטע פעלקער. און איר וועט מוזן מודה זיין, אַז אין משך פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר איז פאריז איין איינציק מאָל געווען אין אן אויפברויז-צושטאנד, און דאָס איז געשען נאָר אדאנק א קריגס-מיניסטער. א גענעראל איז געווען בכוח אויפצוטון דאָס, וואָס א פאָלקס-טריבון וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט דורכפירן. און מיטן מאָמענט, ווען דער גענעראל איז דערווייטערט געוואָרן פון דער ארמעע, איז ער דערמיט אויך אוועק פון פאָלק און ער האט פארלוירן זיין השפעה.

„עס איז אינגאנצן גלייכגילטיק, צי די מלוכה איז אן אימפעריע, א מאָנארכיע אדער א רעפובליק. אירע פירער וועלן אלעמאל זיין פאראינטערעסירט אין דער אָבליגאטארישער מיליטער-דינסט פאר אלע, כדי אנשטאט צוהערשן איבער דער נאציע, קענען אנפירן מיט דער ארמעע.

„די אנטוואפנונג, וואס ליגט נאטירלעך נישט אין די אינטערעסן פון די מלוכה-פירער, געפינט אויך נישט אזא שטארקן אָפקלאנג ביים פאלק. די פעלקער נעמען אויף זייער גערן די מיליטער-דינסט, וואס איז דעם אמת געזאגט נישט קיין איבריק אנגענעמע זאך, דערפאר אבער אנטשפרעכט זי דעם אכזריות-דיקן, נאַיוון אינסטינקט פון דער מערהייט מענטשן. אין זייערע אויגן איז דאָס דער פשוטסטער און שטאַרקסטער אויסדרוק פון זייער פליכט, עס פאַרבלענדט זיי מיט דער גרויסקייט און פראַכט-פולקייט פונם מלוכה-אַפּאַראַט מיטן גלאנץ פון מעטאַל, וואָס ווערט דאָרט באנוצט און ברענגט זיי לסוף אַריין אין התפעלות, אויסמאָלנדיק פאַר זייער פאנטאזיע בילדער פון קראַפט, גרויס- און רום.

„זיי גיבן זיך איר איבער מיטן לייב און לעבן, מיט געזאַנג אויף די ליפן; אויב זיי טוען עס נישט מיטן גוטן ווילן, נעמט מען זיי צו מיט געוואלט. איך זע נישט דעריבער, ס'זאָל נעמען א סוף צום ערווירדיקן מצב, וואָס פאַראָרעמט און מאַכט צו נאַר די אייראָפעישע פעלקער.

— ס'זענען פאַראַן צוויי אויסוועגן, — האָט געענטפערט דער קאָמאַנדאַר אַספּערטיני: — מלחמה אָדער באַנקראָט.

— מלחמה! — האָט אויסגערופן ה' בערזשערע. — עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אז דווקא די גרויסע באוואָפנונגען האלטן אָפּ פון א מלחמה, וואָרים זיי שטעלן זי פאַר אין די מוראדיקסטע פארבן, — אזוי אז דער אויסגאנג פון דער מלחמה איז תמיד אומבאוווסט פאר ביידע צדדים. וואָס שייך ווידער א באַנקראָט, האָב איך זיך שוין געהאט וועגן דעם אויסגעדריקט אין אַנדערש מאָל, בעת איך בין אנומלט געזעסן אויף דער באַנק אין דער שפּאציר-אַלעע צוזאמען מיטן רעקטאָר פון אונזער סעמינאַר, דעם גלח לאַנטען. מען דאַרף מיר איבריקנס נישט גלויבן דערין. איר, טייערער הער אַספּערטיני, וואָס איר זענט גוט באהאוונט אין דער געשיכטע פון ביזאַנץ, האָט געמוזט מסתמא באמערקן, אז די פעלקער פארמאגן טיילמאל מיסטעריעזע, פינאנסיעלע קוועלן, וואס פארחידושן זייער שטארק די עקאָנאמיסטן. א רויניִרטע נאציע קאן לעבן גאנצע פינף הונדערט יאָר פון גזלה און רויב, און ווער איז עס אימשטאַנד איבערצוציילן, וויפיל אַ גרויס פאָלק איז ביי זיין גאַנצן דלות, ביכולת צוצושטעלן קאַנאָנען, ביקסן, שלעכט ברויט, שלעכטע שיך, שטרוי און האָבער פאַר זיינע פאַרטיידיקער?

— דאָס איז נאָר אויבנאויפיק גערעדט, — האָט געענטפערט דער קאָמאַנדאַר אַספּערטיני. — פונדעסטוועגן גלויב איך, אַז מיר שטייען שוין ערב דעם אוניווערסאַלן שלום.

און דער בנעימותדיקער נעאַפּאָליטאַנער האָט מיט אַ זינגענדיקער שטים אָנגעהויבן אַרויסצוזאָגן זיינע האָפנונגען און ווּנשן. זיינע רייד זענען באַגלייט געוואָרן פון די הוילע קלעפּ פון האַקמעסער, מיט וועלכן די יונגע עאופעמיע האָט פון יענער זייט וואַנט, אין קיך געהאַקט קאָטלעטן פאַרן ה' רו.

— איר דערמאָנט אייך מסתמא, ה' בערזשערע, — האָט זיך אָנגערופן דער קאָמאַנדאַר אַספּערטיני, -- דאָס אָרט אין „דאָן קישאָט", ווו סאַנטשאָ-פאַנטשאָ קלאָגט זיך אויף זיינע

בסדרדיקע און שרעקלעכע דורכפאַלן. דערויף ענטפערט אים דער גייסטרייכער ריטער, אַז די לאַנגדויערנדיקע נויט איז אַ סימן פונם נאָנטן גליק. „וואָרים, זאָגט ער צו אים, דאָס גליק ענדערט זיך אָפט, אונזערע צרותהאָבן שוין צו לאַנג געדויערט, כדי זיי זאָלן נישט מוזן אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן גליק". דאָס בלויזע געזעץ פון די ענדערונגען . . .

דער ווייטערדיקער המשך פון די דאָזיקע אָפּטימיסטישע רייד איז פאַרלוירן געגאַנגען אין אַן אויפרייס פון אַ קעסעלע הייס וואַסער און אינמיטן די אוממענטשלעכע געשרייען פון עאוּפעמיע, וואָס איז אין גרויס שרעק אַנטלאָפן פון די טעפּ.

און ה׳ בערזשערע איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אומעט צוליב דער עלנטקייט פון זיין קאַרג, דלותדיק לעבן, און ער האָט געחלומט וועגן אַ ווילע, ווו ער וואָלט אויף דער ווייסער טעראַסע ביים ברעג פון אַ בלויער יעזשיערע, געפירט רויקע שמועסן מיטן קאָמאַנדאַר אַספּערטיני און ה׳ רו, און אַרום אים וואָלט אין דער לופטן זיך געטראָגן דער בשמים־ריח פון מירטן, די פאַרליבטע לבנה וואָלט אַרומגעשווומען איבערן הימל, וואָס איז קלאָר און לויטער, און מילד, ווי דער אָטעם פון די געטינס.

ער האָט זיך אָבער שנעל אָפּגעטרייסלט פון זיינע חלומות, און זיך אומגעקערט צום אָנגעהויבענעם שמועס.

— די מלחמה — האָט ער זיך אָנגערופן, — איז גורם אומענדלעכע קאָנסעקווענצן. אָט למשל ווער איך געוויר פון אַ בריוו פון מיין האַרציקן גוטן פריינד וויליאַם האַרריסאָן, אַז אָנהויבנדיק פון יאָר 1871 באַציט מען זיך אין ענגלאַנד מיט גרויס ביטול צו דער פראַנצויזישער וויסנשאַפט, און אַז אויף די אוניווערזיטעטן אין קעמברידזש, אָקספאָרד און דובלין, מאַכט מען לייכטזיניק אַוועק מיט דער האַנט דאָס אַרכעאָלאָגישע האַנט-בוך פון מאַריס רענואַר, וואָס וואָלט פונדעסטוועגן געקאָנט ברענגען די סטודענטן אַ סך מער נוצן, ווי אַלע אַנדערע האַנטביכער פון דעם מין.

„מ׳וויל זיך אָבער נישט לערנען אין דער שולע פון די באַזיגטע. ווייל מען גלויבן די רייד פון אַ פּראָפעסאָר, וואָס

לייענט לעקציעס וועגן דעם כאראקטער פון דער עגיפטישער קונסט *) אדער וועגן דער אָפּשטאמונג פון דער גריכישער קעראַמיק, מוז מען קודם־כל געהערן צו אַ פאלק, וואס צייכנט זיך אויס אין בויען קאַנאָנען. אַזוי אבער ווי דער מארשאַל מאַק־מאַאָן האט אין יאר 1870 געליטן אַ מפּלה ביי סעדאַן, און דער גענעראל שאַנזי האָט מיט א יאָר שפּעטער פאַרלוירן זיין אַרמעע ביים מען, איז דעריבער זיין קאלעגע מאריס רענואר אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אוניווערזיטעט אין אקספארד. אַזעלכע זענען די לאַנגזאמע, זייטיקע אבער זיכערע רעזולטאַטן פון א מיליטערישער מפּלה. און עס איז דאָך דער ריינער אמת, אַז פון דער שווערד איז אפּהענגיק דער גורל פון די מוזעס.

— מיין טייערער הער בערזשערע, — האט געזאגט דער קאָמאַנדאָר אַספּערטיני, איך וועל אייך ענטפערן מיט דער אָפנ־הארציקייט, וואס איז דערלויבט צווישן פריינד. לאָמיר לכתחלה אַנערקענען, אַז דער פראנצויזישער געדאַנק נעמט אַן אַנטייל, ווי אַמאָל, אין דער גייסטיקער באוועגונג פון דער וועלט. אמת איז טאקע, אַז דאס אַרכעאָלאָגישע האַנטבוך פון אייער זייער געלערנטן בירגער מאָריס רענואַר איז נישט אנגענומען געוואָרן אויף די ענגלישע אוניווערזיטעטן, א פאקט איז דאך אבער, אַז אייערע טעאַטער־פּיעסן ווערן אויפגעפירט אויף די סצענעס פון דער גאַנצער וועלט, די ראָמאַנען פון אַלפאָנס דאָדע און פון עמיל זאָלאַ ווערן איבערגעזעצט אויף אַלע שפּראַכן; די בילדער פון אייערע מאלער זענען אויסגעשטעלט אין די גאַ־לעריעס פון ביידע האַלבקוילן פון דער וועלט; די ארבעטן פון אייערע געלערטע זענען נאָך ביים הייַנטיקן טאָג בארימט אויף דער גאנצער וועלט.

„אין אויב אייער נשמה מאַכט נישט מער אויפציטערן ד

*) די עלטסטע קונסט־שולע אין גריכנלאַנד, אויסגעצייכנט זיך מיט אירע פּרימיטיווע סקולפּטורן, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן אין יאר 1811. (באַמ. פ. איבערזעצער).

נשמות פון די פעלקער, אויב אייער שטים מאכט נישט מער קלאפן דאָס האַרץ פון דער גאַנצער מענטשהייט, איז עס דער־פאַר, וואָס איר ווילט מער נישט זיין די אַפּאָסטאָלן פון דער גערעכטיקייט און ברודערלעכקייט, דערפאַר וואָס איר באַנוצט אייך שוין מער נישט מיט די הייליקע לאָזונגען, וואָס ברענגען די מענטשן אַ טרייסט און נייע כוחות; וואָרים פראַנקרייך איז שוין נישט מער דער פריינד פון מענטשלעכן מין, די מיטביר־גערין פון פעלקער, זי עפנט שוין מער נישט אויף אירע אָרעמס, כדי צו צעשפּרייטן די זאמען פון פרייהייט, וואָס זי האָט אַמאָל געהאַט צעוואָרפן איבער דער גאַנצער וועלט מיט אזאַ ברייטער און גנידישער האַנט, אַזוי אַז יעדע שיינע מענטשלע־כע אידעע פלעגט אַ לאַנגע צייט גילטן ווי א פראַנצויזישע אידעע.

„פראַנקרייך איז שוין נישט מער דאָס לאַנד פון פילאָזאָפן און פון דער רעוואָלוציע; פון די בוידעם־שטיבלעך אין שכנות פון פּאַנטעאָן און פון לוקסענבורג־שלאָס זענען שוין פארשוווּנדן די יונגע מייסטערס, וואָס האָבן און לאַנגע נעכט, ביי נישט געהיבלעוועטע טישן, געשריבן יענע זייטלעך, פון וועלכע פעל־קער האָבן אויפגעציטערט אין טיראַנען זענען בלאס געוואָרן. באַקלאָגט זיך נישט דעריבער, אַז איר האָט פארלוירן דעם רום, פאר וואָס אייער פארזיכטיקייט שרעקט זיך אזוי שטארק.

„קודם כל זאגט נישט, אז א״ערע דורכפאַלן זענען אַ פּועל יוצא פון אייערע מפּלות, זאָגט בעסער, אַז זיי נעמען זיך פון אייערע פעלערן. א פאָלק ליידט נישט מער פון אַ פאַר־לוירענער שלאכט, ווי אַ שטאַרקער מאן, וואס איז לייכט פאר־וווּנדעט געוואָרן אין אַ דועל. דאָס איז אַ קלאפּ, וואס איז קוים גורם אַ פאַרבייגייענדיקע צערודערונג אין דער ווירטשאפט און אין אָפּשוואכונג, וואס לאזט זיך פאריכטן.

„כדי דאָס דאָזיקע צו באזייטיקן, איז גענוג צו האבן אַ ביסל שכל, געשיקטקייט און אַ פּאָליטישן חוש. דער ערשטער, דער נויטווענדיקסטער און גלייכצייטיק דער לייכטעסטער, שריט איז

ארויסצוציען פון יעטוועדער מפּלה דעם גאנצן מיליטערישן כּבוד, וואָס זי קאָן נאָך געבן.

„אויב מ׳זאָל זיך גוט פאַרטראַכטן, האָט דער רום פון די באזיגטע דעם זעלבן ווערט, ווי פון די זיגער. פאַרקערט, ער רירט אונז נאָך אפשר מער. אויב מ׳וויל פאַרהערלעכן אַ מפּלה איז קודם כּל נויטווענדיק צו לויבן ביז אין הימל אַריין דעם גענעראַל און די אַרמעע, וואָס האָבן געליטן די מפּלה, און פאַרעפנטלעכן יענע שיינע עפּיזאָדן, וואָס ריגלען אַרום דאָס אומגליק מיט אַ דערהויבענעם מאָראַלישן אוירעאָל. אַזעלכע מאָלן טרעפן זיך אויך אין די בהלהדיקסטע אַנטלויפעניש.

„די באַזיגטע דאַרפן קודם כּל באַפּוצן, פאַרשענערן, באַגילדן זייערע מפּלות און אויסקריצן אויף זיי דעם חותם פון גרויסקייט און שיינקייט. ביי טיטוס ליוויוסן *) לייענען מיר, אַז די רוימער פלעגן אויך אַזוי צו האַנדלען, אַז זיי פלעגן באַפּוצן מיט גרינס און קראַנצן די שווערדן, וואָס זענען צעבראָכן געוואָרן ביי טרעביאַ, טראַזימענע און קאַן. אפילו די קלאָגעדיקע פּאָסיוויטעט פון פּאַביוסן האָבן זיי אַזוי שטאַרק געלויבט, אַז נאָך צוויי און צוואַנציק יאָרהונדערטער, ווערט מען נאָך אַלץ נתפּעל פון דער קלוגשאַפט פון פּאַביוס קונקטאַטאָר, וואָס איז זיין דער אמתן געווען אַ גרויסער שוטה. דאָס איז די ערשטע קונסט פון די באַזיגטע.

— די דאָזיקע קונסט איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ בערזשערע, — אין איטאַליע איז זי באַקאַנט געווען נאָך אין אונזערע צייטן, נאָך באַוואַרע, נאָך ליסאַ, נאָך אַדואַ.

— מיין טייערער הער בערזשערע, — האָט דערויף געענטפערט דער קאָמאַנדאָר אַספּערטיני, — בעת די איטאַליענישע אַרמעע קאַפּיטולירט, שאַצן מיר ריכטיק אָפּ, אַז די דאָזיקע קאַפּיטולאַציע איז געווען רומפול. אַ רעגירונג, וואָס שטעלט

*) טיטוס ליוויוס — באַקאַנטער רוימישער היסטאָריקער (באַמ. פ. איבער־זעצער).

פאר אַ מפּלה אין אַ עסטעטישער פאָרם, פאַרשאַפט זיך אין אייגענעם לאַנד די רעפּוטאַציעס פון אַ פּאַטריאָטישער רעגירונג און אין די אויגן פון אויסלאַנד באַקומט זי אַ באַזונדערן אינטערעס. דאָס איז שוין אויך אַ שיינער רעזולטאַט. אין יאָר 1870 איז עס בלויז אָפּהענגיק געווען פון די פראַנצויזן צו דערגרייכן די זעלבע רעזולטאַטן. ווען דער סענאַט און די דעפּוטאַטן-קאַמער צוזאַמען מיט אַלע מלוכה-קערפּערשאַפטן וואָלטן אויף דער ידיעה וועגן דער מפּלה ביי סעדאַן איינשטימיק און פייערלעך געדאַנקט דעם קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און דעם מאַרשאַל מאַק-מאַאָן דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָנגענומען די שלאַכט און זיך נישט מיאש געווען מציל צו זיין דאָס פאַ-טערלאַנד, — צי גלויבט איר דען נישט, אַז די פראַנצויזישע אומה וואָלט פון דער מפּלה פון איר אָרמע זיך פאַרשאַפן דעמאָלט אַ סך מער רום און אַ סך שטאַרקער אויסגעדריקט איר גלויבן אין נצחון?

„זייט וויסן, טייערער הער בערזשערע, אַז איך האָב נישט אויף אַזוי פיל חוצפּה כּדי צו געבן אייער פּאַטערלאַנד לעק-ציעס פון פּאַטריאָטיזם. איך וואָלט זיך אַליין דערמיט צו פיל שאָדן געבראַכט. איך גיב אייך בלויז איבער אייניקע באַמער-קונגען, וואָס מ'וועט נאָך מיין טויט געפינען פאַרצייכנט מיט אַ בלייפעדער אויף די ראַנדן פון מיין עקזעמפּלאַר פון טיטוס ליוויוס.

— דאָס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, — האָט זיך אָנ-גערופן ה' בערזשערע, — אַז דער קאָמענטאַר צו די דעקאַדן איז מער ווערט, ווי דער טעקסט אַליין. רעדט אָבער ווייטער.

דער קאָמאַנדאַר האָט אַ שמייכל געטון און ווייטער אַנט-וויקלט זיינע געדאַנקען:

— דאָס פּאַטערלאַנד טוט זייער קלוג, בעת עס וואַרפט פּולע הויפנס ליליען אויף די ווונדן, וואָס זענען געמאַכט גע-וואָרן דורכן קריג. שפּעטער באַטראַכט עס די ווונד דיסקרעט, שטילערהייט, מיט אַ האַסטיקן בליק. אויב דער קלאַפּ איז געווען אַ שווערער, אויב די כּוחות פון לאַנד זענען ערנסט אָפּגעשוואַכט

געהאָרן, הויבט אָן דאָס פאטערלאַנד באלד צו פירן אונטערחאנדלונגען.

„כדי אונטערצוהאנדלען מיטן זיגער איז די באַנטסטע צייט די בעסטע. דער קעגנער, צעטומלט פון זיין אייגענעם נצחון, נעמט אויף מיט פרייד די שלום-פּראָפּאָזיציעס, וואָס האבן דעם צוועק צו פארוואנדלען זיינע ערשטע דערפּאָלגען אויף אַ דעפיניטיוון גליק. ער האָט נאָך נישט געהאט גענוג צייט אריינצופאלן אין א גאווה צוליב זיין דערפאלג און זיך ערגערן צוליב דעם צו לאנגן ווידערשטאנד. ער קאָן נישט פאָדערן קיין איבעריק גרויסע אנטשעדיקונג פאר אַ גענוג מיטלמעסיקן שאדן. אין דער סטאַדיע פון די אונטערהאנדלונגען זענען זיינע פרעטענזיעס נאָך נישט אזוי שטארק געוואָקסן. ס'קאָן זיין, אז ער וועט דעמאָלט נישט איינגיין צו שליסן א שלום פאר א ביליקן פרייז. איר מעגט אָבער זיין זיכער, אז איר וועט באצאָלן אַ סך טייערער, אויב איר וועט זיך פארשפעטיקן מיט אייערע שלום־פארשלאַגן.

„די גאַנצע חכמה באשטייט אין דעם, אָנצוהייבן די אונטערהאנדלונגען נאָך איידער מ'האָט ארויסגעוויזן די גאַנצע שוואַכקייט. מ'פּועלט דעמאָלט אויס א סך בעסערע באַדינגונגען, וואָס ווערן נאָך מילדער אַ דאנק דער אינטערווענץ פון די נייטראלע מלוכות. וואס שייך ווידער דעם אופן פון זוכן אַ רעטונג אין דער פארצווייפלונג און שליסן שלום ערשט באכן נצחון, זענען דאָס בלי ספק גאנץ שיינע מאקסימען, וואָס זענען אָבער שווער דורכצופירן אין די היינטיקע צייטן, — ווו פון איין זייט די אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע פאדערונגען פונם מאדערנעם לעבן, און פון דער אנדערער זייט, די ריזיקע אַרמעען, וועלכע מ'דארף באקליידן און שפייזן — דערלויבן נישט צו פארלענגערן דעם קריגס־צושטאנד אָן אַ סוף, און אויף אזאַ אופן לאָזן זיי נישט איבער דעם שוואכערן קיין צייט אויף צו ברענגען אין אָרדנונג זיינע ענינים.

„פראנקרייך איז אין יאָר 1870 געווען באַהערשט פון די איידלסטע געפילן. לויטן געזונטן שכל האט זי אָבער באדארפט באלד נאָך די ערשטע מפּלות, אָנהויבן צו פירן בכבודיקע אונטערהאנדלונגען. זי האט פארמאָגט אַ רעגירונג, וואָס האט געקאָנט און באדארפט נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפגאַבע און וואלט זי בכוח געווען דורכצופירן אויף די בעסטע באדינגונגען, אויף וועלכע מ׳האָט ביז איצט געקאָנט האָפן.

„פונם שטאַנדפונקט פון געזונטן שכל האט זיך געפאדערט ארויסצובאקומען פון דער רעגירונג די דאָזיקע געפעליקייט נאָך איידער זי האָט זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע. געהאנדלט האט מען אָבער פונקט קאַפויער. גאנצע צוואָנציק יאָר האט פראנקרייך געדולדיק טאָלערירט די רעגירונג פון נאַפּעלעאָן דעם דריטן, און אינם מאָמענט, ווען די רעגירונג איז דעם לאנד געווען צום נויטיקסטן, האָט די פראנצויזישע נאַציע מיטאמאָל געפועלט ביי זיך זי אראָפּצוּוואַרפן, און זי פארטוישט מיט אן אנדער רעגירונג, וואָס הגם זי האט זיך נישט סאָלידאריזירט מיט דער פריערדיקער, איז זי אָבער געווען געצוווּנגען אָנצוהויבן אויפסניי די מלחמה, בעת זי איז אינגאנצן נישט צוגעגרייט געווען צו דעם. שפּעטער איז געקומען א דריטע רעגירונג, וואָס האָט געפרוּווט צו פארפעסטיקן זיך ביי דער מאכט.

„ווען דאָס וואָלט זיך איר איינגעגעבן, וואָלט מען אויפסניי אָנגעהויבן די מלחמה, ארויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די ערשטע צוויי פרוּוון רעכענען זיך נישט לגמרי, מחמת דעם, וואָס זיי זענען דורכגעפאלן. מ׳האָט באדארפט, וועט איר זאָגן, צופרידנשטעלן דעם נאציאָנאַלן כבוד. אייער בלוט האָט איר אָבער פאַרגאָסן סיי פאַרן כבוד פון דער אימפעריע און סיי פון דער רעפּובליק; איר זענט דאָך אפילו גרייט געווען צו פארגיסן אייער בלוט פארן כבוד פון דער קאָמונע. ס׳איז דאָך אָבער קלאָר, אַז אַ פאָלק, ווי שטאָלץ עס זאָל נישט זיין, דארף קודם כל צופרידנשטעלן איין איינציקן כבוד. דער דאזיקער איבערפלוס פון איידלקייט האָט אייך צוגעפירט צו אזא מצב פון

אויסערגעוויינלעכער שוואכקייט, פון וועלכער איר הייבט זיך אָן צום גליק ביסלעכווייז אָפּצוטרייסלען...״

— אויף אַזאַ אופן, — האט אים ה׳ בערזשערע איבערגע־שלאָגן די רייד, — קומט אויס, אַז ווען איטאַליע וואָלט צע־שלאגן געווארן ביי וויסעמבורג און רייכסהאפען, וואלטן די דאָ־זיקע מפלות זיי אריינגעבראכט בעלגיע. מיר זענען אָבער אַ פאלק פון העלדן, און מיר גלויבן שטענדיק, אַז מ׳פאַרראַט אונז. אָטאָ דאָס איז אונזער גאַנצע געשיכטע.

„נעמט אויך און באַטראַכט. אַז מיר זענען אַ דעמאָקראַ־טישע מלוכה: דאס איז אַזאַ מין רעזשים, וואָס איז צום ווײ־ניקסטן געניגט צו אונטערהאנדלונגען. מ׳קאָן נישט פארלייקענען, אַז מיר האָבן זיך לאַנג און מוטיק פאַרטיידיקט. מ׳האלט אונז אויך פאַר סימפּאַטישע מענטשן, און איך גלויב, אַז אזוי איז עס. די שיינע זשעסטן פון דער מענטשהייט זענען איבריקנס קיינמאָל נישט געווען מער ווי אַ פּוסטע לצנות. און די געשיכ־טע־שרייבער, וואָס אַנטפּלעקן אַ געוויסע אָרדנונג אינם המשך פון די געשעענישן, זענען נישט מער ווי פּראַזעאָלאָגן. באָסוע...

אין דער רגע, בעת ה׳ בערזשערע האט ארויסגעזאגט דעם דאזיקן נאָמען, איז די טיר פונם קאַבינעט אויפגעפּראַלט געווארן מיט אַזאַ געטראַסק, אַז דער הילצערנער מאַנעקען האט זיך געהאלטיק אַ טרייסל געטאָן און זיך אָוועקגעקאָלערט צו די פיס פון פארחידושטן מיליטער־מאַן. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ רויטהאָריקע מויד, אַ שיקלדיקע, מיט אַ פאַרוואָק־סענעם שטערן, וואס איר געוואַלטיקע מיאוסקייט האָט געלויכטן און געשפּרודלט מיט יוגנט און נאַקעטע ארעמס האבן געגליגן מיט זייער בלוטיקער רויטקייט. זי האט זיך אַנידערגעזעצט אַקעגן דעם ה׳ בערזשערע און טרייסלענדיק מיט דער קוילן־שויפל, האט זי אויסגערופן:

— איך גיי שוין אוועק פון דאַנען!

דאָס איז געווען די יונגע עאופעמיע, וואָס האט זיך צע־

קריגט מיט מאַדאַם בערזשערע און געוואָרפן די אַרבעט. זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט:

— כ׳גיי אַהיים!

ה׳ בערזשערע האָט געענטפערט:

— גיי דיר אַוועק, מיין מיידל, אָבער מאַך נישט קיין יעלות!

זי האָט פיל מאָל איבערגעחזרט:

— כ׳גיי אַוועק די אויסע רגע! די מאַדאַם מאַכט מיך משוגע.

און זי האָט צוגעגעבן שוין רויקער, אַראָפּלאָזנדיק די שויפל:

— חוץ דעם קומען דאָ פאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס איך וויל זיי ליבער נישט זען.

ה׳ בערזשערע האָט אַפילו נישט פּרובירט אויפצוקלערן דעם זין פון אירע סודותפולע רייד, און ער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דאָס מיידל, אַז ער פאַרהאַלט זי נישט און זי קאָן אַוועקגיין.

— אויף אַזאַ אופן, — האָט זי זיך אָנגערופן, — באַצאָלט מיר, וואָס ס׳קומט מיר.

— לאָז מיך איצט צורו, — האָט איר געענטפערט ה׳ בערזשערע, — צי זעסטו נישט, אַז איך האָב עפּעס אַנדערש אויפן קאָפּ, ווי צו רעכענען זיך מיט דיר? וועסט מיך אָפּוואַרטן אויף אַן אַנדער אָרט.

עאופעמיע האָט אָבער ווידער אַ הייב געטון די שוואַרצע שויפל, און אויסגעבראָכן מיט אַ יללה:

— גיט מיר אָפּ מיין געלט! מיין לוין! צאָלט מיר אויס מיין געהאַלט!

II

ארום זעקס אַזייגער אין אָוונט איז דער גלח גיטרעל ארויסגעשטיגן פון באנצוג אין פאריז. אויפן וואקזאל האָט ער צוגערופן אַ דראָשקע, און אין אַ גאָס רעגן, אינם געדיכטן נעפּל, באזייט מיט לאַמטערן-ליכט האָט ער זיך געהייסן פירן אויף די בולאַנזשער-גאס נומער 5. דאָרט, אין יענעם שמאלן, קרומען און משופּעדיקן געסל, איבער בעדנערס און שטאפּעכץ - הענדלער, אַרומגערינגלט מיטן ריח פון ווײַן-פעסלעך, האָט געוווינט זײַן אַלטער ידיד, דער פאטער לע זשעניל, דער קאַפּעלאַן פון דער פונדאַציע „שוועסטער פון די זיבן וווּנדן״, וואָס פלעגט דרשנען דרשות אין איינער פון די אַריסטאָקראַטישסטע דיעצעזיעס אין פּאריז.

צו אים פלעגט דער גלח גיטרעל אַלעמאָל ארײַנפאָרן, בעת ער איז געקומען קיין פּאריז צו פארווירקלעכן די פּלענער, וואס זענען געווען פארבונדן מיט זײַן קאַריערע. אַ גאַנצן טאג פלעגן די זוילן פון זײַנע שיך מיט קלײַנע טריטלעך קלאַפּן דיסקרעט איבער שטאָטישע גאסן, איבער שטיגן און שטאקן און איבער די דילן פון פאַרשידענע הײַזער. אָוונט-ברויט פלעגט ער עסן ביים ה׳ זשעניל.

ביידע גלחים זענען געווען אלטע חברים נאך פון די סעמינאַר-צײַטן, זיי פלעגן איינער דעם אנדערן פארציילן פאר-שידענע פרײַלעכע מעשהלעך, אויספרעגן איינער ביים אנדערן די פרייזן פון די מעסעס און דרשות, און צום סוף שפּילן אין

קאַרטן. אַרום צען אַ זייגער פלעגט נאַנעט, די דינערין אַריינשטעלן אין עס־צימער אַן אייזערן בעטל פאַרן ה׳ גיטרעל, וועלכער פלעגט איר אַלעמאָל פאַר זיין אוועקפאַרן איבערלאָזן אַ שפּאָגל-נייע מטבע פון צוואַנציק סו.

ווי אַלעמאַל, אַזוי אויך דאַס מאָל, האט ה׳ זשעניל, אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, אַ קלאַפּ געטון מיט זיין ברייטער האַנט איבער דער פּלייצע פון גיטרעל, וואָס האָט זיך אַזש איינגעבויגן אונטער איר משא, און אים באַגריסט מיט זיין דונערדיקער אָרגל-שטים. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אים אַ פרעג געטון, ווי אַלעמאַל, לויט זיין אַלטן, גוטברודערישן שטייגער:

— ברענגסט מיר כאָטש אַ צוועלף טוץ מעסעס, צו טאָלער אַ שטיק, אָדער דו באַהאַלטסט פאַר דיר דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס פליסט צו דיר אַריין פון דיינע פּראָווינצער דעוואָטקעס, דו אַלטער קמצן?

ער האָט אַזוי פריילעך געפּלאַפּלט, וואָרים ער איז געווען אַ קבצן, און ער האָט געוווּסט, אַז גיטרעל איז פּונקט אַזאַ קבצן, ווי ער.

גיטרעל האָט אויפגענומען זיינע פריילעכע וויצן. ער האָט אָבער נישט געענטפערט אויף זיי, וואָרים ער האָט פון דער נאַטור זיך לגמרי נישט אויסגעצייכנט מיט אַ סך הומאָר; ער האָט איִם געענטפערט, אַז ער איז געקומען קיין פּאַריז צו באַזאָרגן פאַרשידענע ענינים, וואָס מ׳האָט אים אָנפאַרטרויט, הויפּטזעכלעך איינצוקויפן ביכער. ער האָט געבעטן זיין פריינד, ער זאָל אים דערלויבן צו בלייבן ביי אים אַ צוויי דריי טעג.

— זאָג מיר כאָטש איינמאָל אין לעבן דעם אמת, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ זשעניל, — דו קומסט מסתמא נאָך אַ בישאָפס-מיטרע, אַלטער פוקס! אויפצומאָרגנס אין דער פריי ווּעסטו מיט אַ פרום פּנים זיך פאָרשטעלן פאַרן נונציוס. גיטרעל, דו ווילסט ווערן בישאָף!

און דער קאַפּעלאַן פון דער פונדאַציע „שוועסטער פון די פיר ווונדן״, דער גלח פון דער סענט-לויז-קירך, האָט מיט אַן איראַנישן רעספּעקט, אין וועלכן עס איז אפשר געווען אַ

קליינער צומיש פון איגסטינקטיווער אכטונג, זיך פארבויגן פארן קינפטיקן בישאָף. דערנאָך האָט זיין פנים װידער באקומען א גוטמוטיקן אויסדרוק, פון װעלכן עס האָט ארויסגעליכטן די נשמה פון א צווייטן אָליוויער מאיאר.

— קום אריין! אפשר ווילסטו אונטערלענען דאָס הארץ?

ה׳ גיטרעל איז געווען א מענטש, א פארשלאָסענער אין זיך. זיינע פארצויגענע ליפן האָבן אויסגעדריקט אומצופרידנקייט צוליב דעם, וואס מ׳האט געטראפן זיינע אינערלעכסטע געדאנקען.

ער איז באמת אראָפּגעקומען קיין פאריז, כדי צו זיכן פראָטעקציע פאר זיין קאנדידאַטור, און ער האט לגמרי נישט געהאט קיין חשק צו באשרייבן זיינע פארשידענע קאמבינאציעס פארן דאזיקן אויפריכטיקן פריינד, וואָס ביי אים איז די אויפריכטיקייט געווען נישט בלויז א צניעות, נאר אויך א פאָליטיק.

ער האט געשטאמלט:

— גלויב נישט... לאז צורו דעם געדאַנק, אז...

ה׳ לע זשעניל האט געהויבן מיט די פלייצעס:

— אלטער צבועק!

און ער האט אריינגעפירט זיין פריינד איז שלאף־צימער, ער האט זיך אנידערגעזעצט ביי דער נאפט־לאמפ, און זיך גענומען צו זיין איבערגעריסענער אַרבעט, צום פאריכטן זיינע הויזן. ה׳ לע זשעניל האט געשמט פאר א גלענצנדן בעלדרשן אין די דיעצעזיעס פון פאריז און ווערסאל; ער פלעגט אליין טון די דאזיקע ארבעט, כדי צו פארשפארן טרחה זיין אלטער באלעבאסטע, ווי אויך מחמת א געוויסער נטיה צו דער נאדל, צו וועלכער ער האט זיך צוגעוווינט נאך אין די שווערע יארן פון זיין גלחישער יוגנט.

דער דאזיקער ריז מיט לונגען פון בראנז, וואס האט פון דער הויך פון דער קאטעדרע געוואָרפן פעך און שוועבל אויף די אפיקורסים, איז איצט געזעסן אויף א געפלאכטענער שטול און מיט זיינע רויטע הענט געמאכט מיט דער נאדל.

אין מיטן דער ארבעט האט ער אויפגעהויבן זיין קאפ און באטראכט גיטרעלן מיטן שארפן בליק פון זיינע גרויסע, גוטע אויגן:

— מיר וועלן שפילן היינט אין אוונט אין קארטן, אלטער שווינדלער.

גיטרעל האָט אבער, אן אומדרייסטער און א פארעקשנטער געשטאמלט, אז ער מוז אוועקגיין באלד נאכן מיטאג. גיטרעל האט געהאט זיינע פלענער. ער האט געהייסן צואיילן מיט די מאכלים, געגעסן זייער האסטיק, צו דער אומצופרידנקייט פון זיין ווירט, וואס האט ליב געהאט א סך צו עסן און צו פלוידערן.

ער האט זיך אויפגעהויבן פון טיש, נישט ווארטנדיק צומאל אויפן דעסער, ער איז אריין אין שכנותדיקן צימער, זיך איבעווייניק פאַרשלאָסן, אַרויסגענומען פון זיין רייזע־טאַש זיינע ציווילע קליידער און זיך איבערגעטון.

ער האָט זיך באוויזן פאַר זיין פריינד אין אַ לאנגן שוואַרצן, שטייפן ראָק, אין וועלכן ער האָט געמאַכט אַ לעכערלעכן איינדרוק. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן זייער אַ הויכן צילינדער, ער האָט שנעל אַראָפּגעשלונגען זיין קאווע, גיך אָפּגעבענטשט און זיך באַלד אַרויסגערוקט פון דער ווינונג.

דער פאָטער לע זשעניל האָט אים נאָכגעשריגן אויף די טרעפּ:

— זאָלסט נישט קלינגען, בעת דו וועסט זיך צוריקקערן, וואָרים דו וועסט אויפוועקן נאַנעטן. דו וועסט געפינען דעם שליסל אונטער דער שוועל. גיטרעל, נאָך איין וואָרט: איך ווייס, וווהין דו גייסט. דו גייסט נעמען אַ לעקציע דעקלאַמאציע, אַלטער קווינטיליאַן!

דער גלח גיטרעל איז געגאַנגען איבער די גאַסן, לענגאויס די בולוואַרן, וואָס זענען געלעגן ביים טייך, אינמיטן די פייכטע פינצטערנישן, ער איז אַריבער די בריק פון סען־פער, דעם פלאַץ פון דער קאַרוזעלע און זיך אויסגעמישט מיטן גלייכ־

גילטיקן עולם דורכגייער, וואָס האָבן קוים געשענקט אַ בליק זיין אומגעווייגלעך ברייטן הוט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טאָסקאַנישער קאָלומבאַדע פון דער פראַנצויזישער קאָמעדיע. ער האָט איבערגעלייענט דעם אַפיש און זיך איבערצייגט, אַז דער ספּעקטאַקל איז נישט געענדערט געוואָרן און אַז מ'שפּילט „אַנדראָמאַכע"*) און דעם „איינגעבילדעטן חולה".**) דערנאָך האָט ער אײַנגעצווייטן קאַסע-פענצטערל געקויפט אַ בילעט אין פּאַרטער.

ער האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף דער שמאָלער באַנק, וואָס איז כמעט איבערגעפולט געווען מיט צוקוקערס, הינטער די פּאַטעלן, וואָס זענען נאָך געווען פּוסט. ער האָט אַרויסגעצויגן אַן אַלט בלאַט, נישט אַזוי צו לייענען, ווי צו קענען זיך בעסער צוהערן צו די שמועסן אַרום אים.

ער האָט געהאַט אַ פיינעם געהער, ער פלעגט קוקן מיטן אויער, פּונקט ווי וואָרמס-קלאָוועלען, וואָס האָט געהערט מיטן מויל. זיינע שכנים זענען געווען האַנדלס-אַנגעשטעלטע און אַרבעטער, וואָס האָבן באַקומען בחנמדיקע איינטריט-בילעטן אַדאַנק דער פריינדשאַפט מיטן מאַשיניסט אָדער מיט אַ גאַרדעראָבמיידל, — אַ קליין אייגנאַרטיק וועלטל, אויסגעהונגערט נאָך ספּעקטאַקלען, צופרידן פון זיך, אַריינגעטון מיט לייב און לעבן אין געווטען און ציקליסטן-לויפן, סאָלידע יונגע לייט, מיט אַ ביסל קולט פאַרן מיליטער, אינסטינקטיוו דעמאָקראַטיש און רעפּובליקאַניש געשטימט, אָבער גלייכצייטיק קאָנסערוואַטיוו אין זייערע וויצן וועגן מלוכה-פּרעזידענט.

דער פּאַטער גיטרעל האָט אויפגעכאַפּט דאָ און דאָרט אָפּגעהאַקטע רייד, פון וועלכע מ'האָט געקאָנט באַקומען אַ באַגריף וועגן די הערשנדע שטימונגען, און אין הארצן האָט ער

---

*) אַנדראָמאַכע — אַ דראַמע פון ראַסין פראַנצ. דראַמאַטורג אין 17-טן יאָרה. (באַמ. פון איבערזעצער).

**) אייגעבילדעטער חולה — מאָליערס אַ קאָמעדיע. (באַמ. פ. איבערזעצער)

געטראַכט וועגן גלח לאַנטען, וואָס האָט געחלומט וועגן דעם צוריקקער צו דער טעאָקראַטישער מאָנאַרכיע, און ער האָט גע-לאַכט, פאַרבאָרגנדיק זיין געזיכט אין דער צייטונג.

— די פאריזער, — האָט ער געטראַכט, — זיינען די רויקסטע מענטשן אויף דער וועלט. ביי אונז אויף דער פּראָווינץ האָט מען וועגן זיי אַ שלעכטע מיינונג. הלוואַי וואָלטן די רעפּובליקאַנער און פריידענקער פונם עפּיסקאָפּאַט אין טורקוען, געוווען באַשאַפן לויטן דאָזיקן מאָדעל!

„ליידער איז דער גייסט פון די פּראָנצוזן אין צפון פון לאַנד ביטער, ווי דער האָפן פון אונזערע פעלדער, און איך וועל מיך געפינען אין מיין דיעצעזיע צווישן מוראַדיקע סאָציאַליסטן און פלאַמענדיקע קאַטאָליקן.״

ער האָט געוווסט, וואָס פּאַראַ דאגות עס וואַרטן אים אָפּ אויפן טראָן פון גאָטגעבענטשטן לופּ, און ווייט פון מורא צו האָבן, האָט ער פונדעסטוועגן אויף זיי געבעטן און דערביי אַזוי שטאַרק געזיפצט, אַז זיין שכן האָט אַ קוק געטון אויף אים, צי ס׳איז אים אַמאָל נישט גוט געוואָרן. אויף אַזאַ אופן האָט עס דער פּאָטער גיטרעל גענומען אויף זיך די דאגות פון א בישאָף, בעת צו זיינע אויערן האָט דערגרייכט דאָס מורמלען פון לייכטזיניקע געשפּרעכן, דער גערויש פון סקריפּענדיקע טירן און די טומלענישן פון די טעאַטער-באַדינטע.

באַלד, ווי ס׳האָבן זיך נאָר דערהערט דריי קלעפּ און דער פאָרהאַנג האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן, האָט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויפן ספּעקטאַקל. אים האָט באַזונדערס אינטערעסירט די דיקציע און די זשעסטן פון די אַקטיאָרן. ער האָט איינגעשטודירט זייערע אינטאָנאַציעס, זייערע טריט, דעם שפּיל פון זייער פיזיאָנאָמיע מיט דער פּראָפעסיאָנעלער נייגיריקייט פון אן אַלטן בעל דרשן, וואָס שטרעבט איבערצונעמען דעם סוד פון די איידעלע זשעסטן און פּאַטעטישע אַקצענטן.

בעת די לאַנגע טיראַדעס האָט ער פאַרטאָפּלט זיין אויפמערקזאַמקייט, און ער האָט בלויז באַדויערט, וואָס ער הערט

נישט איצט קאָרנעלן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט טיפּזיניקע
דיאַלאָגן, מיט גלענצנדע אָראַטאָרישע עפעקטן און אקצענטירט
בעסער די פאַרשידענע טיילן פון א רעדע.

אינם מאָמענט, בעת דער אקטיאָר, וואָס האָט געשפּילט
אָרעסטן, האָט רעציטירט די באמת קלאַסישע שטעלע: „איידער
אַלע גריכן...״ האָט דער פּראָפעסאָר פון דער קירכלעכער רעטאָ-
ריק זיך גענומען פאַרצייכענען אין זיין זכרון אַלע אַקצענטן
און מאָדולאַציעס פון זיין שטים. דער פּאָטער לע זשעניל האָט
גאַנץ גוט געקענט זיין אַלטן פריינד; ער האָט געוווּסט, אַז
דער סובטילער פּראָפעסאָר פון דער קירכלעכער רעטאָריק איז
בעגאַנגען אין טעאַטער אַריין נעמען אַ לעקציע פון דעקלאַמאַציע.

דער גלח גיטרעל האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט
אַקטריסעס. ער פלעגט זיך באַציִען צו פרויען מיט ביטול. דער-
פון איז נאָך אָבער נישט געדרונגען, אַז ער האָט אַלעמאָל גע-
האַט ריינע געדאַנקען. אין זיין גלחיש לעבן איז אים נישט
איינמאָל אויסגעקומען צו קעמפן מיט דער תאווה פון קערפּער.
און איין גאָט ווייס, ווי אַזוי עס איז אים געלונגען אויסצו-
מיידן, בייצוקומען און צו פאַרבייגן דאָס זעקסטע געבאָט!
מ׳דאַרף לחלוטין נישט זוכן, וואָס פאַרוואָס מין באַשעפעניש עס
האָבן געוווּסט וועגן דעם. Si inquitates observaveris, Domine,
Domine quis sustinebit *)

ער איז אָבער געווען אַ גלח אין געפילט און עקל צו חוהס שויס.
ער האָט פיינד געהאַט פון גאַנצן האַרצן דעם ריח פון לאַנגע פרוי-
ען-האָר. זיין שכן, דעם האַנדלס-אָנגעשטעלטן, וואָס האָט פאַר אים
געלויבט די שיינע אָרעמס פון דער אַקטריסע, האָט ער אָפּגעענט-
פערט מיט ביטול-רייד, וואָס איז בשום אופן נישט געווען קיין
צביעות.

פונדעסטוועגן האָט זיין בייגיריקייט אויסגעהאַלטן ביזן
סוף פון דער טראַגעדיע, און ער האָט ביי זיך באַשלאָסן אויס-

---

*) האַר, אויב דו וואָלסט געוואָלט זיך צוקוקן צו אַלע עולות, טאָ
ווערזשע וואָלט געקאָנט דירביישטיין.

צונוצן די פלאַמענדיקע רייד פון אָרעסט אין דער פאָרם, אי וועלכער זיי זענען אויסגעדריקט געוואָרן דורכן באַרימטן אַקטיאָר אין זיין דרשה וועגן די יסורים פון די אפיקורסים און דעם מיאוסן סוף פון די רשעים.

בשעת דעם אַנטראַקט האָט ער אין האַרצן זיך באַמיט לויט דעם, וואָס ער האָט געהערט, צו פאַריכטן אַ געוויסן פראָ־ווינציעלן אַקצענט, וואָס האָט ביז איצט קאַליע געמאַכט זיין דיקציע. „די שטים פונם בישאָף פון טורקוען, האָט ער גע־טראַכט, דאַרף נישט האָבן דעם זויערן בייגעשמאַק פון די ווייַנען פון אונזערע בערג.“

מאָליערס קאָמעדיע, וואָס האָט פאַרענדיקט דעם ספעק־טאַקל, האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ הייטערע שטימונג. ער אַליין איז נישט געווען פעיק אויסצוגעפינען די לעכערלעכע זייט פון דער זאַך, דערפאַר איז ער אָבער געווען צופרידן, ווען מ׳האָט זי אים געוויזן. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך גליק־לעך צו זעען, ווי מ׳האָט חוזק געמאַכט פון מענטשלעכן גוף, און ער האָט געלאַכט פון גאַנצן האַרצן פון די קיצלדיקע שטעלן אין דער קאָמעדיע.

אינמיטן דעם לעצטן אַקט, האָט ער אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ זעמעלע און עס לאַנגזאַם אויפגעגעסן, פאַר־שטעלנדיק דאָס מויל מיט די הענט. ער האָט זיך צוגעאיילט, אַז בינו לבינו זאָל דערווייל דער זייגער נישט אויסשלאָגן צוועלף, וואָרים מאָרגן באַלד אין דער פרי האָט ער געזאָלט אָפּריכטן די מעסע אין דער קאַפּעלע פון די „שוועסטערס פון די זיבן וווּנדן.“

נאָכן ספעקטאַקל איז ער מיט זיינע קליינע טריט אהיים־געגאַנגען לענגאויס די ליידיקע ברעג־בולוואַרן. אין דער שטיל־קייט פון דער נאַכט האָט זיך געהערט דאָס אומאויפהערלעכע, קלאָגעדיקע מורמלען פון טייך. גיטרעל האָט געשפּרייזט אין אַ רויטן נעפּל, וואָס האָט פאַרגרעסערט די אַרומיקע קעגנ־שטאַנדן, און זיין הוט איז אויסגעוואַקסן ביז צו איבערנאַטיר־לעכע פאָרמען.

בעת ער האט זיך אזוי געשארט לענגאויס די פארשמוציקטע מויערן פון אמאליקן „האטעל-דיע״, האט אים מיטאמאל, הינקענדיק אייף איין פוס, פארשטעלט דעם וועג אן איבערגעוואקסענע מיאוסע מויד, שוין נישט קיין יונגע, מיט בריסטן, וואס האבן זיך ארויסגעזעען פון אונטער דעם ווייסן קאמזויל.

זי האט אים אנגעכאפט פאר דער פאלע פון זיין ראק און אים פארבעטן צו זיך. מיטאמאל, איידער ער האט נאך באוויזן זיך צו באפרייען פון איר איז זי נעלם געווארן מיט א געשריי:

— א גלח! אזא אומגליק!

זי האט זיך אוועקגעלאזט מיט די שטאכייטן, וואס האבן ארומגעריינגלט דאס דערבייאיקע הויז און כסדר געקלאגט:

— וואס פארא אומגליק וועט מיך נאך היינט טרעפן? צו אלדי...

ה׳ גיטרעל האט געוווסט וועגן דעם אבערגלויבן *) פון געחיסע מינים פרויען, וואס האלטן פאר אן אומגליק די באגעגעניש מיט א גלח; ס׳האט אים אבער שטארק פארחידושט, ווי אזוי דאס דאזיקע גאסן-מיידל האט דערקענט זיין פראפעסיע, כאטש ער איז געווען ציוויל געקליידעט.

— דאס איז א שטראף פאר דעם, וואס איך האב אראפגעווארפן די סוטאננע. דעם גלח, וואס איז אין אונז, איז אוםמעגלעך צו פארבאהאלטן. גיטרעל. „Tu es saçerdos in aeternum“

---

*) דו וועסט שוין אייביק פארבלייבן א גלח.

III

געיאַנט פון צפון-ווינט, וואס האט אויסגעקערט מיט די טויטע בלעטער דעם ווייסן, הארטן ברוק, איז ה׳ בערזשערע אריבער דעם מארק-פלאַץ צווישן די נאקעטעביימער, און זיך אוועקגעלאזט צו די הויכקייטן פון דיוראַק.

ער האט בעקלאפט מיט די פיס איבערן נישט גלייך ברוקירטן שאָסיי. ער האט געלאזט נאך זיך פון דער רעכטער זייט די קוזשניע און די מעלקערייי, וו ס׳זענען געווען אויסגעמאָלט צוויי רויטע קי, פון דער לינקער זייט -- די לאַנגע נידריקע מויערן, וואָס רינגלען ארום די גערטנער און ער איז אַנטקעגן געגאַנגען דעם נידריקן און פאַרנעפּלטן הימל, וואָס האָט מיט אַ פיאָלעטענעם פאַס איינגעשלאָסן דעם האָריזאָנט.

דעם זעלבן פרימאָרגן האט ער צוגעגרייט זיין צענטע און לעצטע לעקציע וועגן אכטן בוך פון דער „ענעידע”. ער האט מעכאַניש איבערגעחזרט אין געדאַנק די אייגנארטיקייטן פון דער פערזן-לערע און גראַמאַטיק, וואָס האבן באשעפטיקט זיין אויפמערקזאמקייט, און צופּאַסנדיק דעם ריטם פון זיינע געדאַנקען צום ריטם פון זיינע שריט, האט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן, אין גלייכע אפּזאַצן יענע געמאסטענע רייד:

„...Patrio vocat agmina sistro“ *)

---

*) אַ באַקאַנטע שטעלע אין ווערגילס „ענעידע”, וואָס באַדייט: זי (קלעאָפּאַטרע) וועקט די התלהבות פון די זעלנערביים קלאַנג פון מלחמה-טרומייטערס.

פון צייט צו צייט אבער פלעגט זיין נייגיריקער און פיל-זייטיקער גייסט מאַכן אויסערגעוויינלעך דרייסטע קריטישע באמערקונגען. די מיליטערישע רעטאריק פון אכטן בוך האט אים געעקלט און ס'איז אים פארגעקומען לעכערלעך, וואָס ענעאַס האט באקומען פון וועגוסן אַ פאנצער, וואס זיינע רעליעפן האבן פארגעשטעלט סצענעס פון דער רוימישער געשיכטע ביז צו דער שלאכט ביי אקציום און דאס אנטלויפן פון קלעאָ-פאַטרע.

„Patrio vocat agmina sistro".

בעת ער איז צוגעקומען צום שאָסיי דע בערזשער האָט ער זיך אָפגעשטעלט פאר דער רויט אויסגעמאָלטער, פאַרלאָזענער און מיט שימל באוואָקסענער וויינשענק פון אַלטן מאַיאר און ס'איז אים איינגעפאלן, אז די רוימער, וואס ער האט אַ גאנץ לעבן זיך מיט זיי אָפגעגעבן, זענען געווען שרעקלעך אָנ-געבלאָזן און מיטלמעסיק.

אויף די עלטערע יארן איז זיין געשמאק פארפיינערט געווארן, און איצט האָט ער בלויז געשעצט קאַטולוסן און פעט-ראַניוסן. איצט האט ער ווייטער געמוזט אקערן דעם באָדן, צו וועלכן ער איז געווען צוגעשמידט.

„Patrio vocat agmina sistro".

צי ווילן ווערגיל און פראָפּערציוס, האט ער געטראַכט, אונז באמת איינרעדן, אַז די שוואכע טענער פונם עגיפּטישן גרע-גער *), וואָס האבן באגלייט די התלהבותדיקע און פרומע טענץ פון די פריסטער, זענען גלייכצייטיק אויך געווען די מוזיק פון די עגיפּטישע זעלנער און מאַטראָזן ? דאס קאָן זיך בשום אופן נישט גלויבן.

בעת ער איז אַראָפּגעגאנגען פון פלאץ דע בערזשער, איבער דער קעגנאיבערדיקער סטעזשקע פון די דיוראָק-הויכ-קייטן, האט ער מיטאמאל דערפילט, אז די לופט איז דאָ זייער אַ מילדע.

---

*) אזא מין עגיפּטישע פלייט. (באמ. פ. איבערזעצער)

דער וועג האט זיך דארט אראפגעלאזט צווישן צוויי קאל-
כענע ווענט, אין וועלכע עס האבן זיך מיט גרויס מי געטשעפעט
די ווארצלען פון יונגע דעמבעס. פארשטעלט פונם ווינט, אונ-
טער די בלאסע שטראלן פון דער דעצעמבער-זון, וואס האט
זיך שוין געבייגט צו מערב, האט ה׳ בערזשערע שטיל געשעפ-
טשעט: „Patrio vocat agmina sistro". קלעאפאטרע איז בלי ספק
אנטלאפן פון אקציום קיין עגיפטן, זי איז אבער געצוווּנגען גע-
ווען זיך דורכצורייסן דורכן פלאט פון אקטאוויוס און אגריפא,
וואס האבן געפרווט אפצושליסן איר דעם דורכגאנג.

און צוגעצויגן פון דער מילדער לופט און ליכטיקייט פון
טאג, האט ה׳ בערזשערע זיך אנידערגעזעצט אויפן עק וועג,
אויף א שטיין, וואס האט זיך מיט יארן צוריק געהאט אפגע-
ריסן פון בארג און איז איצט געווען באדעקט מיט טונקעלן
מאך. דורך די צווייגן פון דיביימער האט ער באטראכט דעם
פיאלעטענעם הימל, וואס איז געווען לייכט פארנעפלט און ער
האט געפילט, ווי אין דעם דאזיקן פארלאזענעם ווינקל, ווערט
זיין נשמה באהערשט פון טרויעריקע, שטילע חלומות.

אנטאניוס און קלעאפאטרע, האט ער געטראכט. האבן גע-
האט איין איינציקן ציל, בעת זיי האבן אטאקירט די בלא-
קירנדע שיפן פון אגריפא: דורכצושלאגן פאר זיך א דורכגאנג.
און דאס איז קלעאפאטרען טאקע געלונגען, זי האט באפרייט
פון דער קלעם אירע זעכציק שיפן.

און זיצנדיק אזוי אויפן שטיין, האט ה׳ בערזשערע פאנ-
טאזירט, אז אים איז עס באשערט געווען דער אומשולדיקער
רום צו דעצידירן וועגן גורל פון דער וועלט אויף די בארימטע
וואסערן פון אקארנאניע. מיטאמאל האט ער דערזעען, דריי
שריט ווייט פון אים, אויף דער אנדערער זייט פון דער סטעזש-
קע, אן אלטיטשטן, וואס איז געזעסן אויף א הויפן אפגעשטאר-
בענע בלעטער.

דאס איז געווען א ווילדע געשטאלט, וואס האט זיך קוים
אויסגעטיילט פון די ארומיקע קעגנשטאנדן. זיין פנים, בארד
און טראנטעס, האבן געהאט די קאליר פון שטיין און פון בלע-

טער. ער האט פאמעלעך געשאָבן א שטיקל האלץ מיט א שארף שטיקל אייזן, וואס איז געווען שטארק אָפּגעריבן פון אלטקייט.
— גוטמארגן, מיין הער, — האט זיך אנגערופן דער זקן,
— די אין ווארעמט — אמחיה. דאס בעסטע איז אבער, וואס ס׳וועט נישט רעגענען.
ה׳ בערזשערע האט דערקענט דעם שלעפער, דאָס לערכן־פיסל, וואָס איז אינגאנצן אומשולדיק אריינגעצויגן געוואָרן דורכן אויספארשונגס־ריכטער, ה׳ ראָקענקור, אינם ענין מיטן הויז פון דער קיניגין מאַרגעריט. זעקס חדשים האָט ער אים געהאלטן פארשפארט אין אַרעסט, און געהאט אלץ די פוסטע האָפנונג, אז בינו לבינו וועלן זיך געפינען באשולדיקונגס־באווייזן קעגן אים; אדער אפשר האט ער גאָר געטראכט, אז דער אַרעסט פון וואָגאבונד וועט אויסזעען פּוילשטענדיק בארעכטיקט בלויז צוליב דעם, וואָס ער האט געדויערט אזא לאַנגע צייט; און אפשר האט אים גאר פאַרדראסן, וואָס דער דאָזיקער אומשולדיקער פארשוין האט אראָפּגעפירט פון וועג די גערעכטיקייט.
ה׳ בערזשערע, וואס האט זיך באצויגן מיט סימפּאטיע צו די עלנטע און פארשטויסענע, האָט פריינדלעך געענטפערט אויף די העפלעכע רייד פון לערכן־פיסל.
— גוטמארגן, מיין פריינד, — האט ער צו אים געזאָגט,
— איך זע, אז איר ווייסט ווו ס׳זענען פאראן גוטע ערטער. דער דאָזיקער ווינקל איז א שטילער און א וואַרעמער.
לערכן־פיסל האט געשוויגן א ווילע און דערנאָך געענטפערט:
— איך קען בעסערע ערטער. זיי זענען אָבער ווייט פון דאנען. מ׳דארף נישט מורא האָבן פארן גיין. כ׳האב געזונטע פיס, די שיך מיינע זענען אָבער צעריסן. כ׳קאָן אבער נישט אָנטון קיין גוטע שיך, ווייל כ׳בין נישט צוגעוווינט צו זיי. אז מ׳גיט מיר גוטע שיך, צעשנייד איך זיי.
און ער האָט אויפגעהויבן זיינע פיס פונם הויפן טרוקענע בלעטער און געוויזן דעם גראָבן פינגער, איינגעוויקלט אין שמאַטעס. וואָס האט ארויסגעשטארט פון די לעכער אין שוך.

ער איז אנטשוויגן געווארן און זיך ווידער גענומען שאָבן זיין שטיקל האָלץ.

ה׳ בערזשערע האט זיך צוריקגעקערט צו זיינע געדאנקען. „Pallentem morte futura" *). די שיפן פון אגריפאַ זענען נישט געווען אימשטאנד צו פארהאלטן דעם דורכגאַנג אַנטאָניוסעס פלאט מיט די פורפורענע זעגל. דאס מאל לכל הפחות איז דער טויב געלונגען נצול צו ווערן פון גייערס נעגל.

לערכן-פיסל האט זיך אָנגערופן:

— זיי האבן מיר צוגענומען מיין מעסער.

— ווער?

דער שלעפער האט אויפגעהויבן די הענט, געוויזן אין דער ריכטונג פון דער שטאָט און מער גאָרנישט געענטפערט. ער האט אָבער ווייזט אויס נאָכגעפאלגט דעם לויף פון זיינע געדאנקען, וואָרים אין א רגע שפעטער האט ער צוגעגעבן:

— זיי האבן אים מיר נישט צוריק געגעבן.

און ער איז פארזונקען אין שטילקייט, אן ערנסטער, א שטומער, נישט בכוח אויסצודריקן די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך ארומגעבלאָנקעט אין זיין פינצטערן מוח.

זיין גאַנץ פארמעגן איז באשטאַנען פון א מעסער און א ליולקע. מיטן מעסערל פלעגט ער שניידן דאָס האַרטע ברויט און די פענעצלעך וואָרשט, וואָס מ׳פלעגט אים ארויס דערלאַנגען דורך די טירן פון די פערמעס. דאָס עסן איז אָבער געווען אזוי האַרט, אַז ער האָט עס קוים געקענט צעבייסן מיט זיינע דושאָנסלעס אָן ציין; מיט זיין מעסער פלעגט ער שניידן די רעשטלעך פון ציגאַרן, מיט וועלכע ער פלעגט אָנשטופן זיין ליולקע; מיט זיין מעסער פלעגט ער אַרומשניידן די פארפוילטע פרוכטן און אויסזוכן אין הויפנס מיסט עפעס אין מויל אריין צו נעמען.

מיט זיין מעסערל פלעגט ער אויסשניצן פאר זיך א וואַנדער-שטעקן, אָדער אָפּשניידן צווייגן, פון וועלכע ער האָט

*) א שטעלע אין ווערגילס „ענעידע".

זיך געמאַכט אַ געלעגער בײַנאַכט אין וואַלד, מיט זײַן מעסער פלעגט ער אויסשניצן פון דעמבענער קאָרע שיפלעך פאַר די קליינע קינדער, און ליאַלקעס פון ווײַס האָלץ פאַר קליינע מיידלעך. מיט זײַן מעסער פלעגט ער אויספירן די פאַרשידנסטע אַרבעטן, די נויטווענדיקסטע, ווי אויך די איידלסטע.

שטענדיק אויסגעהונגערט, האָט ער אָבער טייל מאָל געהאַט פיינע איינפאַלן און פאַרדינט אויף חיונה דערמיט, וואָס ער פלעגט מאַכן פון רערשטעקעלעך דעליקאַטע פאָנטאַנעס, וואָס פלעגן שטאַרק אויסנעמען ביי די שטאָטישע לייט.

וואָרים דער דאָזיקער פאַרשוין, וואָס האָט נישט געוואָלט אַרבעטן, איז געווען באַהאַוונט אין די פאַרשידנסטע פראָפעסיעס. נאָכן פאַרלאָזן די תפיסה, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט אויספועלן, מ׳זאָל אים צוריקקערן זײַן מעסער, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אין געריכטס-קאַנצעלאַריע.

און ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין, אַן אַנטוואָפּענער, באַרויבט פון זײַן האָב, אַ סך שוואַכער, ווי אַ קליין קינד, פאַרשטויסן פון דער וועלט. ער האָט זיך צעוויינט איבער זײַן גורל. קליינע טרערן האָבן געברענט זײַנע בלוטנדיקע אויגן. שפּעטער איז ער ווידער געקומען צו זיך, און בעת ער איז אַרויס פון שטאָט, האָט ער געפונען אַן אַלט שטיקל אײַזן. איצט טאַקע איז ער געווען פאַרנומען ביים אַרײַנפּאַסן עס אין אַ הילצערן הענטל, וואָס ער האָט זיך צוגעשניטן אין וואַלד פון בערזשערע.

דער געשפּרעך וועגן זײַן מעסער האָט אים אַרויפגעבראַכט אויפן געדאַנק זײַן ליאָלקע. ער האָט געזאָגט:

— מײַן ליאָלקע האָבן זיי מיר נישט צוגענומען!

און ער האָט אַרויסגענומען פון אַ לייוונטן זעקל, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער ברוסט, עפּעס אַ מין שוואַרצן, קלעבעדיקן פינגערהוט, אַ בלויזער ציבוק.

— מײַן אָרעמער פרײַנד, — האָט ה׳ בערזשערע זיך צו אים געווענדעט, — איר זעט כלל נישט אויס, ווי אַ פאַר-

ברעכער. פון וואנען נעמט זיך עס, וואָס מען זעצט אייך איין אזוי אָפט אין תפיסה?

לערכן-פיסל איז נישט געווינט געווען צו פירן קיין שמו-עסן, ער האָט נישט געהאט קיין אנונג, ווי אזוי מ'פירט א גע-שפרעך. און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך אויס-געצייכנט מיט א געוויסער אינטעליגענץ, איז ער אָבער נישט געווען אימשטאַנד מיטאמאל צו באגרייפן דעם זין פון דעם, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט. ס'האָט אים געפעלט איבונג אין פירן א געשפרעך. ער האָט נישט געענטפערט באלד דעם ה' בערזשערע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו מאכן צייכנס מיטן שפיץ שטעקן אינם ווייסן זאמד. לסוף האָט לערכן-פיסל זיך אָנגערופן:

— איך טו נישט קיין שלעכטס. מ'באשטראָפט מיך פאר אנדערע זאכן.

און דער שמועס האָט זיך שוין געפירט אָן הפסקה.

— איר ווילט זאָגן, אז מ'זעצט אייך איין אין תפיסה פאראומשולדיקע זאכן.

— איך מיין די, וואָס טוען שלעכטס. כ'וואָלט מיר אָבער געבראכט שאָדן, ווען איך וואָלט גערעדט.

— איר פאַרברענגט די צייט מיט שלעפערס און פאר-ברעכערס?

— דערלויבט מיר צו רעדן. צי קענט איר דעם אויס-פאָרשונגס-ריכטער ה' ראָקענקור?

—'כקען אים אביסל. ער איז א שטרענגער, נישט וואָר?

— דער אויספאָרשונגס-ריכטער, הער ראָקענקור האָט א גוטן חיתוך הדיבור. כ'האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געהערט קיינעם, וואָס זאָל רעדן אזוי גוט און שנעל. ס'בלייבט גאָרנישט איבער קיין צייט אויף צו פארשטיין. מ'איז גארנישט בכוח צו ענטפערן. כ'ווייס נישט, אויב ס'איז פאראן עמיצער, וואס זאָל רעדן כאָטש א העלפט אזוי גוט ווי ער.

— ער האט אייך געהאלטן אונטערן שלאס אין משך פון לאנגע חדשים, און איר האט גארנישט קיין בייז הארץ אויף איב? וואס פארא הערלעכער ביישפיל פון גרויסהארציקייט אונמחילה!

לערכן-פיסל האט אנגעהויבן אויפסניי צו שניצן דאס העפטל פון זיין מעסער. וואס מער די ארבעט האט זיך גע-רוקט פארויס, אלץ מער האט ער זיך בארויקט און ווידער זיך צוריקגעקערט צו זיין גלייכגעוויכט. מיטאמאל האט ער א פרעג געטון:

— צי קענט איר איינעם קארבאן?

— ווער איז ער, דער דאָזיקער קארבאָן

דאס איז געווען שווער צו געבן צו פארשטיין. לערכן-פיסל האט געמאכט א פוסטן זשעסט, ארומנעמענדיק א שטיקל האָרי-זאנט. פונדעסטוועגן איז זיין מוח געווען באשעפטיקט מיט דעם פארשוין, וואָס זיין נאָמען האט ער נאר וואס ארויסגעזאגט, ווארים ער האט איבערגעחזרט:

— קארבאָן.

— לערכן-פיסל — האט ה׳ בערזשערע געפרעגט — מ׳זאגט, אז איר זענט א שלעפער פון א באזונדערן מין, און נישט געקוקט דערויף וואס איר פארמאגט גארנישט, האט איר נאך קיינמאל גארנישט צוגעגנבעט. פונדעסטוועגן לעבט איר צוזאמען מיט פאַרברעכער. איר זענט באַקאַנט מיט מערדערס.

לערכן-פיסל האָט געענטפערט:

—ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס טראכטן אזוי, און מענטשן וואָס טראכטן אנדערש. איך, אויב ס׳וואָלט מיר איינגעפאלן א גע-דאנק עפעס שלעכטס צו טון, וואָלט איך אויסגעגראָבן אַ גרוב אונטער א בוים אויף דער דיוראק-הויכקייט, כ׳וואָלט דאָרט טיף מיין מעסער פאַרגראָבן און מיט די פיס פארגלייכט די ערד. דאָס מעסער פירט אלעמאל די וואס ווילן טון שלעכטס. שולדיק אין דעם איז אויך זייער גאווה. בעת איך בין נאך געווען גאנץ יונג האב איך שוין פארלוירן מיין גאווה, ווארים אלע מענער, פרויען און קינדער פלעגן אומעטום חוזק מאכן פון מיר.

— און איר האט קיינמאָל נישט געהאט קיין בייזע און שלעכטע געדאנקען?

— אמאל יא, באזונדערס בעת כ׳פלעג באגעגענען פרויען, וואס זענען איינזאמע געגאנגען איבערן וועג, ווארים כ׳האב גע-

עהאט דרשק צו זיי. דאָס איז אָבער לאַנג פאַרביי.

— און דאָס דאָזיקע קערט זיך שוין מער נישט אום?

— אַמאָל.

— לערכן־פיסל, איר האָט ליב די פרייהייט, איר זענט אַ פרייער מענטש איר לעבט אָן אַרבעט און מי. איר זענט גליקלעך.

— ס׳זענען פאַראַן גליקלעכע מענטשן. איך בין אַבער נישט גליקלעך.

— וו זענען זיי, די גליקלעכע?

— אין די פערמעס.

ה׳ בערזשערע האָט זיך אויפגעהויבן, ער האָט אים דער־לאַנגט א צען סו־מטבע און געזאגט:

— איר האַלט, אז גליק איז פאַראַן אונטער אַ דאַך, ביים ווינקל פון קאַמין, אדער אין אַ ווייך בעט. כ׳האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ פיל קלוגערי

1V

אין טאג פון ניי-יאָר האָט ה׳ בערזשערע נאָך אין דער פרי זיך איבערגעטון אין זיין שוואַרצן ראָק, וואָס האָט שוין לאנג פארלוירן זיין גלאַנץ און האָט אינם גרויען שיין פון ווינ-טערדיקן טאָג אויסגעזעען, ווי באַשיט מיט אַש. די גאָלדענע אַקאַדעמישע פאַלמען, אָנגעהאָנגען אויף אַ פּיאָלעט בענדל און צוגעטשעפּעט צום לאַץ, האָבן קאָמיש געפונקלט און ארויסגע-וויזן נאָך בולטער, אַז ה׳ בערזשערע איז נישט געווען קיין קאַוואַלער פון דעם ערן-לעגיאָן. *)

אין דאָזיקן אנצוג האָט ער זיך געפילט עלנט און קליין. זיין ווייסער קראַוואַט איז אים פאָרגעקומען שוין אינגאַנצן, ווי אַן אָפּגעטראָגענע זאַך. עס איז טאַקע אמת, אַז ער איז נישט געווען ניי. א לאנגע צייט האָט ער זיך געמאַטערט אויסצוגלייכן דעם גאָרס פון זיין העמד, צום סוף איז ער געקומען צו דער איבער-צייגונג, אַז די פערלמוטערנע ספּינקעס וועלן זיך נישט קענען בשום אופן האלטן אין די צו גרויסע לעכערלעך פון העמד, און ער איז אריינגעפאלן אין א מרה-שחורה. זיין הארץ איז באַהערשט געווארן פון אַ צער, וואס ער איז נישט קיין עלע-גאנטער מאן, ער האָט זיך אראָפּגעלאזט אויף א שטול און געטראַכט:

---

*) די קאַוואַלערן פון דעם פראנצויזישן ערן-לעגיאָן טראגן א רויט בענדעלע אין לאַץ. (באַמ. פון איבערזעצער).

„צי איז באמת פאראן אַ בעסערע געזעלשאַפט און עלעגאַנטע לייט? מיר דאכט זיך, אז דאס וואָס מיר באצייכענען מיטן נאמען עלעגאַנטע וועלט, איז געגליכן צו אַ זילבערן אדער גאלדן האלקנדל אויפן לאַזורענעם הימל. אז מ׳גייט פארביי לעבן אים פון דער נאָענט, זעט מען נישט מער ווי אַ נעפּל.

„די סאציאַלע גרופּירונגען האָבן נישט אין דער אמתן קיין קלאָרע קאָנטורן. די מענטשן פאראייניקן זיך בלויז צוליב זייערע פאראורטיילן און געשמאַקן. דער געשמאַק באקעמפט אָבער שטענדיק דעם פאראורטייל און דער צופאל מישט אַלץ צונויף. אמת איז, אז לאַנגדויערנדיקע רייכקייט און פארגעניגנס, וואָס באַגלייטן זי, שאַפן אַ געוויסן לעבנס-שטייגער און אייגנאַרטיקע געוווינהייטן. דאס איז די אַלגעמיינע אייגנשאַפט, וואָס בינדט צונויף די עלעגאַנטע לייט. דאָס זענען נישט מער, ווי געמיינזאמע געוווינהייטן פון פיינער באַנעמונג, היגיענע און ספּאָרט.

„ס׳זענען פאראַן געוויסע מדות, וואס זענען אָנגענומען אין די קרייזן פון דער אזוי גערופענער בעסערער געזעלשאַפט. זיי זענען ריין אויסערלעכע און דערפאר לאָזן זיי זיך פילן. ס׳זענען פאראַן מאַניערן, ריין אויסערלעכע מאַניערן, וואָס זענען אָנגענומען אין דער בעסערער געזעלשאַפט. אונזערע ליידנשאַפטן, אונזערע אידעען, אונזערע געפילן כאַראַקטעריזירן אונז צום בעסטן. מיר פארמאָגן אָבער אין זיך אַן אינערלעך מלכות, מיט וועלכן די אויסערלעכע וועלט האט נישט קיין שום שייכות.״

פונדעסטוועגן האט זיין שלעכט פארבונדענער קראַוואַט און זיין שלעכט אויסגעפרעסט העמד, אים פארשאַפן אַ סך עגמת נפש. ער האט באַשלאָסן זיך אָנצוקוקן אינעם גרויסן סאַלאָן-שפּיגל. אין שפּיגל איז זיין בילד אים פארגעקומען, ווי פון דער ווייטן, צוגעדריקט דורך אַ גרויסן קויש מיט ווילדקרויט, פון וועלכן ס׳האָבן זיך ארויסגעזעען רויטע סאַטינענע בענדלעך. דער קויש, אין דער פאָרם פון אַ וואָגן מיט געגילדעטע רעדער, איז געשטאַנען אויף דעם קלאַוויר. צום קויש איז געווען צוגעשפּיליעט די וויזיט-קאַרטע פון ה׳ רו. דער קויש איז געווען אַ מתנה פון ה׳ רו פאר מאַדאַם בערזשערע.

דער פראָפעסאָר האט נישט אוועקגערוקט די בלומען. ס'איז געווען געגוג, אז זיין לינק אויג זאל זיך אים באווייזן אינם שפיגל, פון הינטער די בלומען, אז ער זאל עס א געוויסע צייט פריינדלעך באטראכטן. ה' בערזשערע, וואס האט נישט געגלויבט, אז עמיץ אויף דער אדער אויף אן אנדערער וועלט זאל אים ליב האָבן, האט זיך באצויגן צו זיך אליין מיט א געוויסער דאָזע סימפאטיע און רחמנות. ער איז געווען מילד לגבי זיך, ווי לגבי די עלנטע און אפגעשטויסענע. ער האט אויפגעהערט לענגער צו באטראכטן זיין העמד און קראוואט, און געזאגט צו זיך:

— דו שטודירסט דעם פאנצער פון ענעאס, און דיין קראוואט איז צעקנייטשט. אט האסטו צווי לעכערלעכקייטן. דו ביסט גישט קיין עלעגאנטער מאן. דארפסט לכל הפחות לעבן אן אינערלעך לעבן, און קולטיווירן אין דיין הארצן א פרוכטבארן באדן.

אין דאזיקן ערשטן טאג פון נייעם יאר האָט ער געהאט א סך סבות זיך צו באקלאגן אויף זיין גורל, ווארים ער האט געמוזט ווינשן דעם רעקטאר און דעקאן,ביידע וואלגארע און מגושמדיקע לייט.

דער רעקטאָר, ה' לעטעריע האט אים נישט געקענט פארטראגן. דאס איז געווען אן אָרגאנישע אנטיפאטיע, וואָס איז געוואַקסן מיט דער רעגלמעסיקייט פון א פלאנצונג און אַרויסגעגעבן יעדעס יאר נייע פרוכטן. ה' לעטעריע, פראפעסאר פון פילאזאפיע, מחבר פון א האנטבוך, ווו אלע פילאזאפישע סיסטעמען זענען אומבאַרחמנותדיק אריינטערגעריסן געווארן, האט אומדערשיטערלעך רעפרעזענטירט די אפיציעלע פילאזאפיע. אין זיין מוח איז נישט געווען קיין אָרט פאר ספקות אין די ענינים פון שיינקייט, אמת און גוטס, וואָס זייער כאראקטער האט ער דעפינירט אין א קאפיטל פון זיין ווערק (זייט 216 ביז 262).

דעם ה' בערזשערע האט ער געהאלטן פאר א געפערלעכן און שעדלעכן מענטשן. ה' בערזשערע האט זיך אָפּגעגעבן א גאנץ געגויען דין וחשבון וועגן דער אַנטיפאטיע פון ה' לעטעריע

צו אים. ער האט אָבער דערויף אַבסאָלוט נישט רעאַגירט. טיילמאָל פלעגט ער דעריבער לאַכן אין הארצן.

דערפאר אָבער האָט ער געפילט א מוראדיקן עקל, בעת ער פלעגט זיך באַגעגענען מיטן דעקאַן, ה' טאַרקע, וואָס האָט אינגאנצן נישט געהאַט קיין געדאנקען, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אָנגעפּיקט מיט וויסן, איז ער אָבער אין תוך געווען, געווען א פולשטענדיקער עם-הארץ. דער דאָזיקער דיקער פּאַרשוין, אָן א שטערן און שאַרבן, איז א גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען ביי זיך אין וווינונג און אין גאָרטן ביים ציילן שטיקלעך צוקער און באַרנעס; בעת די וויזיטן פון זיינע קאָלעגן פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיטן פאַרלייגן גלעקלעך.

דעמאָלט אָבער, ווען ער האָט געוואָלט עמיצן ברענגען שאָדן, פלעגט ער אַרויסווייזן א שטאַרקע רירעוודיקייט און א געוויסע אינטעליגענץ, וואָס פלעגט זייער פאַרחידושן דעם ה' בערזשערע. אָט וואָסערער געדאַנקען זענען עס געקומען דעם ה' בערזשערע אויפן קאָפּ, בעת ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך זיין מאַנטל און געגאַנגען ווינשן דעם ה' טאַרקע אַ גוט יאָר.

פונדעסטוועגן האָט אים באַהערשט אַ פרייד, בעת ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס. אויף דער גאַס פלעגט ער ווידער געפינען די טייערסטע זאַך אויף דער וועלט, די פילאָזאָפישע פרייהייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים עק פון רי דע טענטעלערי, קעגנאיבער דעם הויז פוןביידע סאַטירן, און מיט אַ פריינדלעכן בליק גענומען באַטראַכטן די קליינע אַקאַציע, וואָס האָט אַרויסגעבויגן איר גאָלן קאָפּ פון הינטער דער מויער פון לאַפּאָליס גאָרטן.

— דיביימער, — האָט ער געטראַכט, — נעמען אויף זיך אַרויף, ווינטער-צייט, אַן אינטימע שיינקייט, וואָס זיי פאַרמאָגן נישט אין דער גלאָריע פון בלעטער און בלומען. זיי אַנטפּלעקן פאַר אונזער אויג די צאַרטקייט פון זייער סטרוקטור. וווּנדערבאַר שיין איז די גרויסע צאָל דינע צווייגעלעך,

פֿנלעך צו שוואַרצע קרעל; דאָס זענען נישט קיין אָפּגעשטאָר־בענע סקעלעטן, דאָס זענען אָן אַ שיעור קליינע שיינע גלידער, אין וועלכע דאָס לעבן האָט איינגעדרימלט. ווען איך וואָלט געווען אַ פּייזאַזשיסט...

בעת ער איז אַזוי געשטאַנען און באַטראַכט דעם בוים, האָט אַ דיקער פּאַרשוין אים אָנגערופן ביים נאָמען און אים גענומען פֿאַרן אָרעם.

דאָס איז געווען ה׳ קאָמפּאַניאַן, דער פּאָפּולערסטער צווישן די פּראָפעסאָרן; ער האָט געהאַלטן פּאָרטראַגן וועגן מאַטע־מאַטיק און איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די סטודענטן.

— העי! העי! איך ווינטש אייך אַ גוט יאָר, מיין טייערער בערזשערע. כ׳גיי אין אַ געוועט, אַז איר גייט צו אייער דעקאַן. מיר וועלן דעריבער גיין צוזאַמען.

— זייער גערן — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — אויף אַזאַ אופן וועל איך מיט פאַרגעניגן זיך דערנענטערן צו אַ פיינלעכן ציל. וואָרים כ׳מוז מודה זיין, אַז זעען זיך מיטן ה׳ טאַרקע איז פאַר מיר גאָרנישט פון די אַנגענעמע זאַכן.

ביי די רייד, וועלכע ער האָט לגמרי נישט אַרויסגערופן, האָט ה׳ קאָמפּאַניאַן צופעליק, צי אינסטינקטיוו, אַרויסגענומען זיין האַנט פון זיין קאָלעגעס אָרעם.

— כ׳ווייס! כ׳ווייס! איר זענט עפעס נישט אינגאַנצן שוה-בשוה מיטן דעקאַן. דאָס איז אָבער נישט קיין שלעכטער מענטש.

— בעת איך האָב אייך דערציילט וועגן אים, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — האָב איך לחלוטין נישט גע־טראַכט וועגן דער אַנטיפּאַטיע פון מיין דעקאַן צו מיר. אָבער דאָס בלויזע צוזאַמענטרעפן זיך מיט אַ פּערזאָן, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין ברעקל פאַנטאַזיע, גענעמט מיך דורך מיט אַ פּראָסטיקן שוידער.

„נישט דער געדאַנק וועגן דער מענטשלעכער אומגערעכ־טיקייט און שנאה, אויך נישט דאָס בילד פון מענטשלעכע יסורים, מאַכן אונז באמת טרויעריק. פאַרקערט, די צרות פון

אונזערע נאָנטע, אויב מ׳וועט זיי אונז פאָרשטעלן אין אַ פריי־לעכן ליכט, וועלן זיי אונז נאָך פאַרוויילן. אָבער יענע פינצטערע און מרה־שחורהדיקע נשמות, וואָס אין זיי שלאָגט זיך גאָרנישט אָפּ, יענע מענטשלעכע באַשעפענישן, אין וועלכע דער וועלטאַל ווערט צונישט, — אָט־אָ איז אַ ספּעקטאַקל, וואָס איז עלול אַריינ־צוברענגען דער מענטש אין אַ מרה־שחורה און יאוש. די צייט, וואָס איך בין געצוווּנגען צו פאַרברענגען מיטן ה׳ טאָרקע, איז די שרעקלעכסטע פּלאָג פון מיין לעבן.

— דאָס איז נישט וויכטיק! — האָט געענטפערט דער ה׳ קאָמפּאַניאָן. — אונזער פאַקולטעט איז איינער פון די גלענצנ־דסטע אין פראַנקרייך, סיי צוליב די פאַרדינסטן פון זיינע פּראָ־פעסאָרן, ווי אויך צוליב דער פּראַקטפולער איינאָרדנונג פון די פּאָרטראַגס־זאַלן. בלויז די לאַבאָראַטאָריעס שטעלן מיך נישט אינגאַנצן צופרידן.

„מ׳דאַרף אָבער האָפן, אַז אַדאַנק די פאַראייניקטע באַמיונ־גען פון אונזער רעקטאָר, וואָס איז אַזוי איבערגעגעבן אונזער זאַך און פון אזא אנגעזעענעם סענאַטאָר, ווי ה׳ לאַפּרא־טעלע, וועט אין דער הינזיכט אויך אַריינטרעטן אַ בעסערונג.

— ס׳וואָלט אויך געווען געווונטשן, — האָט ה׳ בערזשע־רע זיך אַנגערופן, — אַז דער קורס פון לאַטיין זאָל נישט מער פאָרקומען אין אַ פינצטערן און אומגעזונטן קעלער.

בעת זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ פון הייליקן עקזופּער, האָט ה׳ קאָמפּאַניאָן געוויזן מיטן פינגער דאָס הויז פון דעניזאַ.

—מ׳האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן וועגן דער וואָרזאַגערין, וואָס פלעגט זיך זען מיט דער הייליקער ראַדע־גאַנדע און מיט אַנדערע הייליקע פון גן־עדן. צי האָט איר זי געזען, ה׳ בערזשערע?

„איך בין צו איר אַהינגעפירט געוואָרן אין דער צייט פון איר גלאַנץ און אויפבלי דורך דעם ה׳ לאַקאַרעל, שעף פון פּרעפעקטס קאַבינעט. זי איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן אין אַ פאָטעל און אַ טוץ גלויביקע האָבן איר געשטעלט פראַגן.

מ׳האָט זי געפרעגט, צי דער געזונט-צושטאַנד פון פויפסט איז אַ צו־פרידנשטעלנדער, וועגן די רעזולטאַטן פון דעם פראַנצויזיש-רוסישן בונד, צי דער הכנסה-שטייער וועט דורכגיין אין פּאַרלאַמענט, און צי מ׳וועט אינגיכן אויסגעפינען אַ מיטל קעגן שווינדזוכט. זי האָט אויף אַלץ געענטפערט אין אַ פּאַעטישן סטיל, מיט אַ געוויסער לייכטקייט. בעת ס׳איז געקומען מיין ריי זי צו פרעגן, האָב איך איר געשטעלט גאָר אַ פשוטע פראַגע:

— וויפיל איז דער לאָגאַריטם פון 9 ? וואָס מיינט איר, ה׳ בערזשערע, אַז זי האָט געענטפערט 0,954 ?

— ניין, כ׳גלויב נישט, -- האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט.

— זי האָט גאָרנישט געענטפערט, — האָט ה׳ קאָמפּאַניאָן געזאָגט, — גאָרנישט. זי איז פאַרבליבן שטום, איך האָב געזאָגט: „צי איז מעגלעך, אַז די הייליקע ראַדעגאָנדע זאָל נישט וויסן, וויפיל ס׳איז דער לאָגאַריטם פון 9 ? דאָס איז שווער צו גלויבן !"

ס׳זענען דאָרט געווען פאַרזאַמלט דימיסיאָנירטע פּולקאָווניקעס, גלחים, עטלעכע דאַמען און רוסישע דאָקטוירים. זיי האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין פאַרחידושט, און ביי לאַקאַרעלן דהאָט זיך די נאָז אויסגעצויגן ביז צום נאָפּל. כ׳בין אַנטלאָפן, באַגלייט פון אַן אַלגעמיינעם צאָרן.

בעת ה׳ קאַמפּאַניאַן און ה׳ בערזשערע זענען אדורך דעם פּלאַץ, פּאַרטון אין זייער געשפרעך, האבן זיי באַגעגנט אויפן וועג דעם ה׳ רו, וואָס איז געגאַנגען איבער דער שטאָט און אומעטום פונאנדערגעוואָרפן זיינע וויזיט-קאַרטן. ער האט נעמלעך געהאַט אַ סך באַקאַנטע.

— אָט איז מיין בעסטער תלמיד, — האט זיך אנגערופן ה׳ בערזשערע.

— ער מאכט דעם איינדרוק פון אַ סאָלידן בחור, — האט געזאָגט ה׳ קאָמפּאַניאָן, וואָס האָט געוווּסט, ווי אָפּצושאַצן די־

פיזישע קראפט. — פארוואָס שטודירט ער, צו אלדי רוחות, לאטיין?

דערויף האט ה׳ בערזשערע, א באליידיקטער געפרעגט דעם פראָפעסאָר פון מאטעמאַטיק, צי האלט ער, אז דאס שטודיום פון קלאסישע שפראַכן, דארף ווערן אויסשליסלעך רעזערווירט פאר קרענקלעכע, שוואך-געבויטע מענטשן.

ה׳ רו האט שוין אָבער געגריסט צו די פראפעסאָרן און שמייכלענדיק געוויזן א מויל געזונטע, ווייסע ציין.

ער איז געווען צופרידן. זיין גליקלעכער מזל, וואָס האט געהאט אנטפלעקט דעם סוד פון דער מיליטערישער פראָפעסיע, האט אים איצט געבראכט אַ פרישן נוצן. ה׳ רו האט היינט איינדערפרי באקומען א צוויי-וואָכעדיקן אורלויב כדי אויסצוהיילן א געוויסן אומבאדייטנדן ווייטאָק אין דער קני.

— איר זענט א גליקלעכער מענטש! — האט אויסגערופן ה׳ בערזשערע. — כדי אָפּצונארן, איז ער אפילו נישט געצוווּנגען צו זאָגן ליגנט.

דערנאך האט ער זיך געווענדעט צו ה׳ קאָמפּאַניאָן:

— ה׳ רו, מיין תלמיד, — האט ער צוגעגעבן, — איז די האפנונג פון דער לאטיינישער פערזנלערע. אָבער דער דאזיקער יונגער הומאַניסט, וואָס מעסט אָפּ אזוי גענוי די פערזן פון האָראץ און קאַטולוס, שרייבט דורך אַ משונהדיקן קאָנטראַסט, איי־גענע פראנצויזישע לידער, וואָס פארמאָגן נישט קיין געצויגענע סקאַנדיע. איך מוז מודה זיין, אז איך בין נישט אימשטאַנד אויפצוכאַפּן זייער ריטם. מיט איין וואָרט, ה׳ רו שרייבט ווייסע פערזן.

— טאַקע? — האט ה׳ קאָמפּאַניאָן העפלעך געפרעגט.

ה׳ בערזשערע, וואָס האָט פון דער נאטור ליב געהאט אלע נייעסן, האט געבעטן דעם ה׳ רו צו רעציטירן זיין נייעסטע פּאָעמע, די „מעטאמאָרפאָזע פון דער נימפע,״ וואָס איז אים נאָך נישט געווען באַקאַנט.

— לאָמיר טאַקע הערן, — האט געזאגט ה׳ קאָמפּאַניאָן.
— איך וועל גיין פון אייער לינקער זייט, ה׳ רו׳ כדי צו קע-נען אייך בעסער אויסהערן.

און ה׳ רו האָט אנגעהויבן צו דעקלאמירן די „מעטאַמאָר-פאָזע פון דער נימפע" מיט א לאנגזאמער, צעצויגענער און זינ-גענדיקער שטים. ער האט רעציטירט, און זיינע פערזן זענען פון צייט צו צייט פארטויבט געוואָרן דורכן גערויש פון די וואָגנס:

די ווייסע נימפע,
וואָס שווימט מיט פולע היפטן
לענגאויס דעם קיילעכדיקן ברעג
פון אינזל, ווו פון וויינענדיקע ווערבעס
הענגט אראָפּ חוה׳ס גארטל
אין בלעטער פארבארגן.

דערנאָך האָט ער געשילדערט אין א ריי בילדער:

טייכן, איינגעהילט אין גרינס,
ביים ברעג א קרעטשמע,
פון וואַנען ס׳טראָגן זיך
שמעקענדיקע ריחות.

די נימפע ווערט געלם, אַן אומרויקע און אַ צעטומלטע. זי דערנענטערט זיך צו דער שטאָט; און די מעטאַמאָר-פאָזע קומט פאָר:

דער הארטער שטיין צערייסט אירע היפטן,
איר ברוסט באַוואָקסן ווערט מיט הארטע האָר,
און שוואַרץ פון קויל, מיט שווייס באגאסן,
פארוואנדלט ווערט די נימפע אין א טרעגער.
און אונטן זענען די דאָקן,
ווו זי לאַדעוועט קוילן.

און דער דיכטער האט באזונגען דעם טייך, וואס שניידט דורך די שטאָט *.

און דער טייך, ביז איצט א מוניציפּאַלער און היס־
טאָרישער,
באַזונגען אין ארכיוון און אין די כראָניקעס
פון רום,
באַקומט אַן ערנסט געזיכט און ווערט אפילו טרוי־
עריק
פון די ארומיקע גרויע שטיינער.
ער פליסט אונטערן שאָטן פון די שווערע באַזיליקעס,
ווו נאָך ביים הייגטיקן טאָג
בלאָנזשען ארום איבער גאַניקס
געשפּענסטער פון די אַלבערטס.
קיין שום גלח זאגט נישט ווידוי
מיט די אומבאַקאַנטע דערטרונקענע,
זייערע אָנגעשוואָלענע בייכער,
שווימען ארום צווישן אינזלען, ענלעכע צו שיפן
ווו גאַלע קוימענס שטאַרן ארויס אָנשטאָט מאַסטן.
שטעל דיך אוועק ביים ברעג.
דאָרט וועסטו געפינען אין קאַסטנס
נישט איין פארפוילטן כתב־יד,
אויף וועלכע ס'שיטן זיך אַן אויפהער
פאַרוויאַנעטע בלעטער פון פּלאַטאַנען.
און אפשר וועסטו דאָרט
א וויכטיקן כתב־יד געפינען:
און דו וועסט זיך באַקענען
מיט דער סודותפולער קראַפט פון די רוינען
און כישוף צייכנס, אויסגעקריצט אין שטאָל.

— דאס איז זייער שיין, — האָט זיך אנגערופן ה׳ קאָמ־
פּאַניאָן, וואָס האָט נישט פיינד געהאַט די ליטעראַטור. מחמת
דעם אָבער, וואָס ער איז געווען גאַנץ שוואַך אין איר באַהאַוונט
האָט ער נישט געקאָנט אונטערשיידן צווישן א ליד פון ראַסין
און מאַלאַרמע.

און ה׳ בערזשערע האט געטראכט:
—ווען דאָס וואָלט אבער געווען א מייסטער-ווערק?
אזוי אָבער, ווי ער האט מורא געהאט צו באליידיקן די
אומבאקאנטע שיינקייט. האט ער שווייגנדיק געדריקט די האנט
[illegible] דיכטער.

V

אז ה׳ בערזשערע איז ארויס פון דעקאנס חוינונג, האט ער באגעגנט מאדאם דע גראָמאַנס, וואס האט זיך צוריקגעקערט פון דער גאָטעס-דינסט. דאס האט אים פארשאפן א פארגעניגן, וואָרים ער האט געהאלטן, אז דער אָנבליק פון א שיינער פרוי איז א נחת-רוח פאר אן אָרנטלעכן מאן. מאדאם דע גראָמאנס איז אים פארגעקומען, ווי די פרוי, וועלכע ער האט צום שטארקסטן באגערט. ער איז איר געװען דאנקבאר פאר איר קליידן זיך מיט געשמאַק, וואָס נאר זי אליין אין דער גאנ-צער שטאָט האט אים פארמאגט.

עס איז אים אויך געפאָלן געוואָרן, וואָס אין אירע באַ-וועגונגען האט זיך בולט ארויסגעוויזן איר שלאַנקע און פיינע טאליע. דאס זענען אָבער אלץ געווען בילדער פון אן אילוזאָ-רישער ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אומצוגענגלעך פארן אָרע-מען, אומבאקאנטן הומאניסט; דערפאר האט ער אין געדאנק געקאָנט מיט איר אילוסטרירן א פערז פון האָראץ, אָווידיוס אָדער מאַרציאַליס. ער איז איר געווען דאנקבאר פאר איר בנעימותדיקער באנעמונג און פארן ליבע-ריח, וואָס זי האט ארויסגעגעבן פון זיך.

אין הארצן האָט ער איר געדאנקט ווי פאר א חסד, וואָס איר הארץ האט זיך אזוי לייכט איבערגעגעבן דער ליבע, הגם ער אליין האט קיינמאָל נישט געהאט די האפנונג פון איר גע-ליבט צו ווערן. פרעמד צו דער אריסטאָקראטישער געזעלשאפט,

איז ער קיין איין מאָל נישט געווען ביי איר, און נאָר דורך־ אַ צופאַל, בעת די פייערלעכקייטן לכבוד זשאַנגע ד׳ אַרק, איז ער איר פאַרגעשטעלט געוואָרן אין דער לאָזשע פון ה׳ דע־ טערמאָנדר.

ער איז איבריקנס געווען אַ געלערנטער און געהאַט אַ חוש פאַר האַרמאָניע. דעריבער האָט ער קיינמאָל נישט געפּרוּווט זיך דערנענטערן צו איר. פאַר אים איז געגנוג געווען ביי דער באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער יונגער דאַמע, צו אָבסערווירן מיט פאַרגעניגן איר שיין פּנימל, און ביי איר אָנבליק זיך צו דערמאַנען די מעשהלעך, וואָס מ׳פלעגט וועגן איר פאַרציילן אין פּאַריז. זי האָט אים פאַרשאַפן אַ ביסל פרייד, און דער־ פאַר איז ער איר זייער דאַנקבאַר געווען.

יענעם פרימאָרגן, אין ערשטן טאָג פון נייעם יאָר, האָט ער זי באַמערקט אונטער די אַרקאַדן פון דער סען־עקזופּער־ קירך, בעת זי האָט מיט איין האַנט אויפגעהויבן איר קלייד און געוויזן די ווייסע צאַרטקייט פון איר קני, און מיט דער אַנדע־ רער געהאַלטן איר געבעטבוך, איינגעבונדן אין רויטן סאַפיאַן־ לעדער; ער האָט איר באַלד אין געדאַנק איבערגעשיקט אַ דאַנק־ שמייכל דערפאַר, וואָס זי איז דער קוואַל פון אַנטציקנדיקע תענוגים און ווערט באַוווּנדערט פון דער גאַנצער שטאָט. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער איבערגעגעבן אין זיין שמייכל, בעת ער האָט זי דערזעען.

מאַדאַם דע גראָמאַנס האָט נישט געהאַט די זעלבע מיי־ נונג וועגן מענער, וואָס ה׳ בערזשערע וועגן פרויען. זי האָט זיך קודם כל גערעכנט מיט אַ סך געזעלשאַפטלעכע פאָראורטיילן און מחמת דעם, וואָס זי האָט געהערט צו דער אַריס־ טאָקראַטישער וועלט, האָט זי אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פאָרזיכ־ טיקייט אין דער באַנעמונג.

זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס מ׳טראַכט וועגן איר אין שטאָט, דעריבער פלעגט זי זיך פאַרהאַלטן שטאָלץ און קאַלט לגבי די מענער, וואָס זי האָט קיין חשק נישט געהאַט זיי גע־ פעלן צו ווערן. ה׳ בערזשערע האָט טאַקע געהערט צו יענער

קאַטעגאָריע מענער. זי האָט אָנגענומען זיין שמייכל, ווי אַן אימפּערטינענץ, און זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ ביטול־בליק, אַז ער איז אַזש רויט געוואָרן פאַר בושה. גייענדיק ווייטער זיין וועג, האָט ער געטראַכט, אַ פאַרשעמטער און אַ צעבראָכענער:

„זי האָט געהאנדלט ברוטאַל. איך בין אבער א שוטה. איצט פיל איך עס. צו שפּעט האב איך דערקענט די חוצפּה פון מיין שמייכל, וואס האט צו איר געזאגט: „איר זענט אן עפנטלעך פארגעניגן.” דאס דאזיקע אנטציקנדיקע באשעפעניש איז נישט קיין פילאזאף, וואס זאל זיין פריי פון וווּלגאַרע פאראורטיילן.

„זי האט מיך נישט געקאנט פארשטיין. זי האט נישט געקענט וויסן, אז איך האלט איר שיינקייט פאר די גרעסטע צניעות אין דער וועלט, און די נוצן, וואס זי האט פון איר פאר דערהויבענע און ריכטיקע. מיר האט געפעלט טאקט. איך שעם מיך צוליב מיין האַנדלונג, ווי יעדער אָרנטלעכער מענטש, אזוי דאָב איך עובר געווען אויף געוויסע מענטשלעכע געזעצן, און איך באַדויער עס נישט לגמרי. אָבער געוויסע האַנדלונגען פון מיין לעבן זענען, ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, געקומען אין א קאָנפליקט מיט יענער העכערער, אומבאַמערקבארער סובטילקייט, וואָס רופט זיך קאָנווענאַנס, און האָבן מיר פאַרשאַפן אַן אומגעוויינלעכן צער און פיינלעכן עגמת־נפש. אין דער רגע וואָלט איך מיך פאַר חרפּה ערגעץ באַהאלטן. פון היינט אָן וועל איך אויסמיידן יעטוועדע באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער דאַמע, וואָס האט א שלאנקע טאליע, Crispum docta movere latus כ'האב שלעכט אנגעהויבן דאס נייע יאר.

— כ'ווונש אייך א גוט יאָר, — האט זיך דערהערט א שטים פון הינטער א באָרד מיט אַ שטרויענעם הוט.

דאָס איז געווען ה' מאזור, דער אַרכיוואַר פון דעפּאַרטאַמענט. ווי באקאנט, האט דער מיניסטער זיך אָפּגעזאָגט אים צו באשענקען מיט אַקאַדעמישע פאַלמען, מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאט קיין גענוגנדע קוואַליפיקאַציעס, און די דאַמען פון

דער בעסערער געזעלשאַפט האָבן איבערגעהערט צו באזוכן די מאדאַ מאַזור, צוליב דעם וואָס זי איז אַמאָל געווען אַ קעכין און דאָס קעפּס-ווייב פון די צוויי פריערדיקע ארכיווארן; זינט דעמאָלט אָן איז ה׳ מאזור געוואָרן אַ דם־שונא פון דער רעגירונג און פון דער גאַנצער וועלט, און ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ פינצטערער מענטשן-פיינדשאַפט.

מחמת דעם, וואס ער האט געוואלט ווייזן דער גאַנצער וועלט זיין ביטול צום מענטשלעכן מין, האט ער אין יענעם טאג, אין וועלכן ס׳איז אגגענומען צו מאכן פריינדלעכע און אפיציעלע וויזיטן, אנגעטון אַ שמוציקן טריקאָט, וואס זיין בלויִלעכע וואָל האט אפּערגעקוקט פון אונטער דעם פּאַלטן מיט די צעריסענע לעכלעך; אויפן קאָפּ האט ער געטראָגן אַ צעבויגענעם שטרויענעם הוט, וואס זיין פרוי מארגעריט פלעגט זומער אויפהענגען אין גארטן, כדי אפּצושרעקן די וורובלעס. ער האט מיט אַ רחמנות-בליק באטראכט דעם ווייסן קראוואט פון ה׳ בערזשערע.

— איר האָט נאר וואס אראפּגענומען דעם הוט פאר אַ באַרימטער גאסן-פרוי, — האט ער זיך צו אים געווענדעט.

ה׳ בערזשערע האָט מיט אַן אמתן צער זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע רייד, וואָס זענען געווען אזוי ווייניק דערהאַבן און פילאָזאָפיש. ער האט אָבער אַ סך מוחל געווען דער מיזאַנטראָפּיע. ער האָט זיך דעריבער באַמיט מיט אַ מילדער שטים אויפמערקזאַם צו מאכן דעם הער מאַזור אויף דער נישט ריכטיקייט פון זיינע רייד.

— מיין טייערער הער מאַזור, פון אַזאַ קלוגן מאַן, ווי איר, האָב איך מיך געריכט צו הערן אַ גערעכטערן אורטייל וועגן אַ דאַמע, וואָס טוט נישט קיינעם קיין שלעכטס, פּאַרקערט...

ה׳ מאזור האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד און טרוקן געענטפערט, אז ער ליידט נישט קיין קאָמעדיאַנטינס. דאָס איז פון זיין זייט נישט געווען קיין אויסדרוק פון אויפריכטיקער איבערצייגונג. ה׳ מאזור האט בכלל נישט געהאט קיין מאָראַלישע פּרינציפּן. ער האט זיך אָבער עקשנותדיק געהאלטן ביי זיין

מיינונג. ווארים ער איז געווען אין א שלעכטער שטימונג.

אזוי, אזוי! — האט ה' בערזשערע א זיפץ געטון — כ'ווייס שוין אין וואס עס באשטייט די שולד פון מאדאם דע גראמאנס. זי איז געבוירן געווארן מיט גאנצע הונדערט און פופציק יאר שפעטער. אין דער געזעלשאפט פון אכצנטן יארהונדערט וואלט זי נישט אויסגעשטעלט געווארן אויף א באליידיקונג מצד אן אינטעליגענטן מענטש.

ה' מאזור, וועמען די דאזיקע רייד האבן אביסל געחנפעט איז געווארן ווייכער. ער איז נישט געווען קיין צבועק. ער האט אבער רעספעקטירט די ציווילע חתונה, וואס די געזעצגעבער פון דער רעוואלוציע האבן זי באשאנקען מיט א נייער ווירדע. פונדעסטוועגן האט ער אבער נישט אפגעלייקנט די רעכט פון די יידנשאפטן און פון הארץ. ער האט דעריבער גארנישט געהאט נישט קעגן די לייכטזיניקע פרויען און נישט קעגן די מאטראנעס.

— וואס מאכט מאדאם בערזשערע?—האט ער צוגעגעבן.

דער צפון-ווינט האט אנגעהויבן בלאזן, און ה' בער-זשערע האט באמערקט, ווי די נאז פון ארכיוואר הייבט אן רויט צו ווערן. אים אליין איז קאלט געווען אין די פיס, אין די קני, און ער האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן מאדאם דע גראמאנס, כדי אויף אזא אופן זיך א ביסל צו דערווארעמען.

די בוכהאנדלונג פון פאיא איז געווען פארשלאסן. ביידע געלערטע האבן זיך ארומגעזוען, אז זיי האבן זיך נישט ווי אהינצוטון, און זיי האבן באטראכט איינער דעם אנדערן מיט סימפאטיע און טרויער.

און ה' בערזשערע האט געטראכט.

— אז איך וועל פארלאזן דעם דאזיקן חבר מיינעם, וואס פארמאגט אן ענגן געדאנקען-האריזאנט, וועל איך אריינפאלן אין דער פוסטקייט פון דער אומפריינדלעכער שטאט; דאס וואלט געווען שרעקלעך.

זיינע פיס זענען ווי צוגעשמידט געווארן צום שפיציקן ברוק, און א קאלטער ווינט האט אים געסמאליעט די אויערן.

— איך וועל אייך צופירן ביז צו אייער טיר, — האט זיך אנגערופן דער ארכיוואר.

און זיי זענען ביידע געגאנגען, זייט ביי זייט, און פון צייט צו צייט געגריסט צו די שטאט-איינוויינער, יום-טובדיק געקליידעטע, וואס האבן געהאלטן אין האנט בייטעלעך מיט צוקערלעך אדער פאיאצן.

— די גרעפין דע גראמאנס, — האט געזאגט דער אר-כיוואר. — הייסט פון דער היים שפאן. באקאנט איז נישט מער, ווי איין שפאן: איר פאטער, דער גרעסטער פראצענט-ניק אין דער געגנט. איך האב אבער אויסגעפונען די דאקו-מענטן פון דער פאמיליע דע גראמאנס, וואס געהערט צים קליי-נעם אדל. א געוויסע צעציליע גראמאנס האט אין יאר 1815 גע-האט א קינד פון א קאזאק. דאס וואלט געווען א פיינע טעמע פאר אן ארטיקל אין דעם שטאטישן בלאט. איך גרייט טאקע צו א גאנצע סעריע אזעלכע נאטיצן.

ה׳ מאזור האט געזאגט דעם אמת. א פאנאטישער שונא פון זיינע מיטבירגער, פלעגט ער ביי טאג, פונם אויפגאנג ביז צום אונטערגאנג פון דער זון, איינער אליין אינם פארשטויבטן בוידעם-שטיבל פון דער פרעפעקטור, זיך גריבלען אין די זעקס הונדערט זיבן און דרייסיק טויזנט מעטריקעס, וואס זענען דארט געווען אנגעזאמלט; און געהאט האט ער דעם איינציקן צוועק, אויסצוזוכן וואס מער קאמפראמיטירנדע אנעקדאטן וועגן די אנ-געזעענסטע פאמיליעס פון דעפארטאמענט.

דארט, אין מיטן די הויפנס גאטישע פארמעטן און גע-סטעמפלטע פאפירן, וואס האבן געטראגן אויף זיך די סטעמפלען פון זעקס מלכים, צוויי קייזערס און דריי רעפובליקן, — פלעגט ער ארײנלאכן, ארומגערינגלט פון א וואלקן שטויב, בעת ער האט געפונען אלטע פון ווערים און מייז צעפרעסענע דאקו-מענטן, — א באוויז פון אלטע פארברעכנס און חטאים, אויף וועלכע מ׳האט שפעטער תשובה געטון.

און בעת זיי זענען אזוי געגאנגען לענגאויס דעם גע-דרייטן טענטעלערי-געסל, האט ער פארציילט די פארשידנסטע

שרעקלעכסטע מעשהלעך דעם ה׳ בערושערע, ווען עס זענען חייניק אָנגעגאַנגען די חטאים פון די אַמאָליקע דורות, דער־פאַר האָבן אים אָבער אינטערעסירט די אמאליקע מנהגים.

מאַזור האָט געפונען אין ארכיוו דאקומענטן וועגן עפּעס אַ טערמאָנדר, וואָס איז געווען אַ טעראָריסט און פּרעזעס פון סאַנקיולאָטן־קלוב אין יאָר 1793. שפּעטער האָט ער איבערגע־מאַכט זיין נאָמען ניקאָלאַ־עאוסטאַש אויף מאַראַט פעפּליע. און ה׳ מאַזור האָט זיך טאָקע באלד צוגעאיילט צוצושטעלן זיין קאָלעגע פון דער ארכעאָלאָגישער געזעלשאַפט, דעם ה׳ זשאַן דע טערמאָנדר, וואָס איז געווען אַן איבערצייגטער מאָנאַרכיסט און קלעריקאַל, מאַטעריאַלן וועגן דאָזיקן פאַרגעסענעם זיידע זיינעם, מאַרא־טערמאָנדר־פּעפּליע, מחבר פון אַ הימן וועגן דער הייליקער גילאָטינע. ער האט אויך געפונען אַ דאָקומענט וועגן עפּעס אַן עלטער־פּעטער פון גענעראל־וויקאר פון ערצבישאָף, אַ געוויסער גולע, אָדער ווי יענער פלעגט זיך געבן אונטער־חתמענען : גולע־טראָקאר, אַ מיליטער־ליפעראַנט, וואס איז אין יאר 1812 פארמשפּעט געווארן אויף שווערע ארבעטן, פאר צושטעלן אַנשטאט רינד־פלייש, פלייש פון קראַנקע פערד.

די מאַטעריאַלן פון דאזיקן פראצעס זענען פארעפנטלעכט געווארן אין א פראגרעסיוו בלעטל פון דעפּארטאמענט. ה׳ מאזור האט דערקלערט, אז ער וועט ארויסטרעטן מיט נאָך שרעקלע־כערע רעוואלאציעס וועגן דער פאמיליע לאפרא, וואס איז פול מיט בעלי־זנותניקעס.

די פאמיליע קורטרע, וואס איינער פון אירע מיטגלידער איז אין יאר 1813 געמשפּעט געווארן אלס מלוכה־פאררעטער ; די פאמיליע דעיאן, וואס איז רייך געווארן אויף שפּעקולאציעס מיט תבואה ; די פאמיליע קאטרבארב, וואס שטאמט פון די בארימטע „שאפערס״, *) א מאן און פרוי, וואס זענען אויפגע־

*) שאפער — אין די צייטן פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע פלעגן די רייזנדע אויף די וועגן באפאלן ווערן דורך באנדיטן, וואס פלעגן מיט הייסע אָנגעגליטע אייזנס, ברענען זיי די פיס, און אויף

האנגען געווארן דורך דער באַשעלקערונג אויף די דיוראַק־הויכקייטן, אין די צייטן פון קאָנסולאַט. אין יאר 1860 פלעגט מען נאך באַגעגענען זקנים, וואס האבן בעת זייער יוגנט געזען מיט זייערע אויגן, אויפגעהאָנגען אויף א צווייג פון אַ דעמב אַ מענטשלעכן שקעלעט, איינגעהילט אין לאנגע שווארצע האר, וואס זיין אנבליק פלעגט שרעקן די פערד.

— דער שקעלעט איז געהאָנגען גאנצע דריי יאר — האָט אויסגערופן דער ארכיוואר, — און דאָס איז געווען נישט קיין אנדערע, ווי די לייבלעכע באָבע פון היאַצינט קאטרבאַרב, דער אַרכיטעקט פון דער דיעצעזיע!

— דאָס איז זייער אינטערעסאנט, איר דארפט עס אָבער פארבאַהאלטן פאר זיך, — האט געזאגט ה' בערושערע.

מאזור האט אים נישט געהערט. ער האָט געוואָלט פאַרעפנטלעכן אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט נישט געקוקט אויפן ווידערשטאַנד פון פרעפעקט ה' וואָרמס־קלאַוועלן, וואָס פלעגט זאגן מיט שכל: „מ'דארף אויסמיידן סקאנדאַל־טעמעס און אַלץ, וואָס קאן גורם זיין אַ מהומה", און ער האָט געדראַט דעם אַרכיוואר, אז ער וועט אים אפרופן פון זיין אמט, אויב ער וועט נישט אויפהערן צו פארעפנטלעכן די אַלטע סודות פון באַקאַנטע משפחות.

— אך! — האט אויסגערופן ה' מאזור, און דערביי זיך ביי'ז צעלאַכט, — אַלע וועלן וויסן, אז אין יאָר 1815 האָט פריילין דע גראמאנס געהאט א קליין קאזאקל.

זינט עטלעכע רגעס איז ה' בערזשערע שוין געשטאנען ביי זיין טיר און געהאַלטן די האנט אויפן קנעפל פון גלאָק:

— דאָס איז אַן אומבאַדייטנדע געשיכטע! — האָט ער זיך אנגערופן. — די דאזיקע אָרעמע פריילין האט געטון, וואס זי

אויף אזא אופן צווינגען אפצוגעבן דאס געלט. שאפער שטאַמט פון ווארט הייצן, ברענען.

(באמ. פ. איבערזעצער).

האט געקאנט. זי איז טויט, און דאס קליינע קאזאקל איז אויך טויט. לאמיר זיי לאזן צורו, און אויב שוין יא אויפוועקן זיי אויף א ווייל, טא לאמיר עס כאטש טון מיט רחמים. פון וואנען נעמט זיך צו אייך אזא פאנאטיזם, טייערער הער מאזור?

— דאס איז דער פלאם פון דער גערעכטיקייט.

ה׳ בערזשערע האט א קלונג געטון:

— אדיע, ה׳ מאזור, זייט נישט אזא פלאמענדיקער אנהענגער פון יושר, און קוקט בעסער אוועק אויף א סך זאכן. כ׳ווינטש אייך א גוט יאר.

ה׳ בערזשערע האט אריינגעקוקט דורך דער שמוציקער שויב פון הויזוועכטערס שטיבל, צי ס׳איז נישט פאראן קיין בריוו אדער פאפירן אין זיין פאסט-קעסטעלע: אים האבן באזונדערס אינטערעסירט בריוו, וואס זענען געשיקט געווארן פון דערוווייטן און ליטעראַרישע זשורנאלן.

ער האט אבער געפונען איינגאנצן אייניקע וויזיט-קארטן, וואס האבן אים ארויפגעבראכט אויפן געדאנק פערזאנען, פונקט אזוי אומבאדייטנד און בלאס, ווי די דאזיקע וויזיט-קארטן, ווי אויך א רעכנונג פון מאדמואזעל ראז, די מאדיסטין פון רי דע טענטעלערי. ער האט א בליק געטון אויף דער רעכנונג און געטראכט, אז מאדאם בערזשערע האט אנגעהויבן צופיל געלט צו פארשווענדן און ס׳איז אים באמת שווער אויסצוהאלטן דאס הויז. ער האט געפילט די דאזיקע משא אויף זיינע פלייצעס און ס׳האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער טראגט אויף זיך דעם דיל פון זיין וווינונג צוזאמען מיט דעם קלאוויר און דער שרעקלעכער קליידער-שאנק, וואס האט איינגעשלונגען זיין גאנץ געלט, און איז דאך שטענדיק געווען ליידיק.

באהערשנדיק פון זיינע פאמיליען-דאגות האט ער זיך אנגעשפארט אין דעם אייזערנעם אנלען, וואס האט אין לאנגזאמע פארבויגונגען באוויזן זיינע געבלימלטע צייכנונגען; מיט אן אויפגעלאזטן קאפ, ארויסלאזנדיק א שווערן זיפץ, האט ער אנגעהויבן צו גיין איבער די שטיינערנע טרעפ, היינט פארשווארצטע, אפגענוצטע, צעשפאלטענע, געלאטעטע מיט שטיק-

לעך ציגל, בעת אַמאָל אין יענע צייטן, ווען זיי זענען נאָך געווען פריש און ניי, פלעגן זיך טראָגן איבער זיי יונגע הערן און שיינע פרויען; די דאָזיקע יונגעלייט האָבן עס געאיילט בושה פנים צו זיין ביים שטייערן-עקזעקוטאָר פּאָקע, וואָס איז רייך געוואָרן פון אומבארחמנותדיקן שינדן די הויט פון דער אָרומיקער באפעלקערונג.

ה׳ בערזשערע האָט געוווינט אינם אַמאָליקן פּאַלאַץ פון פּאָקע דע סענט-קרואַ, וואָס איז איצט געווען באַגזלט פון זיינע עשירות, אָפּגעפליקט פון זיין רום, געשענדעט דורך אַ צוגעבויטן שטאָק אויפן אָרט פון דעם אַמאָליקן מאַיעסטעטישן דאַך; הויכע העסלעכע געביידעס האָבן איצט פאַרנומען דאָס אָרט, ווו ס׳זענען אַמאָל געווען גאָרטנס מיט טויזנטער סטאַטועס, וווּנדערבאַרע וואַסערן און אַ ריזידיקער פּאַרק. פאַרבויט איז אויך געווען דער פּראָנט-אַריינגאַנג, ווו פּאָקע האָט אַמאָל געהייסן אויסבויען אַן אַלעגאָרישן מאָנומענט לכבוד זיין קיניג, וואָס פלעגט אַלע פינף, זעקס יאָר צונעמען ביי אים דאָס אָנגעגזלטע פאַרמעגן, כדי שפּעטער אים ווידער צו דערלויבן אָנצופילן זיינע טייסטערס מיט גאָלד.

דער דאָזיקער הויף, באַפּוצט מיט אַ פּראַכטפולן טאָסקאַנישן פּאָרטיק, איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין יאָר 1857, בעת מ׳האָט דורכגעפירט די רעגולאַציע פון דער טענטעלערי-גאַס. דער פּאַלאַץ פּאָקע דע סענט-קרואַ איז ביים היינטיקן טאָג געווען אַ מיאוסע געביידע, וואָס האָט איינגעבראַכט אַ יערלעכע הכנסה, און איז געהאַלטן געוואָרן אין אַ שלעכטער אָרדנונג דורך דאָס אַלטע פאָרפאָלק, די הויז-וועכטערס גאָבער.

דאָס פאָרפאָלק גאָבער פלעגט זיך באַציען מיט ביטול צו ה׳ בערזשערע צוליב זיין מילדקייט און זיי פלעגן זיך ווייניק איבערנעמען מיט זיין ווירקלעכער ברייטהאַרציקייט, וואָרים דאָס איז געווען די ברייטע האַנט פון אַן אָרעמאַן; דערפאַר פלעגן זיי מיט רעספּעקט צונעמען יעדע מטבע פון ה׳ רענאָ, וואָס האָט געגעבן ווייניק, הגם ער האָט געקאָנט געבן אַ סך מער;

זיינס אַ הונדערט-סו-מטבע האט געהאט די מעלה, וואָס זי האָט געשטאַמט פון אַ גרויסן אוצר.

אַז ה׳ בערזשערע איז אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, ווו ס׳האט געוווינט ה׳ רענאַ, אייגנטימער פון פּלעצער אינם קוואַרטאַל פון נייעם וואקזאַל, האט ער ווי אַלעמאָל אַ קוק געטון אויפן באַרעליעף, וואָס איז געווען איבער דער טיר. מ׳האט דאָרט געזעען דעם אַלטן סילען אויף אַן אייזל צווישן יונגע נימפעס. דאָס איז אינגאַנצן געבליבן פון דער אַ־מאָליקער דעקאָראַציע פון פּאַלאַץ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן צום סוף פון קיניג לואי דעם פופצנטנס הערשאַפט, אין אַן עפּאָכע בעת דער פראַנצויזישער סטיל האָט נאָכגעמאַכט דעם אַנטיקן סטיל און באַקומען יענע ריינקייט, קראַפט, און עלעגאַנטע נאָבלקייט, וואָס לאָזט זיך באַזונדערס באַמערקן אויף די פּלענער פון אַרכיטעקט גאַבריעל.

דער פּאַלאַץ פּאָקע דע סענט-קרואַ איז טאַקע אויפגעבויט געוואָרן דורך אַ תלמיד פון יענעם באַרימטן אַרכיטעקט. מ׳האָט אים אָבער העסלעך געמאַכט אויף שטענדיק. אויב מ׳האָט צוליב עקאָנאָמיע, און כדי איינצושפּאָרן זיך געלט און מי, נישט אָראָפּגעריסן דעם קליינעם באַרעליעף מיט סילענען און זיינע נימפן, האָט מען אים דערפאַר צוזאַמען מיט די טרעפּ אויסגעמאָלט מיט אייל-פאַרבן, וואָס האָבן אימיטירט רויטן גראַניט.

ס׳איז אַפילו אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז סילען האָט פאָרגעשטעלט מיט זיין פּאָקעטן, וואָס האָט געשמט פאַרן מיאוסטן מענטש אין זיין צייט און געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג ביי פרויען. הגם ה׳ בערזשערע איז נישט געווען קיין גרויסער מבין אויף קונסט, האט ער אין דער דאָזיקער גראָטעסקער און גלייכצייטיק איידעלער פיגור פון געטלעכן זקן, אַנטדעקט דעם טיפּ, וואס איז פאַרקערפּערט געוואָרן דורך צוויי אַנטיקע סטילן און דורכן רענעסאַנס.

ער האט זיך געהיטן נישט צו טיילן דעם אַלגעמיינעם טעות; אָבער נישט געקוקט דערויף האט אים דער דאָזיקער סילען נישט ווילנדיק אויפגעפירט אויפן געדאַנק פּאָקעטן, וואס

האט טועם געווען אלע תענוגים פון דער וועלט אין די זעלבע מויערן, וווּ ער האט געלעבט א שווער, ביטער לעבן.

בעת ער איז אזוי געשטאנען אויף די טרעפ, האט ער געטראכט:

— דער דאזיקער פינאנסיסט האט גענומען געלט ביים קיניג און דער פלעגט עס ווידער צונעמען ביי אים. אויף אזא אופן פלעגט זיך איינשטעלן א געוויסע גלייכגעוויכט. מ'דארף נישט איבעריקנס צופיל רימען די פינאנסן פון דער מאנארכיע, ווארים סוף כל סוף האט דאך נישט קיין אנדערער, ווי דער דעפיציט גורם געווען דעם אונטערגאנג פון מאנארכיסטישן רעזשים.

„איינס איז אבער וויכטיק, דער קיניג איז דעמאלט געווען דער איינציקער באלעבאס פון אלע באוועגלעכע און אומבאוועגלעכע גיטער אין דער מלוכה. יעדעס הויז האט געהערט צום מלך, און אלס צייכן פון זיין איבערגעגעבנקייט צום קיניג האט יעדער אונטערטאן געמוזט אויסהענגען די קיניגלעכע הערבן אויף דעם שילד פון זיין וווינונג.

„בעת לואי דער פערצנטער האט געהייסן צעשמעלצן די זילבערנע כלים פון זיינע אונטערטאנען, כדי צו דעקן זיינע קריגס־הוצאות, האט ער געהאנדלט נישט ווי א רעקוויזיטאר, נאר ווי א באלעבאס. ער האט געהייסן אפילו צעשמעלצן די ווערטפולע חפצים פון די קירכלעכע אוצרות, און איך האב ערשט נישט לאנג געלייענט, אז ער האט געהייסן אראפנעמען די פראכטפולע בגדים פון דער הייליקער יונגפרוי אין ליעס, אין פיקארדיע; צווישן אנדערע האט זיך דארט אויך געפינען א גילדענע ברוסט, א מתנה פון דער פולישער קיניגין פאר איר וווּנדערבארער אויסהיילונג פון א קרענק. אלץ האט געהערט צום קיניג, דאס הייסט צו דער מלוכה.

„סיי די סאציאליסטן, וואס פראקלאמירן היינט צו טאג די נאציאנאליזירונג פון די פריוואטע פארמעגנס, סיי די באלע־באטים, וואס שטרעבן צו פארהאלטן ביי זיך זייער אייגנס, פארגעסן, אז נאציאנאליזירונג וואלט אין געוויסע הינזיכטן גע־ווען א צוריקקער צום אלטן רעזשים. ס'פארשאפט א פילאזא־

פישן פארגעניגן דער געדאנק, אז די רעוואָלוציע איז אנט-גילטיק דורכגעפירט געוואָרן לטובת די, וואָס האָבן אָפּגעקויפט די נאציאנאלע גיטער, און אז די דעקלאראציע וועגן די רעכט פון מענטש איז געוואָרן די „מאגנא קארטא" פון די פרישע גוטבאזיצער.

„דער דאזיקער פּאָקע, וואָס האָט געלאזט ברענגען צו זיך די שענסטע מיידלעך פון דער אפּערע, איז אבער נישט געווען קיין קאוואלער פון אָרדן פון הייליקן לואי. ביים חיינטיקן טאג וואלט ער געווען קאָמאנדאָר פון דער ערן-לעגיאן און די פי-נאנס-מיניסטארן וואלטן געהארכט זיינע באפעלן.

„א דאנק זיין עשירות איז ער געווען אימשטאנד זיך צו פארשאפן אלע תענוגים פון דער וועלט, היינט צו טאָג וואלט ער פאר זיין געלט אויך באקומען כבוד. ווארים דאס געלט אליין איז היינט געווארן א בכבודיקע זאך, דאס איז אונזער איינציקער אדל. און מיר האבן אראפּגעווארפן פון זיך די הערשאפט פון דעם אמאליקן אדל, כדי אויף זיין ארט ארויפ-צופירן דעם נייען אדל, דעם מעכטיקסן און אומפארשעמטעסטן, וואס איז ביז איצט געווען."

ה' בערזשערעס געדאנקען זענען אין דעם מאמענט איבערגעריסן געווארן דורך א קאָמפּאניע מענער, פרויען און קינדער, וואס זענען אַרויסגעגאנגען פון דער ווינונג פון די רענא. ער האָט פארשטאנען, אז דאס זענען געווען ארעמע קרובים, וואס זענען געקומען ווינשן דעם אלטיטשקן א גוט יאר, און אים האט זיך אויסגעוויזן, אז זייערע פנימער האָבן געהאט א זויערע מינע. ער איז ווייטער געגאנגען איבער די שטיגן, וואָרים געוווינט האָט ער אויפן דריטן שטאָק וואָס ער האָט גערופן דאָס דריטע צימער, אויסדריקנדיק זיך אין סטיל פון זיבצנטן יאָרהונדערט. און כדי צו אילוסטרירן דעם דאָזיקן אַלטן טערמין, וואָס האָט שוין לאנג אויפגעהערט באנוצט צו ווערן, האָט ער ציטירט א פערז פון לאַפאָנטען:

„פאַר אייערס-גלייכן טויג נישט לערנען זיך כסדר.
אין דריטן צימער מוזט איר ווינען סיי-ווי-סיי.

איר מוזט אין זומער טראָגן ווינטער־קליידער
און אייער שאָטן, מ׳שטיינס געזאָגט, דינט אייך פאר אַ
לאָקיי.״

ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט צופיל מיסברויכט מיטן דאָזיקן ליד, וואָס פלעגט טאַקע שטאַרק אין כעס אריינברענגען די פרוי בערזשערע, אַ שטאָלצע, וואָס זי האָט פאַרנומען אַ וווינונג אין צענטער פון שטאָט, אין אַ הויז, וווּ ס׳וווינען מענטשן פון אַ בעסערער געזעלשאַפט.

— נו, — האט ער געזאָגט צו זיך, — לאָמיר אַרויפגיין אין דריטן צימער אַריין.

ער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער און געזעען, אַז ס׳איז שוין עלף. ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער וועט נישט קומען פאַר צוועלף, מחמת דעם, וואָס ער האָט גערעכנט צו פאַרברענגען אַ שעה צייט אין פּאַיאָס קראָם. דאָס געשעפט איז לײדער געווען פאַרשלאָסן. אין די זונטיקס און יום־טובים פלעגט ער זיך פילן זייער שלעכט, ווייל דעמאָלט איז די בוכהאַנדלונג געווען געשלאָסן. ער האָט נישט געקענט מאַכן זיין געוויינלעכן באַזוך ביי פּאַיאָ, און דעריבער האָט ער זיך זייער שלעכט געפילט.

אַז ער איז בעקומען אויפן דריטן שטאָק, האט ער שטיל אַריינגערוקט דעם שליסל אין שלאָס אַריין און איז מיט זיינע געוויינלעכע, אומדרייסטע טריט אַריין אין עסצימער. אין צימער איז געווען גענוג טונקל. ה׳ בערזשערע האָט וועגן דאָזיקן צימער נישט געהאַט קיין פעסטע מיינונג, דערפאַר האָט מאַדאַם בערזשערע עס בעהאַלטן פאר אַ צימער, איינגעאָרדנט מיט אַ סך געשמאַק.

דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס איבערן טיש איז געהאָנגען אַ בראָנזענער לאָמפּ, דער קרעדענס אין די שטולן זענען געווען פון געשניצטן דעמב, אויף דער מאַכאָגענער־עטאַזשערקע זענען געשטאַנען קליינע שעלעכלעך, און געמאָלטע פּאַיאַנס־טעלער האבן באַפּוצט די ווענט.

אין עסצימער פלעגט מען אַריינקומען פון אַ פינצטערן קאָרידאָר לינקס איז געווען דער קאַבינעט און רעכטס דער־

סאַלאָן. אלעמאל ווען ה׳ בערזשערע פלעגט זיך אומקערן פון גאַס, פלעגט ער באלד אַרייגגיין צו זיך אין קאבינעט אריין, וו ס׳האבן שוין געווארט אויף אים זיינע פאַנטאפל, ביכער און זיין איינזאמקייט. דאס מאל האט ער זיך אן שום סיבה געוועפנדעט רעכטס, ער האט א דריק געטון די קלאמקע, א שטויס געטון די טיר געמאַכט א טריט און אריין אין זאל.

ער האָט דערזעען אויף דער סאָפע צוויי געאָרעמטע מענטשלעכע קערפערס, אין אַ פּאָזע, וואָס האָט געהאַט אין זיך עפעס פון ליבע און עפעס פון קאמף, און איז אין דער אמתן געווען א פּאָזע פון אויסגעלאַסענער תאווה. מאַדאַם בערזשערע, איז געלעגן מיט אן אראָפּגעבויגענעם און באהאלטענעם קאָפּ אָבער ווען אויסדרוק פון אירע געפילן האָבן עדות געזאָגט אירע רויטע, כמעט אינגאַנצן אראָפּגעשארצטע זאָקן. ה׳ רו האט געהאט אן אָנגעשטרענגטן, ערנסטן, שטייפן און ווילדן אויס־דרוק פון פנים, וואָס ברענגט אוגז קיינמאָל נישט אריין אין א טעות, הגם מ׳האָט ווייניק געלעגנהייט אים צו אָבסערווירן; ווען דעם האָט אויך עדות געזאָגט זיין אנצוג, וואָס איז ווייט נישט געווען אין אָרדנונג.

א׳בריקנס, אלץ האט זיך איבערגעענדערט אין משך פון א קנאַפּער סעקונדע. און פאר די אויגן פון ה׳ בערזשערע האבן זיך באוויזן צוויי מענטשן, אינגאנצן אנדערע, גארנישט די זעלבע, וואס ער האט מיט א רגע פריער איבערראשט; צוויי פערזאנען, וואס האבן זיך זייער שלעכט געפילט, מיט א מאָד־נעם קאמישן אויסדרוק אויפן פנים. ער וואלט אבער געגלויבט, אז ער האט געהאט א טעות, ווען נישט דאס ערשטע בילד, וואס האט זיך איינגעקריצט אין זיין זכרון מיט אז אויסערגע־וויינלעכער קראַפט און גענויקייט.

VI

ביים אָנבליק פון דער דאָזיקער אומצווײדײטיקער פּאָזע איז די ערשטע באַוועגונג פון ה׳ בערזשערע געווען דער זשעסט פון אַ פּשוטן, הייסבלוטיקן מענטש, פון אַ ווילדער חיה. אַ ריינגעלע אין אַ לאַנגער קייט אומבאַקאַנטע אבות, צווישן וועלכע עס האבן זיך געמוזט געפינען באַרבאַרישע און פאַרהאַרטעוועטע נשמות, דער יורש פון אומציילעכע דורות מענטשן, אַנטראָפּאָידן *) און ווילדע חיות, פון וועלכע מיר קומען אַרויס, — האט דער פּראָפעסאָר פון קלאַסישער ליטעראַטור אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט, צוזאַמען מיט די לעבנס-עמבריאָנען, געירשנט אויך די פאַרניכטנדיקע אינסטינקטן פון דער אורמענטשהייט. אונטערן מוראדיקן קלאַפּ, האָבן די דאָזיקע אינסטינקטן אויפגעוואַכט. ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ בלוטיקער נקמה-דורשט און געוואָלט באַלד אויפן אָרט דערהרגענען דעם ה׳ רו און מאַדאַם בערזשערע.

ער האט דאָס אָבער געוואָלט שוואַך און אָן אויסדויער-קראַפט. מיט זיין ווילדקייט איז געווען דאָס זעלבע, וואָס מיט די פיר וועלפישע ציין ביי אים אין מויל, אָדער ווי מיט די נעגל, וואָס זיינע הענט זענען געווען באַוואָפנט מיט זיי; זייער ערשטער אימפּולס איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט. ה׳ בערזשערע האט געטראַכט צו דערמאָרדן דעם ה׳ רו און מאדאם בערזשע-

---

*) אַנטראָפּאָיד — מענטשן-מאַלפּע. (באַמ. פון איבערזעצער)

דע, ער האט עס אָבער געוואָלט שוואַך, אָן כוחות. ער איז געווען ווילד און אכזריותדיק; דאָס איז אָבער ארויסגעטרעטן אין אים אין אַזאַ מעסיקער פאָרם און ס'האט געדויערט אזא קורצע צייט, אז קיין שום האנדלונג האָט נישט געקאָנט ארויס-דרינגען פון דאָזיקן געפיל, און זיין אויסדרוק איז צוליב זיין האַסטיקייט אפילו נישט באמערקט געוואָרן דורךביידע עדות, וואָס זענען דאָך אַוודאי און אוודאי געווען פאראינטערעסירט אים אויפצוכאַפּן.

אין אַ קנאַפּער סעקונדע האט ה' בערזשערע אויפגעהערט צו זיין אן אויסשליסלעך אינסטינקטיווע, פּרימיטיווע און דעס-טרוקטיווע באַשעפעניש, דערביי איז זיין אייפערזוכט און כעס אויף אַ האָר נישט קלענער געוואָרן. פאַרקערט, זיין אויפרעגונג איז נאָך מער געוואַקסן. אין זיין ביימעם גייסטיקן צושטאַנד, איז שוין זיין געדאַנק נישט געווען אזוי פּראָסט. ער האט מיטאמאָל באַקומען אַ סאָציאלן אונטערשלאַג.

אין מוח האבן זיך אומקלאָר געפּלאָנטערט רעשטלעך פון אַלטע גלויבענישן, פראגמענטן פון די עשרת-הדברות, שטיקלעך עטיק, גריכישע, שאָטלענדישע, דייטשע, פראַנצויזישע מאַקסימען, צעפּליקטע שטיקלעך פון אַ מאָראַל-געזעצגעבונג, וואָס האָבן אים געזעצט אין מוח אריין, ווי מיט אַרמאַטן, און אים ארייננגעט-וואָרפן אין אַ פיבער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין דער ראָל פון אַ פּאַטריאַרך, אַ „פּאַטער פּאַמיליאַס" אויפן רוימישן שטייגער, האַר און ריכטער פון זיינע נאָנטע. ס'איז אים איינגעפאַלן אַ פרומער געדאַנק צו באַשטראָפן די שולדיקע.

בעת ער האט לכתחלה געוואָלט דערהרגענען דער ה' רו און מאַדאַם בערזשערע, ווארים אזוי האט אים דיקטירט זיין אור - אינסטינקט, האט ער זיי איצט געוואָלט אומברענגען אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט.

ער האט אויסגעטראַכט פאַר זיי די שרעקלעכסטע און שענדלעכסטע שטראַפן. ער האט אויסגעלאָזט צו זייער קאָפּ די גרויזאַמסטע קללות פון מיטלאַלטער. דער שפּאַציר דורך די יאָרהונדערטער פון די קאָנסטיטוירטע פעלקער, האט געדויערט

לענגער, ווי דער ערשטער. ער האט געדויערט גאנצע צוויי סעקונדען; אין דער זעלבער צייט האבן דיביידע זינדיקע אויף אזוי פיל געענדערט זייער פאזע, אז מ'זאָל זיי מער נישט באמערקן.

דערווייל האבן די רעליגיעזע און מאָראלע אידעען זיך אינאנצן צונויפגעמישט אין זיין מוח, און ה' בערזשערע האט איצט בלויז געפילט א קלעמעניש אין הארצן. אן עקל האָט ווי אַ ברייטע כוואַליע שמוציק וואַסער פארפלייצט די פלאַמען פון זיין כעס. דריי גאנצע רגעס זענען פאַרביי און ער האט נאָך גארנישט אונטערגענומען, און ער איז אלץ געווען פארזונקען אין אַן אָפּגרונט פון אומאַנטשלאָסנקייט.

דורך א טונקעלן און אומקלאָרן אינסטינקט, וואָס איז געווען צוגעפּאסט אינגאַנצן צו זיין כאראקטער, האט ער נאָך לכתחלה אָפּגעווענדעט זיינע בליקן פון דער קאַנאַפּע און זיי אָנגעשטעלט אויפן טישל, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר; דאָס טישל איז געווען באדעקט מיט אַ ביינוויַלנעם טישטוך פון אָליוו-קאָליר, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעמאָלט מיטלאלטערלעכע ריטערס.

דער דאָזיקער שטאָף האט געזאָלט אימיטירן די מאַקאַטן אין פּארצייטיקן סטיל. אין משך פון די דריי אומענדלעכע סעקונדן האט ה' בערזשערע געגנוי אונטערגעשיידט אַ קליינעם פּאַזש, וואָס האט געהאלטן דעם קאסק פון איינעם פון די ריטער. מיטאַמאָל האט ער צווישן די ביכער אין רויטע איינבאנדן, מיט געגילדעטע ברעגעס, אויסגעלייגט אויפן טישל דורך מאדאם בערזשערע, דערקענט אין א געלן שער-בלאט דעם „ביולעטין פון פאקולטעט," וואָס ער האט געהאט איבערגעלאָזט דעם פאריקן אָוונט. די דאזיקע בראשור האט אים אריינגעגעבן דעם ריכטיקן געדאנק, דעם פּאַסיקסטן פאר זיין זשעני. ער האט אויסגעשטרעקט די האנט, גענומען דעם ביולעטין און ארויס פון זאל, ווי ס'איז אים צום אומגליק איינגעפאלן אריינצוגיין.

אַז ער איז פארבליבן איינער אליין אין עסצימער, האָט ער זיך מיטאמאָל דערפילט אומגליקלעך און נידערגעשלאָגן.

ער האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי דער שטול, כדי נישט אומ־צופאַלן און ער וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך איצט צעוויינט, זיין אומגליק איז אָבער נעווען ביטער ווי גאַל און האָט אויסגעטריקנט דעם קוואַל פון זיינע טרערן. דאָס קליינע עס-צימער, וואָס ער איז מיט אייניקע רגעס צוריק דורכגעגאַנגען איז אים איצט אויסגעקומען ווי געענדערט. ווי ער וואָלט עס געזען אין אַן אַנדער לעבן.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עפעס אין אַן אַנדערער און גאָר ווייטער עקזיסטענץ האָט ער זיך געפילט היימיש מיטן קליינעם בופעט פון געשניצטן דעמב, מיט די מאַכאָגענע עטאַ־זשערקעס, אָנגעשטעלט מיט געמאָלטע שעלעכלעך און מיט די פאַיאַנס-טעלער, וואָס זענען געווען אויסגעהאָנגען אויף די ווענט, און ביי יענעם קיילעכדיקן טיש איז ער געזעסן מיט זיין ווייב און טאָכטער.

נישט פון זיין גליק איז עס איצט אתל געוואָרן — (ער איז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געווען גליקלעך) — דערפאַר איז אָבער זיין פאַמיליען-לעבן, זיין אינטים לעבן, אַזוי אויך אַ טרויעריקס און א פיינלעכס, איצט נעשענדעט און צע־שטערט געוואָרן, אַזוי אַז ס'איז גאָרנישט פאַרבליבן פון אים.

בעת דאָס דינסטמיידל עאופעמיע איז אַריין דעקן צום טיש, האָט ער אַ צאפל געטון, ווי פאַר אַ שאָטן פון יענעם קליינעם, צעשטערטן ווערטל, אין וועלכן ער האָט אמאָל געלעבט.

ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט, געזעצט זיך צום טיש, און צופעליק אויפגעעפנט דעם „ביולעטין פון פאַ־קולטעט״; ער האָט זיך באַקוועם אוועקגעזעצט, דער קאָפּ אין די הענט, און ווי זייז שטייגער איז אָנגעהויבן צו לייענען.

ער האָט געלייענט:

„נאָטיצן וועגן דער ריינקייט פון דער שפראך. די שפּראַכן זענען ענלעך צו אוראַלטע וועלדער, ווו די ווערטער זענען אַרויסגעוואָקסן דאָרט, ווו זיי האָבן געוואָלט

און געקאנט. ס׳זענען פאַראַן משונהדיקע און אַפילו פּאַרזעניש־ווערטער. פּאַראייניקט אין אַ שפּראַך, שאַפן זיי אַ פּראַכטפולע האַרמאָניע, און עס וואָלט געווען אַ באַרבאַריזם אַרומצושניידן זיי, ווי די לינדן אין עפנטלעכע פּראָמענאַדן. ס׳איז נויטיק צו רעספּעקטירן זייער אומבאַשטימטע פרייהייט...״

— און מיינע טעכטער! — האָט ה׳ בערזשערע געטראַכט.

— זי וואָלט באַדאַרפט אַ טראַכט טון וועגן זיי. זי וואָלט באַדאַרפט אין זינען האָבן אונזערע טעכטער...

ער האָט ווייטער געלייענט, הגם ער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין:

„אַזעלכע ווערטער זענען בלי ספק פּאַרזעניש. מיר זאָגן למשל אויפצומאָרגנס, דאָס הייסט, אויף צו מאָרגן, עס איז דאָך אָבער קלאָר, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט זאָגן אויף מאָרגן; די שפּראַך גייט אַרויס פון די פאָלקס־קוואַלן. זי איז פול מיט עם־הארצות, טעותים, משונהדיקייטן, און אירע גרעסטע שיינקייטן זענען שטאַרק נאַיוו. די שפּראַך איז געשאַפן געוואָרן דורך עמי־הארצים, וואָס האָבן געקענט בלויז די נאַטור.

זי קומט צו אונז פון דער ווייטן, און די, וואָס האָבן זי אונז איבערגעגעבן בקבלה, זענען נישט געווען קיין גראַמאַטיקער, ווי נאָעל און שאַפּזאַל.

און ער האָט ווייטער געטראַכט:

— אין אירע יאָרן, ביי אַזעלכע באַשיידענע, שווערע לעבנס־באַדינגונגען!... כ׳פאַרשטיי נאָך, ווען אַ פרוי איז שיין, זי האָט נישט וואָס צו טון, זי ווערט באַגערט... אָבער זי!

און מחמת דעם, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו לייענען, האָט ער געלייענט אויטאָמאַטיש:

— מיר דאַרפן זיך באַנוצן מיט דער שפּראַך, ווי מיט אַ ווערטפולער ירושה. לאָמיר זי נישט באַטראַכטן פון גאַר נאָענט: כדי צו רעדן און אַפילו צו שרייבן, איז געפערלעך צופיל זיך צו פאַרטיפן אין דער עטימאָלאָגיע...״

— און ער, מיין בעסטער תלמיד, וואס איך האב אים אריינגענומען צו מיר אין הויז אריין... צי האט ער נישט באדארפט ?...

„די עטימאָלאָגיע לערנט אונז, אז ג א ט איז „דער וואס פונקלט״ און די נ ש מ ה איז „דער אטעם״, די מענטשהייט האט אבער מיט די דאזיקע אַלטע רייד פארבונדן אַ באדייטונג, וואס זיי האבן נישט געהאט פון אנהייב אן...״

— אשת-איש !

דאס דאזיקע ווארט איז אים אזוי קלאָר געקומען אויף די ליפּן, אז ער האט עס ממש געפילט אין זיין מויל, ווי אַ דינעם מעדאַל. אשת-איש !

אים איז קלאָר געוואָרן מיטאַמאָל, וואס דאָס דאזיקע וואָרט באַדייט: עפעס געוויינלעכס, טראַגיקאָמישעס און משונהדיקס; אין ווי טרויעריק ער איז געווען האָט ער זיך שפּאָטיש צעלאכט.

— די גאַנצע אַוואַנטורע, — האָט ער געטראַכט, — איז בלי ספק אַ נישטיקע און געוויינלעכע. מחמת דעם אבער, וואָס איך אליין בין נישט מער, ווי אַן אומבאַדייטנדער מיטגליד פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז מיין אַוואַנטורע פול־שטענדיק פּראָפּאָרציאָנעל צו מיין שטעלונג, און דעריבער האָב איך מיך גארנישט וואס צו שעמען, וואס זי פאַרשאַפט מיר יסורים.

אונטערן איינפלוס פון דאזיקן געדאנק, איז ער פאַרזונ־קען אין ווייטיק און זיך אַרומגערינגלט מיט טרויער. ס׳האט אים אנגענומען א גרויס רחמנות אויף זיך אַליין, ווי צו אַ קראַנקן, און ס׳איז אים אנגעקומען מיט גרויס מי אַוועקצוטרייבן פון זיך די פיינלעכע בילדער און נישט צורו לאָזנדיקע גע־דאַנקען, וואס האבן אן אויפהער אנגעגריפן זיין צעפלאמטן מוח. דאס, וואס ער האט געזען, האט אים פארשאַפן אַ שטאַרקן פיזישן ווייטאק, און ער האט באלד אנגעהויבן נאכצופארשן די דאזיקע סיבה, ווארים ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פילאזאָפישן גייסט.

— „די אביעקטן, וואס האבן אַ שייכות מיט אונזערע הייס־בלוטיקע באגערן און ווירקן אויף אונזער קערפּער און בלוט, קאנען נישט באטראכט ווערן גלייכגילטיק, און אויב זיי וועקן נישט אויף אין אונז קיין תאווה, זענען זיי גורם אַן עקל. דער־פון איז נישט געדרונגען, אז מאדאם בערזשערע זאל פּעיק זיין צו געבן מיר צו פילן די דאזיקע אלטערנאטיוון: אָבער סוף כל סוף איז זי פאר מיר דער אויסדרוק פון ווענוס, וואס איז באגערט געווארן דורך מענער און געטער, הגם דעם אמת געזאגט, איז זי אין מיינע אויגן ווייט נישט סימפּאטיש און אויסגעטון פון יעטוועדער געהיימנישפולקייט.

„דערפאר אבער נעמט זי אן אין מיינע אויגן גענוי באַ־שטימטע און כאראקטעריסטישע פארמען, און איר בילד, פאר־אייניקט מיט מיין תלמידס, אין געמיינזאמער באוועגונג און אַ קעגנזייטיקן געפיל, האט זי אוועקגעשטעלט אין איין רײ מיטן עלעמענטארן טיפּ, וואס איך האָב מיך געהאט וועגן אים אויסגעדריקט, אַז ער קאָן אונז צוציען אָדער אָפּשטויסן. און מיר זעען דעריבער, אַז יעדער עראָטישער סימבאָל פאַוואָריזירט אָדער האמעוועט די תאווה, און דערפאר ציט ער צו אדער שטויסט אָפּ אונזער בליק מיט דער זעלבער קראפט, וואס איז אפּהענגיק פון דער פיזיאָלאָגישער נייגונג פון די צוקוקער, און טיילמאָל פונם פּסיכישן צושטאנד פון עדות.

„די דאָזיקע באַטראכטונג גיט אונז צו פאַרשטיין די אמתע סיבה, פארוואָס די עראָטישע אַקטן זענען אומעטום און אין אַלע צייטן אויסגעפירט געוואָרן בסוד; דאס נעמט זיך דערפון, וואָס מ׳האָט נישט געוואָלט וועקן אין דער עפנטלעכקייט קיין סתירהדיקע געפילן. מ׳באהאַלט אפילו אַלץ, וואָס ס׳קאן בלויז דער־מאנען אין די דאזיקע אַקטן. אויף אַזאַ אופן איז געקומען אויף דער וועלט די בושה, וואס הערשט איבער אלע מענטשן, און באזונדערס ביי די פעלקער, וואָס ביי זיי זענען די חושים שטארק אַנטוויקלט".

און ה׳ בערזשערע האָט ווייטער געטראכט:

— אַ צופאל האט מיר דערלויבט צו אנטפּלעקן די אפּ־שטאַמונג פון דער דאזיקער צניעות; זי ענדערט זיך ווייניק,

ווארים זי איז אוניווערסאַל, און ווערט אנגערופן דורך די גריכן: „בושה." זייער נארישע פאַראורטיילן זענען פארבונדן מיטן דאזיקן מנהג, וואס שטאמט פון א גייסטיקער נייגונג, מיט וועלכער אלע מענטשן צייכענען זיך אויס — און זיי טאַקע האבן עס פאַרטונקלט דעם מענטשנס כאראקטער. איצט בין איך אימשטאנד צו קאנסטרוירן די אמתע טעאָריע פון דער בושה. ניוטאן האט פאר א פיל ביליקערן פרייז אנטדעקט אונטער אַ בוים די געזעצן פון דער גראַוויטאציע."

אַזוי האָט געטראַכט ה' בערזשערע אין זיין פאָטעל. ער האָט זיך נאָך אָבער נישט געהאַט איינגאַנצן באַרויקט, וואָרים מיטאַמאָל זענען זיינע אויגן פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט, ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיט די ציין און צוגעדריקט די פויסטן אַזוי שטאַרק, אַז די נעגל האָבן זיך אים אַזש איינגעגראָבן אין פלייש.

פאַר זיינע אויגן האָט אויפגעטויכט מיט אַן אומבארחמנות-דיקער געגויקייט דאָס בילד פון זיין תלמיד, ה' רו אין אַזאַ צושטאַנד, אין וועלכן ער האָט זיך נישט באַדאַרפט צו באַווייזן, צוליב די סיבות, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אויבן נאָר וואָס אָנגעגעבן. ה' בערזשערע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ פעיקייט, וואָס ווערט אנגערופן: דער זכרון פון דער ראיה.

הגם זיין אויג איז נישט געווען אַזוי רייך אין זכרונות, ווי דאס אויג פון אַ מאלער, וואס זאַמלט צונויף אין זיין מוח אומגעהייערע און אומצייליקע בילדער, איז ער אבער אימשטאַנד געווען אַרויסצורופן אין זיין זכרון געטרייע בילדער פון אַמאָ-ליקע ספּעקטאַקלען, וואס האבן אינטערעסירט זיין אויג; ער פלעגט מיט גרויס זאָרגעוודיקייט באַהאַלטן אין אלבום פון זיין זכרון דעם עסקיז פון אַ שיינעם בויב, פון אַ גראַציעזער פרוי, וואָס האָבן זיך נאָר איין מאָל אפגעשלאָגן אין זיינע שוואַרצאַפּלען. אבער קיינמאָל האט זיך אים נאך נישט פארגעשטעלט אזא גע-נוי, פּרעציז און פארביק בילד, א בילד, וואס זאל זיין גענוי אין די קלענסטע דעטאַלן און גלייכצייטיק קרעפטיק, קאמפּאַקט,

סאליד און מעכטיק, ווי דאס חוצפהדיקע בילד פון זיין תלמיד ה׳ רו, פאראייניקט מיט מאדאם בערזשערע.

די דאָזיקע פארשטעלונג, אַ וואָרע קאפיע פון דער ווירקלעכקייט, איז געווען העסלעך; זי איז געווען עקלדיק, וואָרים זי האט אומענדלעך פארלענגערט א האנדלונג, וואָס האט אין תוך גענומען געדויערט גאנץ קורץ. די גלענצנדע אילוזיע, וואָס זי האט געגעבן, האט געהאט דעם כאראקטער פון ציניש ווידערשטאנד און פון אַ נישט דערלאָזבארער פערמענאַנץ. און אויך דאָס מאל איז ה׳ בערזשערע באהערשט געווארן פון א חשק צו דערמאָרדן זיין תלמיד, דעם ה׳ רו. ער האט אפילו אויסגעפירט א געהעריקן זשעסט, און מחמת דעם, וואָס זיין געדאנק איז געווען אויסערגעוויינלעך שטארק, האט ער זיך דערפילט אויסגעמאַטערט, פונקט ווי ער וואָלט אים שוין געהאט אויסגעפירט אין דער ווירקלעכקייט.

ער האט זיך פארטראכט און לאנגזאַם, און פאַמעלעך האָט ער פארבלאָנזשעט אין א לאַבירינט פון ספקות און סתירות. זיינע געדאַנקען זענען צעשוווּמען געוואָרן, זיי האבן אויסגעמישט זייערע ניואַנסן, ווי טראָפּנס אַקוואַרעל-פאַרב אין אַ גלאָז וואסער. און גאר אינגיכן האט ער אינגאנצן פארלוירן דעם חוש פאר די געשעענישן.

ער האָט מיט צעטומלטע בליקן געבלאָנזשעט אַרום זיך, ער האָט באַטראַכט די בלומען אויף די פאַפּירענע טאַפּעטן און באַמערקט, אז די רויטע נעלקן-קעפּלעך און די בוקעטן קומען זיך שלעכט צונויף. ער האָט באַטראַכט די ביכער, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין שורות אויף די פּאָליצעס פון סאָסנע-האָלץ, אַ קליין זיידן קישעלע, וואָס מאַדאַם בערזשערע האָט אים געשאָנקען מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין זיין געבוירן-טאָג. ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט ביים געדאַנק, אַז זיין פאמיליען-לעבן איז איצט צעשטערט.

ער האָט קיינמאָל שטאַרק נישט ליב געהאַט די דאָזיקע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט לויט דער עצה פון זיינע פריינד, וואָרים ער אליין איז נישט געווען פעיק זיך

צו פאַרנעמען מיט זיינע פערזענלעכע ענינים. ער האָט זי קיינ־מאָל נישט ליב געהאַט. זי האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חלק אין זיין לעבן. ער האט געטראכט וועגן זיינע טעכטער, וואס האָבן פאַרבראַכט די לעצטע צייט ביי אַ מומע אין אַרקאַ־שאָן, וועגן דער עלטערער, פּאַאולינע; ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט, וואָרים זי איז געווען זייער ענלעך צו אים. און ער האָט זיך צעוויינט.

מיטאַמאָל האָט ער דערזעען דורך די טרערן דעם מאַ־נעקען, לויט וועלכן מאַדאַם בערזשערע פלעגט צושניידן אירע קליידער; ווי באַוווסט פלעגט זי דעם מאַנעקען אַלעמאָל איבערלאָזן אין מאַנס קאַבינעט, נישט געקוקט אויף דעם פאַרדראָס פון ה׳ בערזשערע, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז יעדעס מאָל, ווען ער וויל ארויסנעמען אַ בוך, מוז ער אַרומנעמען און איבערטראָגן די דאָזיקע הילצערנע פרוי.

די דאָזיקע מאַשין פלעגט אַלעמאָל אַרויסברענגען פון די כלים דעם ה׳ בערזשערע; זי פלעגט אים דערמאָנען די הי־בערשטייגן פון די פויערן און גלייכצייטיק אַ געווויסן אָפּגאָט פון געפלאָכטענע רערשטעקעלעך, לכבוד וועלכן די פעניציאַנער האָבן לעבעדיקערהייט פאַרברענט קליינע קינדער. בעת ער איז געווען אַ קינד האָט ער געזעען דעם אָפּגאָט אויף אַ בילד אין דער אַלטערטום־געשיכטע. באַזונדערס פלעגט דער מאַנעקען אים דער־מאָנען מאַדאַם בערזשערע, און הגם ער האָט נישט געהאַט קיין קאָפּ, האָט ער זיך געריכט, אַז אָט, אָט וועט ער זיך אָנהויבן צו קריגן, שעלטן און צו קרעכצן. דאָס מאָל איז ער אים פאָרגעקומען, ווי די מאַדאַם בערזשערע אַליין, מאַדאַם בערזשע־רע — אַן עקלדיקע און אַ שרעקלעכע.

ער האָט זיך ארויפגעוואָרפן אויף איר, זי אריינגעקלאַ־מערט אין זיינע פינגער; ער האָט געפילט, ווי אונטער זיינע פינגער קנאַקן אירע הילצערנע ביינער און זשעברעס, ער האָט זי אומגעדרייט, געקאָפּעט מיט די פיס, דערנאָך האָט ער זי

אויפגעהויבן אַ קרעכצנדיקע און אַ צעקלאַפּטע און ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער אויפן הויף פון בעדנער לאַנפּאַן, ווו זי איז איינגעזונקען צווישן אַ בארג כלים.

ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער האָט טאַקע אויסגעפירט אַ סימבאָלישע האַנדלונג. גלייכצייטיק האָט ער אָבער געפילט, אַז דאָס דאָזיקע איז געווען לעכערלעך און האָט נישט געהאַט קיין שום זין.

פונדעסטוועגן האָט ער געפילט, אַז ס'איז אים לייכטער גע־וואָרן אויפן האַרצן. און בעת עאופעמיע איז אים געקומען זאָגן, אַז דאָס מיטאָג איז קאַלט געוואָרן, האָט ער געהויבן מיט די פּלייצעס, אַנטשלאָסן דורכגעשפּרייזט דעם עס־צימער, גענומען זיין הוט אין פאָדערהויז און אַראָפּ אויף די טרעפּ.

אין טויער האָט ער זיך ערשט ארומגעזועען, אַז ער ווייס נישט, וווהין צו גיין און וואָס צו טון, און אַז ער האָט נאָך נישט אָנגענומען קיין שום באַשלוס. בעת ער איז געווען אין דרויסן, דהאָט ער באַמערקט, אַז ס'רעגנט און ער האָט נישט קיין שירם. דאָס האָט אים פאַרשאַפן אַ קליינע אומאַנגענעמלעכקייט וואָס האָט אים אָבער אין אַ געוויסער מאָס געוויילט.

בעת ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל אַרויסגיין אויפן גאַס־רעגן, האָט ער מיטאַמאָל באַמערקט אויף דער געקאַלעכטער וואַנט, אונטערן גלאָק, א קוילן־צייכענונג, גאָר נידעריק, ווייזט אויס געצייכנט פון א קינד. דאָס איז געווען א מענטשעלע: צוויי פונקטן און צוויי שטריכן אין א קרייז זענען געווען דאָס פּנים, אַן אָוואַל — דער קערפּער, די הענט און די פיס זענען געווען אָנגעצייכנט דורך פּשוטע ליניעס, צעוואַרפן ווי די האַלבמעסערס פון אַ ראַד, און צוגעגעבן אַ שטיפערישן חן דער דאָזיקער שמירעריי, אויסגעפירט אינם קלאַסישן סטיל פון די וואַנט־מאָלערס.

דאָס מענטשעלע האָט בעמזוט געצייכנט ווערן מיט א פּאָר טעג פריער. ווארים אין געוויסע ערטער איז עס שוין געווען אָפּגעמעקט און אָפּגעריבן. ה' בערזשערע האָט אָבער באַמערקט די קויל־צייכונג צום ערשטן מאָל, מסתּמא צוליב דעם, וואָס

ערשט איצט האט זיך אויפגעוועקט אין אים די פעיקייט צו אבסערוואציעס.

— גראפיטא *) ! — האט אויסגערופן אין געדאנק דער פראפעסאר.

אז ער האט זיך בעסער צוגעקוקט, האט ער באמערקט, אז פונם מענטשעלעס קאפ וואקסן ארויס צוויי הערנער, און אין דער זייט איז געווען אנגעשריבן א דערקלערונג: בערזשערע.

— מ׳האט געחוסט וועגן דעם! — האט ער געטראכט. — די שול-קונדסים צעשמירן ער אויף די ווענט, און ס׳גייען שוין ארום וועגן מיר רכילות איבער דער גאנצער שטאט. די דאזי-קע אשה פארראט מיך א פנים שוין א לענגערע צייט, און אפשר אויך מיטן ערשטן בעסטן, מיט וועמען עס לאזט זיך נאר. דער דאזיקער „גראפיטא" דערציילט מיר א סך מער, ווי די לענגסטע און פינקטלעכסטע באכפראגן.

און אונטערן רעגן, די פיס אין דער בלאטע, האט ער באטראכט דעם „גראפיטא"; ער האט באמערקט, אז די אותיות זענען געווען פורעמלאז און די שטריכן פון דער צייכ-נונג זענען אזוי קרום, ווי געשריבענע אותיות.

ער איז אוועקגעגאנגען, אונטערן גאס-רעגן, און געטראכט וועגן די פארצייטיקע קוילן-צייכנונגען, וואס זענען געצייכנט געווארן דורך אומבאקאנטע לייט אויף די ווענט אין פאמפעיא און זענען לעצנס אנטדעקט, געזאמלט און פארטייטשט געווארן דורך די פילאלאגן. ער האט געטראכט וועגן דער קוילן-צייכ-נונג פון פאלאטין, יענע איילינקע, אומגעשיקטע צייכנונגען, וואס א רוימישער זעלנער האט לאנגווייליקנדיק זיך אויסגעקריצט אויף די מויערן פון די קאזארמעס.

— אט זענען שוין פארביי אכצן הונדערט יאר, — האט ער גע-

---

*) גראפיטא — אן איטאליענישווארט. האנט-צייכנונגען אויף מאנומענטן. א גרויסע היסטארישע באדייטונג האבן די האנט-צייכ-נונגען, וואס זענען אנטדעקט געווארן אין פאמפעא.

(באמ: פ. איבערזעצער).

טראכט — זינט יענער זעלנער האט געמאכט די קאריקאַטור פון זיין חבר אלעקסאנדראס, וואס האט געדינט צו אַ געקרייצטן גאט מיט אן אייזל־קאָפּ, קיין שום מאנומענט פון דער פארצייטיקער וועלט איז נישט אזוי ערנסט שטודירט געווארן, ווי דער „גראַפיטאָ" פון פאלאטין. זיין רעפּראדוקציע געפינט זיך אין א סך זאמלונגען. איצט האָב איך אויך מיין גראַפיטאָ, ווי אַמאָל אלעקסאנדראס.

„אויב עפּעס אַ קאַטאַקליזם וואָלט אפּגעווישט פון דער ערד די דאָזיקע העסלעכע און אומעטיקע שטאָט, און זי רעזערווירט פאַר דער וויסנשאַפט פון דרייסיקסטן יאָרהונדערט, און אין יענער ווייטער צוקונפט וואָלט מיין „גראַפיטאָ" אַנטדעקט געווארן, וואָס וואָלטן דערויף געזאָגט די געלערטע? צי וואָלטן זיי פארשטאַנען די דאָזיקע מגושמדיקע סימבאָליק? צי וועלן זיי כאָטש אימשטאַנד זיין איבערצולייענען מיין נאָמען, געשריבן אין די אותיות פון אַ פארלוירענעם אַלפאַבעט?"

ה׳ בערזשערע האָט אונטער אַ דינעם רעגן און אין דער פייכטער לופט, דערגרייכט דעם פּלאַץ פון סען־עקזופּער. דאָ, צווישן צוויי פילאַרן פון דער קירך האָט ער דערזען אַ בויד, ווי אויפן שילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ רויטער שוך. דעמאָלט האָט ער זיך דערמאנט, אַז זיינע שיך, אָפּגעטראָגן פון לאַנגן געברויך, זענען פול מיט וואַסער.

ער האָט געטראכט, אַז פון איצט אָן וועט ער מוזן אליין זאָרגן וועגן זיינע קליידער, וואָס האָבן זיך ביז איצט געפונען אונטער דער אויפזיכט פון מאַדאַם בערזשערע, און ער איז אריין צום שוסטער. ער האָט איס געטראָפן ביי דער אַרבעט, בעת ער האָט אריינגעקלאַפּט טשוועקעס אין אַ פּאָר זוילן.

— גוטמאָרגן, פּיעדאַניעל!

— אַ גוטמאָרגן אייך, ה׳ בערזשערע! מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, ה׳ בערזשערע?

און דער גוטמוטיקער פארשוין האָט אויפגעהויבן אויף זיין קליענט זיין קאנטיקן קאָפּ, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין מויל און ציינער. זיין אָפּגעצערט פּנים, מיט די טיף

איינגעפאלענע שווארצע אויגן-לעכער, פארענדיקט מיט אַ שפּיציקער קינבארד, דהאָט געדהאט הארטע שטריכן, א געלע קאָליר, און דעם אומגליקלעכן אויסדרוק פון די שטיינפיגורן, אויסגעשניצט אויף דעם ארייַנגאנג פון דער אַלטער קירך, וואָס אין איר שכנות איז ער געבוירן געוואָרן, אָפּגעלעבט זיינע יארן און געזאלט שטארבן.

— זייט רויק, ה׳ בערזשערע, איך האָב אייער מאָס, כ׳ווייס, אַז איר האָט ליב צו טראגן באקוועמע שיך. איר זענט גערעכט, ה׳ בערזשערע, וואָס איר ווילט נישט פּאַראַדירן מיט אייערע קליינע פיס.

— איך האב אבער א הויכע פוס-זויל און אן ארויסשטייענדיקן קנאפל, — האָט ה׳ בערזשערע ארייַנגעוואָרפן, — גיט אדרבא א קוק!

ה׳ בערזשערע האָט לחלוטין זיך נישט געגרויסט מיט זיינע פיס. ער האט אבער אַנומלט געלייענט, אז דע לאמארטין פלעגט מיט שטאלץ ווייזן זיין גאָלן פוס, וואָס האט געהאַט אַ הויכע פוס-זויל און א קנאַפל אין דער פארם פון אַ בריק. און ה׳ בערזשערע פלעגט זיך אלעמאל פאררופן אויף דעם ביישפיל און דערביי ארויסווייזן זיין צופרידנקייט, וואס ער האט נישט געהאט קיין פלאכן קנאפל.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א געפלאָכטענער שטול, באדעקט מיט א צעפליקטן דיוואן און גענומען זיך ארומקוקן איבער דער שוסטער-בויד. אויף דער וייסער געקאלכטער וואנט וואס איז אבער פול געוועזן מיט טיפע לעכער און ריצן, איז אַ צווייגל געווען איינגעפלאכטן אין די ארעמס פון א שווארצן, הילצערנעם צלם. אַ קליינער בראנזענער קריסטוס, צוגענאגלט צום קרייץ, האט אראפּגעבויגן זיין קאפּ צום שוסטער, וואס איז געזעסן אַ צוגענאָגלטער צו זיין בענקעלע, הינטער דעם בופעט ווו ס׳האבן זיך ארומגעוואלגערט צוגעשניטענע שטיקלעך לעדער, הילצערנע קאַפּיטעס מיט לעדערנע קייַלעכלעך אויף דעם ארט, ווו דער פוס האט געליטן פון אַ הינעראויג. אַ קליין אייזערן אייוועלע איז געווען ווייס אנגעגליט, און

איבערן צימער האט זיך געטראגן אַ שטאַרקער ריח פון לעדער, אויסגעמישט מיט ריחות פון דער קיך.

— איך שטעל פעסט מיט צופרידנקייט, — האט ה׳ בער־זשערע געזאגט, — אז איר האט זיך לחלוטין נישט וואס צו באַקלאָגן, איר האט גאנץ געגוג ארבעט.

דער שוסטער האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהויבן צו באַ־קלאָגן, צו קרעכצן און זיפצן. ס׳איז שוין נישט היינט, ווי אמאָל. היינט איז שווער אויסצוהאלטן די קאנקורענץ מיט די גרויסע קאנפעקציע־מאגאזינען. מ׳קויפט היינט פארטיקע שיך אין די מאגאזינען, וואס זענען איינגעאָרדנט לויטן פאריזער מוסטער.

— מיינע קליענטן שטארבן אויס, — האט ער צוגעגעבן.
— איך האב פארלוירן דעם גלח ריע. ס׳פארבלייבט נאר צו פאריכטן זוילן, דאס איז אבער אן אומדאנקבארע ארבעט.

ה׳ בערזשערע איז באהערשט געווארן פון א טרויער ביים אנבליק פון שוסטער, וואס האט געקרעכצט אונטערן קליי־נעם קרוציפיקס. נאך א ווײַלע וואקלעניש האט ער א פרעג געטון.

— אייער זון דארף שוין אלט זיין א יאר צוואנציק? וואס איז פון אים געווארן?

— פירמען? איר ווייסט מסתמא, — האָט דער שוסטער געענטפערט, —אַז ער איז אַרויסגעטרעטן פון סעמינאַר מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין נייגונג צו ווערן אַ גלח. די גלחים זענען אָבער געווען אויף אַזוי גוט, אַז זיי האָבן זיך אינטערעסירט מיט זיין גורל אַפילו נאָך זיין אַרויסטריט פון סעמינאַר. דער גלח לאַנטען האָט אויסגעזוכט פאַר אים אַ לערער־פּאָסטן ביי אַ מאַרקיז אין פּוּאַטוּ. פירמען האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם פּאָסטן. ער איז איצט אין פּאַריז אַ לערער אין אַ שול־אַנשטאַלט אויף דער גאַס פון הייליקן זשאַק, ער פאַרדינט אָבער נישט קיין סך.

און דער שוסטער האָט טרויעריק צוגעגעבן:
— כ׳וואָלט באַדאַרפט...
ער האָט נישט געענדיקט און געזאָגט:

איך בין שוין אַן אַלמן גאַנצע צוועלף יאָר. כ׳וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן. כ׳דאַרף צו האָבן אַ פרוי, וואָס זאָל מיר פירן די ווירטשאַפט.

ער איז אנטשוויגן געוואָרן, ער האָט אריינגעקלאַפּט די שטיפטן אין דער זויל, און געזאָגט:

— כ׳וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ קלוגע פרוי.

ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבעט. מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהויבן צום פאַרנעפּלטן הימל זיין מרה-שחורה־דיק און ליידנדיק פּנים, און ארויסגעשעפּטשעט;

— חוץ דעם, איז זייער טרויעריק צו לעבן איינער אליין!

ה׳ בערזשערע האָט אויפגעצאַפּלט פאַר פרייד. ער האָט באַמערקט פאַיאָן דעם ביכהענדלער, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון זיין מאַגאַזין, און ער האָט זיך אויפגעהויבן.

— אַ גוטן טאָג, פּיעדאַניעל! געדענקט וועגן דער מאָס פון מיינע פיס!

דער שוסטער האָט אים אָבער פאַרהאַלטן מיט אַ בעטנ־דיקן בליק און אים אַ פרעג געטון, צי ער קאָן נישט אַמאָל אַ פרוי, נישט קיין איבריק יונגע, אַן ארבעטספעציקע, אַן אלמנה, וואָס וואָלט געוואָלט חתונה האָבן מיט אַ פאַרמעגלעכן אלמן.

ה׳ בערזשערע האָט אַ צעטומלטער באַטראַכט דעם פאַר־שוין, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן. און פּיעדאַניעל האָט ווייטער אנטוויקלט זיין געדאַנק:

— כ׳האָב אפילו אויפן אויג — האָט ער געזאָגט, — די ברויט-פאַרקויפערין פון טענטעלערי. זי האָט אָבער ליב צו מאַכן אַ כוסה. ס׳איז אויך פאַראַן דאָס דינסטמיידל פון פאַר־שטאָרבענעם גלח פון דער סענט-אַגנעס־קירך. זי האַלט זיך אָבער זייער גרויס, ווארים זי האָט אַביסל אָפּגעשפּאָרט געלט.

— פּיעדאַניעל, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט, — פאַר־נעמט אייך בעסער מיטן פאַרריכטן די זוילן פון אייערע מיט-בירגער, ווינט בעסער איינער אַליין, אַ צופרידענער אין אייער

בויד, און האט נישט חתונה, ווארים איר וואלט באַגאנגען א גרויסן פעלער.

ער האָט פארמאכט הינטער זיך די גלעזערנע טיר, ער איז אריבער דעם פלאץ פון הייליקן עקזופער און איז אריין צום בוכהענדלער פאיא.

דער בוכהענדלער איז געווען איינער אליין אין מאגאזין. ער איז געווען אן אומגעבילדעטער מענטש. ער פלעגט ווייניק רעדן און טראכטן אויסשליסלעך וועגן זיין געשעפט אָדער וועגן זיין זומער-וווינונג אויף די דיוראק-הויכקייטן. ה' בערזשערע האט אבער געפילט אן אומפארשטענדלעכע סימפאטיע סיי צום בוכהענדלער, סיי צו דער בוכהאנדלונג. ביי פאיאן האט ער זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, דא האט ער געהאט זיינע שענסטע איינפאלן.

ה' פאיא איז געווען א רייכער מענטש און ער פלעגט זיך קיינמאל נישט באקלאגן, פונדעסטוועגן האט ער זיך איצט באקלאגט פאר דעם ה' בערזשערע. אז מ'פארדינט שוין היינט נישט אזוי ביי שול-ביכער, ווי אמאל. דער צו גרויסער ראבאט, וואס מ'גיט אראפ פון ביכער, פארקלענערט די הכנסות. חוץ דעם איז בכלל שווער אנטקעגנצוקומען מיט דער צושטעלונג פון ביכער און שול-מאטעריאלן צוליב די צופיל אפטע ענדערונגען אין די פראָגראַמען.

— אמאל, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איז מען געווען א סך מער קאָנסערוואטיוו.

— כ'גלויב נישט אין דעם, — האָט געענטפערט ה' בערזשערע. — אונזער שול-דערציונג ווערט אָן אויפהער געלאטעט. דאָס איז אן אלטע געביידע, וואָס איר סטרוקטור טראָגט אויף זיך שפורן פון אלע עפּאָכעס. דער פראנט-אריינגאנג איז אין סטיל פון דער אימפעריע אויף א יעזויטישן יסוד; ער האט א שטיינערנע גאלעריע, זיילן ווי אין לוווּר, טרעפ אין סטיל פון רענעסאנס, גאטישע זאלן, א רוימישע קריפטע; און אויב מ'זאל אויסגראבן די פונדאמענטן, וועט מען געפינען רוימישע צעמענט.

„מ׳וואלט געקאנט דארט ארויסשטעלן אן אנדענקונגס־אויפ־שריפט מיט דער דאטע פון זייער אפשטאמונג : „קייזערלעכער אוניווערזיטעט פון יאָר 1808 — ראָלען, — די אָראַטאָריאַנער, — פּאָרט רויאַל,— ד יעזויטן, — די הומאַניסטן פון רענעסאַנס, — די סכאָלאַסטיקער, — די לאַטיינישע רעטאָרן פון אַטען און באָרדאָ.״*) יעדער דור האָט דורכגעפירט אַ געוויסע ענדערונג אינם וויסנשאַפט־פּאַלאַץ.״

ה׳ פאיאָ האָט מיט אַ תמעוואַטן בליק אָנגעקוקט דעם ה׳ בערזשערע און געגלעט זיין רויטע באָרד. דערנאָך האָט ער אַ צעשראָקענער זיך באַהאַלטן הינטערן בופעט. און ה׳ בערזשערע האָט געענדיקט זיינע רייד ;

— בלויז אַדאַנק די אומאויפהערלעכע רעפּאַראַציעס האַלט זיך נאָך די גאַנצע געביידע, זי וועט אָבער איינפאַלן, אויב מ׳וועט אויפהערן צו מאכן ענדערונגען אין איר, מ׳וואָלט באַדארפט צו פאַרריכטן אין איר די טיילן, וואָס דראָען איינצופאַלן און צובויען אייניקע זאַלן אין אַ מאָדערנעם סטיל. איך הער שוין אָבער, ווי די ווענט קנאַקן און פּלאַצן.

מחמת דעם, וואָס פאיאָ האָט זיך נישט געוואָלט אריינלאָזן אין א געשפרעך, וואָס האָט אים געשראָקן, האָט ה׳ בערזשערע, א שוויגנדיקער, זיך אראָפּגעלאָזט אויף איינעם פון די מאגאזין־פּאַטעלן.

ווי אלעמאל, האָט ער אויך דאָס מאל גענומען אין האנט אריין דעם 37־טן באנד פון דער „אלגעמיינער געשיכטע פון די נסיעות״. ווי אלעמאל, האט דאס בוך אויך דאס מאל זיך אליין געעפנט אויף דער זייט 212. פאר די אויגן האבן אים געשווינדלט די בילדער פון מאדאם בערזשערע און ה׳ רו... און ער האט נאכאמאל איבערגעלייענט דעם אים באקאנטן טעקסט,

---

*) פראנס מאכט דא אן אילוזיע צו דער געשיכטע פון דער יוגנט־דערציונג אין פראנקרייך, וואס האָט דורכגעמאכט די פארשידנסטע עטאפּן, אנהויבנדיק פון מיטלאלטער ביז צו דער ערשטער אימפעריע פון נאפּאלעאָן דעם ערשטן (באמ. פון איבערזעצער)

נישט אומקוקנדיק זיך צומאל אויף דעם, וואָס ער לייענט; פון צייט צו צייט פלעגט ער איבעררייסן דאָס לייענען מיט באַמער־קונגען, וואס האבן געהאט א שייכות מיט זיין איצטיקער לאַגע:

„אַ דורכגאַנג צום צפון. דעם דאָזיקן אומשטאַנד, האָט ער געזאָגט, האבן מיר צו פאַרדאַנקען, (ס'איז קלאָר, אַז די דאָזיקע געשעעניש איז נישט קיין זעלטענע, נישט קיין אויסער־געוויינלעכע און דעריבער דארף זי לחלוטין נישט פארחידושן אַ פילאָזאָפישן גייסט), וואָס מיר זענען אויפסניי געווען אים־שטאנד צו באזוכן די סענדוויטש־אינזלען (ער איז אַ פאַמיליען־מענטש, און ער האָט צעשטערט מיין פאַמיליען־לעבן. כ'האָב שוין נישט מער קיין הויז) און צו בארייכערן אונזער נסיעה מיט נאָך א נייער אנטדעקונג (כ'האָב שוין נישט מער קיין הויז, כ'האָב שוין נישט מער קיין הויז), וועלכע ווייזט אויס צו זיין די וויכטיקסטע (כ'בין פריי מאָראַליש. דאָס איז וויכ־טיק), וואָס די אייראָפּעער איז ווען עס איז אויסגעקומען צו מאכן איפן גאנצן שטח פון פאַציפיק..."

און ה' בערזשערע האָט פאַרמאַכט דאָס בוך. ער האָט דערזעען פון דערווייטנס די גאולה, די פרייהייט, אַ ניי לעבן. דאָס איז נישט געווען מער, ווי אַ שוואַך ליכט אין די פינצ־טערנישן, אָבער ס'האָט כסדר און אָן אויפהער געלויכטן.

ווי אזוי וועט ער אַרויס פון דאָזיקן טונעל?

ער האָט אליין נישט געוווסט. ער האָט אָבער לכל־הפחות געזען צום סוף פון טונעל דאָס שוואַכע ליכט. און אויב אין זיין כוח איז נאָך פארבליבן דאָס בילד פון מאַדאַם בערזשערע און ה' רו, איז עס געווען אַ משונהדיק בילד, וואָס האָט נישט ארויסגערופן אין אים נישט קיין כעס און נישט קיין עקל; דאָס איז געווען בלויז א שער־בלעטל, עפּעס א וויניעטע פון א שונד־ביכל. ער האָט ארויסגענומען זיין זייגער און פעסטגעשטעלט, אז ס'איז שוין צוויי א זייגער. ער האָט באדארפט צו האָבן גאנצע ניינציק מינוט, כדי צו דערגרייכן די דאָזיקע שטופּע פון חכמה...

בעת ה׳ בערזשערע האָט גענומען פון טישל דעם „ביוּ־לעטין פון פאקולטעט״ און איז אָן איין וואָרט ארויס פון זאַל, האָבן ה׳ רו און מאדאם בערזשערע ארויסגעלאָזט צוזאמען אַ לאַנגן זיפץ.

— ער האָט גאָרנישט געזען, — האָט ה׳ רו געשטאמלט

— ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צו מאַכן אַן אַוואַנטורע.

מאַדאַם בערזשערע האָט אָבער דווקא בדעה געהאַט ארויפ־צוווארפן די עווענטועלע שולד אויף איר געליבטן, און זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַן אויסדרוק פון ספק.

זי איז געווען אומרויק און אומצופרידן. איר איז געווען אַ חרפה, וואָס זי האָט אויף אַזאַ נאַרישן אופן זיך געלאָזט אי־בערראַשן דורך אַ מענטשן, וועמען מ׳האָט לייכט געקאָנט אָפּ־נאַרן און צו וועמען זי האָט זיך באַצויגן מיט ביטול פאַר זיין לייכטגלויביקייט. זי איז געווען שטאַרק צעטומלט, אַזוי שטאַרק האָט אויף איר געווירקט דעם מאַנס אומגעריכטער צוריקקער.

ה׳ רו האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרזיכערן, אַז ס׳וועט גאָר נישט געשען. אין דער אמתן האָט ער דאָס זעלבע אויך זיך אַליין געוואָלט איינרעדן.

— ער האָט אונז נישט געזען. כ׳בין דערין זיכער. ער האָט נאָר געקוקט אויפן טישל.

און אַז מאַדאַם בערזשערע האָט זיך נאָך אַלץ נישט גע־וואָלט באַרויקן, האָט ער זי פאַרזיכערט, אַז פון דער טיר איז

אוממעגלעך צו זעען, וואָס עס טוט זיך אויף דער קאַנאַפּע. מאַ־דאַם בערזשערע האָט זיך געוואלט איבערצייגן אין דעם. זי האָט זיך דערנענטערט צו דער טיר, בעת ה׳ רו, אַן אויסגע־צויגענער אויף דער קאנאפּע, האָט איינער אַליין פאָרגעשטעלט די גרופּע פון די איבערראַשטע געליבטע.

דער עקספּערימענט האָט זי אָבער נישט געקאנט איבער־צייגן. ה׳ רו האָט דעריבער געמוזט צוגיין צו דער טיר, און מאַדאַם בערזשערע האָט געשפּילט די ליבע־סצענע.

זיי האבן אייניקע מאָל איבערגעחזרט די דאָזיקע סצענע, ביידע מיט אַן ערנסט פּנים, אָפּגעקילט איינער צום אַנדערן און אפילו איבערגעזעטיקט. דעם ה׳ רו איז אבער פאָרט נישט גע־לונגען צו מאַכן אַ סוף צו די ספקות פון מאדאַם בערזשערע.

ער האָט אומגעדולדיק אויסגערופן:

— אויב ער האָט אונז געזעען, איז ער אַ באַרימטער...

און ער האָט זיך באַנוצט מיט אַן אויסדרוק, וואָס איז נישט געווען באקאנט דער מאַדאַם בערזשערע, אָבער לויט דער מינע פון ה׳ רו, האָט זי פארשטאנען, אז דאָס מוז זיין א גראָבער, נישט פּאסיקער און געמיינער אויסדרוק. זי איז געווען בייז אויפן ה׳ רו, וואָס האט זיך אזוי מיאוס אויסגעדריקט.

ה׳ רו איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אויב ער וואָלט דאָ לענגער פארבליבן, וואלט ער דערמיט געמאכט בלויז שאדן דער מאדאם בערזשערע; ער האָט אויך לחלוטין נישט געהאט קיין חשק זיך צו באַגעגענען מיט זיין גוטמוטיקן רבי, וועמען ער האָט באַוואלהעט.

ער האט דעריבער איינגערוימט אַמעליען אין אויער אריין א פּאָר באַרויקנדע ווערטער און אין א רגע שפּעטער האט ער אויף די שפּיץ פינגער, פאַרלאָזן דאס צימער. מאדאם בערזשע־רע איז פארבליבן איינע אליין און איז באלד אוועק צו זיך, כדי צו פארטראכטן זיך איבער איר לאגע.

זי האט נישט געגלויבט, אז איר האנדלונג זאָל גורם זיין ערנסטע פאָלגן. איבריקנס, זי איז נישט געווען אין אַן ענלעכער לאגע מיטן ה׳ רו, דערפאר האט זי זיך אבער געפונען אין אזא

לאגע מיט אנדערער מענער. א טאט, וואס איז שרעקלעך אי־
די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג, ווייזט ארויס, אויב
מ באַנוצט זי אָפּט אין לעבן, איר גאַנצע פּלאַסטישע דורכשניט־
לעכקייט און נאַטירלעכע אומשולדיקייט.

יעדער פאַראורטייל מוז קאַפּיטולירן פאַר דערווירקלעכ־
קייט. מאדאם בערזשערע האט נישט געהערט צו יענעם מין
פרויען, וואָס די אומבאַזיגטע, אין איר פאַרבאָרגענע כוחות,
זאָלן זיין בכוח זי ארויסצורייסן פונם קרייז פון אירע היימישע
און בורזשואזע געוווינהייטן. הגם זי איז געווען אַ פרוי מיט אַ
שפּאָר ביסל טעמפּעראַמענט, האָט זי אָבער געהאַט אויף אַזוי־
פיל שכל, כדי צו זאָרגן פאר איר אייגענער רעפּוטאַציע. זי
האָט נישט געזוכט קיין געלעגנהייטן.

זי איז אלט געווען אַכט און דרייסיק יאָר, און האָט פאַר־
ראטן איר מאן אינגאַנצן דריי מאָל. דאָס איז אָבער געווען
גענוג, כדי אין אירע אייגענע אויגן נישט מגזם צו זיין איר
שולד. זי איז בכלל געווען וויניק געניַיגט צו דעם, וואָרים
איר דריטע ליבע-אַוואַנטורע איז פולשטענדיק ענלעך געווען צו
די ערשטע צוויי, וואָס האָבן איר נישט פארשאַפן קיין סך מי,
און נישט צו פיל פארגעניגן, אז ס׳זאָל איר וועגן דעם בלייבן
אַ שטאַרקע דערינערונג.

די געשפּענסטער פון פארוורף זענען קיינמאָל נישט גע־
שטאַנען פאַר אירע קיילעכדיקע אויגן פון אַ מאַטראָנע. סוף-כל־
סוף האָט זי זיך געהאַלטן פאַר אַן אָרנטלעכע פרוי, זי איז
בלויז געווען אַ ביסל אומצופרידן און פארשעמט, וואָס זי האָט
זיך געלאָזט איבערראשן דורך איר מאן, וועלכן זי האָט פאַר
אַכטעט פון גאַנצן הארצן. און איר איצטיקער דורכפאַל האָט
געמוזט פאַרקומען אַזוי שפּעט, אין די יאָרן, ווען די געפילן
און געדאַנקען ווערן שטאַרק אָפּגעקילט! דאָס דאָזיקע האָט איר
פאַרשאַפן אַ באַזונדערן עגמת-נפש.

די ערשטע צוויי מאָל האט זיך די ליבע-אַוואַנטורע אָנ־
געהויבן אויפן זעלבן אופן. געוויינלעך פלעגט מאדאם בערזשערע
זיין שטאַרק געחנפעט צוליבן איינדרוק, וואס זי האט געמאכט

אויף מענטשן פון דער בעסערער געזעלשאפט. זי האט זיך אינטערעסירט מיט די סמנים פון סימפאטיע, וואָס מ׳פלעגט איר ארויסווייזן און זי האט קיינמאל נישט געהאלטן, אז זי איז צו ווייט אוועק. ווארים זי האט געגלויבט, אז די מענער באגערן זי. צוויי מאל, פארן פאל מיט ה׳ בערזשערע, האט זיך ז ך דערלויבט צוצוקומען צו דעם פונקט, ווו דער פרוי קומט שוין נישט אָן אזוי לייכט צו פארהאלטן זיך, נישט פון פיזישן, נישט פון מאראלישן שטאנדפונקט.

דאָס ערשטע מאָל האט זי געהאט צו טון מיט אַן עלטערן מענטש, זייער אַ געשיקטן, אַ ביסל אן עגאָיסט, וואָס האט אָבער אויפריכטיק געוואָלט איר געפעלן ווערן. אָבער די צעטומלונג, וואָס לאזט זיך נישט אויסמיידן ביים ערשטן חטא, האָט איר קאַליע געמאכט איר פאַרגעניגן. צום צווייטן מאָל האָט זי זיך אַ סך מער פאַראינטערעסירט מיט איר אַוואַנטורע. צום אומגליק האָבן אבער ביידע נישט געהאַט קיין דערפארונג.

ה׳ רו ווידער האָט איר פאַרשאַפן צופיל עגמת-נפש כדי זי זאָל קענען געדענקען, וואָס עס איז געשען, איידער דער מאַן האָט זיי געכאַפּט פאַר דער האַנט. ס׳איז איר בלויז געגאַנגען שטאַרק אין לעבן צו דערמאַנען זיך זייער געמיינזאַמע פאָזיציע אויף דער קאַנאַפּע, כדי דערפון אַרויסצודרינגען, וואָס ה׳ בערזשערע האָט געקאָנט אויפכאַפּן, און ווי ווייט עס וועט איר נאָך געלינגען אים אָפּצונאַרן.

זי איז געווען נידערגעשלאָגן, בייז, זי האָט זיך געפילט פאַרשעמט לגבי אירע דערוואַקסענע טעכטער; זי האָט געפילט, אַז זי איז לעכערלעך. זי האָט אָבער נישט מורא געהאַט. זי איז געווען זיכער, אַז מיט דער הילף פון דורכגעטריבנקייט און חוצפה וועט איר געלינגען גובר צו זיין דעם דאָזיקן באַשיידענעם, מילדן און אומדרייסטן מענטש, וואָס זי האָט אים געהאַלטן פאַר גייסטיק נידריקער פון זיך.

דער געדאַנק, אַז זי איז אין אַלע הינזיכטן העכער פון ה׳ בערזשערע, האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזט. דער דאָזיקער געדאַנק האט באַאיינפלוסט אַלע אירע פאַקטן, רייד און איר

שווייגן. איר שטאָלץ האָט זי באַקומען בירושה. זי האָט געהייסן פון דערהיים פּוי; זי איז געווען אַ טאָכטער פון ה׳ פּוי, אינס-פּעקטאָר פון אוניווערזיטעט, אַ שוועסטערן-טאָכטער פון פּוי פון „אַקאַדעמישן ווערטערבוך״, און אַן אור אייניקל פון אַ פּוי, וואָס האָט אין יאָר 1811 פאַרפאַסט די „מיטאָלאָגיע פון די פריילינס״ און די „בין פון די דאַמען״. איר פאָטער האָט איינגעוואָרצלט אין איר אַ שטאָלץ פאַמיליען-געפיל.

וואָס פאַרא באַדייטונג האָט געקאָנט האָבן אַ בערזשערע לגבי אַ פּוי? זי האָט זיך לגמרי נישט געשראָקן פאַרן אויסגאַנג פון פאַראויסגעזעענעם געשפרעך און זי האָט אָפּגעוואַרט איר מאַן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, גרייט אָפּצושלאָגן זיינע אָנגריפן. אַז זי האָט אָבער אין דער פרישטיק-שעה געהערט, ווי איר מאַן גייט איבער די טרעפּ, איז איר באַפאַלן אַן אומרו. די אָפּוועזנהייט פון איר מאַן האָט זי באַאומרויקט. ער האָט זיך אַרומגעהילט מיט אַ סוד, ער איז געוואָרן כמעט געפערלעך פאַר איר.

זי האָט זיך שטאַרק געמאַטערט וואָרים זי האָט געוואָלט פאַראויסזעען, וואָס ער וועט איר זאָגן; זי האָט זיך צוגעגרייט צו געבן אים אַ געהעריקן פּסק, אָפּהענגיק פון די אומשטענדן. זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעצויגן, כדי אָפּצושטויסן דעם אָנגריף. זי האָט אויסגעטראַכט פאַטעטישע זשעסטן, דראָונגען פון זעלבסטמאָרד, סצענעס פון איבערבעטן זיך. זי איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, בעת דער אָוונט איז צוגעפאַלן. זי האָט געוויינט און געביסן איר טיכל.

איצט האָט זי באַגערט, און אַרויסגערופן אין איר פאַנטאַזיע סצענעס פון איבערבעטן זיך, פון תירוצים און פון דראָונגען. זי האָט געוואַרט אויף ה׳ בערזשערע מיט אַ געוואַלטיקער אומגעדולדיקייט. ניין אַזייגער אין אָוונט האָט זי דערהערט זיינע טריט אויף די טרעפּ. ער איז אָבער נישט אַריין אין צימער. דאָס דינסט-מיידל איז אַריינגעקומען און געווענדעט זיך צו איר אין אַ חוצפּהדיקן טאָן:

— דער הער האָט מיר געהייסן אַריינשטעלן זיין אייזערן בעטל צו זיך אין קאַבינעט אַריין.

מאַדאַם בערושערע, אַ דערשלאָגענע, האָט גאָרנישט געענטפערט.

יענע נאַכט איז זי איינגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף. איר דרייסטקייט איז אָבער געווען פולשטענדיק צעבראָכן.

VIII

דער פּאַטער גיטרעל האָט איינגעלאַדן צו זיך אויף פריש־טיק דעם גלח פון דער קירך פון הייליקן עקזופּער, ה׳ לאַפּרין. זיי זענען ביידע געזעסן ביים קליינעם קיילעכדיקן טיש, אויף וועלכן זשאָזעפינע האָט נאָר וואָס אַוועקגעשטעלט אַן אָמלעט, וואָס איז אַרומגעשווימען אין הייסן קאָכעדיקן רום.

די דינערין פון ה׳ גיטרעל האָט שוין מיט אַ סך יאָרן צוריק דערגרייכט דעם קאַנאָנישן עלטער; זי האָט געהאַט וואָנ־סעס. און בלי ספק איז זי נישט געווען אַזאַ, פאַר וועלכע מ׳פלעגט זי אָננעמען אין די פּיקאַנטע מעשהלעך, — אַן אימיטאַ־ציע פון די אַלטע גאַלישע עקזעמפּלאַרן, — וואָס האָבן וועגן איר קורסירט אין שטאָט.

איר פּנים איז געווען אין אַ פולשטענדיקער סתירה מיט די בייזע רכילות, וואָס האָבן קורסירט וועגן איר פון „קאַפע די דאָמערס״ ביז צו דער בוכהאַנדלונג פון פּאַיאָ, און פון דער ראַדיקאַלער אַפּטייק פון ה׳ מאַנדאַר, ביז צום יאַנסעניסטישן סאַלאָן, פון ה׳ לעראָן אַן עמעריטירטער וויצע פּראָקוראָר.

און אויב ס׳איז געווען אמת, אַז דער פּראָפעסאָר פון דער הייליקער רעטאָריק פלעגט איינלאַדן צו זיין טיש זיין דינערין, בעת קיינער איז נישט געווען צו אים פאַרבעטן, אויב ער האָט זי מכבד געווען מיט איינס פון די קיכלעך, וואָס ער פלעגט מיט גרויס זאָרגעוודיקייט אויסקלויבן אין דער קאָנדי־טאָריי פון מאַדאַם מאַגלואַר, איז דאָס געווען דער רעזולטאַט

פון אַ ריינער און פולשטענדיק אומשולדיקער פריינדשאַפט צו דער דאָזיקער אַלטער, פשוטער און אומגעבילדעטער בתולה, וואָס איז אָבער דערפאַר געווען אַ פאַרשטענדיקע, אַן איבערגעגעבענע צו איר באַלעבאָס און גרייט צוליב אים די גאַנצע וועלט דעם טייוול צו פאַרקויפן.

און באמת, דער רעקטאָר פון סעמינאַר, דער פאָטער לאַנטען, האָט צופיל געגלויבט אין די עראָטישע מעשהלעך וועגן ה׳ גיטרעל און זיין דינערין, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל און דאָך פון קיינעם ערנסט נישט גענומען געוואָרן, אפילו נישט דורכן ה׳ מאַנדאַר אַליין, דער אַפּטייקער פון דער קולטור-גאַס, דער פראָגרעסיווסטער צווישן די שטאָט-ראַטמענער. וואָרים יענער האָט צופיל צוגעגעבן פון זיך צו די דאָזיקע מעשהלעך, כדי ער זאָל אַליין נישט האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט בנוגע זייער אויטענטישקייט.

מ׳האָט פאַרפאַסט אַ גאַנצע סעריע מעשהלעך וועגן די דאָזיקעביידע רעספּעקטפולע פּערזאָנען, און ווען דער גלח לאַנטען וואָלט געווען בעסער באַהאַוונט אינם „דעקאַמעראָן״, אינם „העפּטאַמעראָן״ און אין די „הונדערט נייע מעשהלעך״, וואָלט ער גאַנץ לייכט און נישט זעלטן אַנטדעקט די קוועלע פון נישט איין פריילעכער אַוואַנטורע, וואָס איז מיט אַזאַ גרויס-האַרציקייט אויפגעשריבן געוואָרן אויפן חשבון פון ה׳ גיטרעל און זיין דינערין, זשאָזעפינע. אויב ה׳ מאַזור האָט אַמאָל געפונען ערגעץ אין אַ אַלט בוך אַ מעשהלע וועגן אויסגעלאַסענע כומרים, פלעגט ער עס באַלד צושרייבן דעם ה׳ גיטרעל. בלויז איין ה׳ לאַנטען האָט געגלויבט אין דעם, וועגן וואָס אַלע האָבן גערעדט, אָבער לחלוטין אין דעם נישט געגלויבט.

— געדולד, געערטער פאָטער! — האָט געזאָגט די די-נערין, — איך ברענג שוין אַריין אַ לעפל אַראָפּצושוימען די יוך.

ביי די רייד האָט זי אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד אין בופעט אַ בלעכענעם לעפל מיט אַ לאַנג הענטל, און אים דער-לאַנגט דעם הער גיטרעל; און בעת דער גלח האָט באַגאָסן

מיט פלאַמענדיקן רום דעם צוקער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ ריח פון קאַרמעלקעס, איז די דינערין מיט פאַרקרייצטע הענט געשטאַנען נעבן בופעט און נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון שפּיל-זייגער, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

אויף דער גילדערנער דעק פון זייגער איז געווען אויסגע-מאָלט אַ שווייצאַרישער פּייזשאַזש און אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס באַ-וויזט זיך פון אַ טונעל אַרויס, אַ באַלאָן אין הימל און עמאַ-ליענע ווייזערס אויפן שפּיץ פון אַ קליינעם קירך-טורעם. די וואַכזאַמע בתולה האָט פונדעסטוועגן נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון איר באַלעבאָס, וואָס האָט מיט זיינע קורצע הענט זיך גע-מאַטערט, און מאַנעווּרירט מיטן אָנגעגליטן לעפל. און זי האָט אים צוגעגעבן מוט:

— דרייסטער! געערטער פאָטער! לאָזט נישט אויסגיין דאָס פייער.

— דער דאָזיקער מאכל, — האָט זיך אָנגערופן דער גלח, — גיט באמת אַרויס אַ דערקוויקנדיקן, פיינעם ריח. דאָס לעצטע מאָל, בעת איך האָב מיר געהייסן צוגרייטן דעם דאָזיקן מאכל, האָט די שיסל געפּלאַצט פון צו שטאַרקער היץ, און דערצו האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם טישטוך. דאָס האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון די כלים, און וואָס עס האָט מיך גאָר שטאַרק פאַרדראָסן, איז געווען די צעטומלונג אויפן געזיכט פון ה׳ טאַבאַרי, וואָס האָט דעמאָלט געגעסן מיט מיר מיטאָג.

— אָט אין וואָס עס האַנדלט זיך! — האָט געזאָגט די דינערין. — דער געערטער פאָטער באַנוצט זיך מיט דינעם פאָרצעליי. ס׳איז נישט פאַראַן קיין צו שיינע זאַכן פאַרן גלח. אָבער וואָס מער דער פאָרצעליי איז דינער, אַלץ מער דאַרף ער מורא האָבן פאַרן פייער. די דאָזיקע שיסל איז פון לייס, און זי קאָן אויסהאַלטן די גרעסטע היץ און אויך די גרעסטע קעלט. אַז מיין באַלעבאָס וועט ווערן בישאָף, וועט מען אים דערלאַנגען אָמלעטן אין זילבערנע כלים.

מיטאמאל איז דאָס פייער אויסגעגאַנגען, און ה׳ גיטרעל

האָט אויפגעהערט צו באַגיסן דעם אמלעט. ער האָט געוואָרפן א שטרענגן בליק אויף זיין דינערין און געזאָגט:

— זשאַזעפינע, כ׳בעט אייך נאָכאַמאָל זיך נישט אויס-דריקן מיט אַזעלכע ענלעכע רייד.

— פונדעסטוועגן, — האָט זיך אַנגערופן דער גלח פון סען עקזופּער, — איז אין דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, נישט פאַראַן קיין שום באַדויערנסווערטעס, טייערער הער גיטרעל. די נאַטור האָט אייך באַשאָנקען מיט א סך פעיקייטן. אייער וויסן איז אין לשער, און עס וואָלט געווען זייער געוואונשן, אַז איר זאָלט דערהויבן ווערן צום עפּיסקאָפּאַלן טראָן. ווער ווייסט, צו די דאָזיקע פּראָסטע אשה האָט נישט אַמאָל אַנגעזאָגט דעם אמת? צי האָט מען דען נישט דערמאָנט אייער נאָמען צווישן די קאַנדידאַטן, וואָס זענען באַמת ווערט צו פאַרנעמען דעם טראָן פון טורקוען?

ה׳ גיטרעל האָט אויפגעשטעלט די אויערן און אַ קוק געטון פון אַ זייט אויף זיין חבר.

ער איז געווען אומרויק. זיינע עניעים זענען נישט גע-גאַנגען גאָר פויגלדיק. אין דער נונציאַטור האָט מען אים אָפּ-געפּטרט מיט האַלבע, אומקלאָרע רייד. ער האָט אָפּגעהויבן מורא צו האָבן פאַר דער רוימישער פאַרזיכטיקייט, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז גלח לאַנטען האָט שטאַרק גושא חן געווען אין בילדונגס-מיניסטעריום.

פון זיין פּאַריזער נסיעה זענען אים פאַרבליבן גאָר שלעכטע איינדרוקן. ער האָט דעריבער איינגעלאַדן צו זיך דעם גלח פון דער סען-עקזופּער-קירך, וואָס האָט געהאַט באַציונגען אין גלח לאַנטענס פּאַרטיי און געהאַפט אויף אַזאַ אופן אַרויס-צוקריגן פון גוטמוטיקן גלח דעם סוד פון זיין קעגנער.

— און פאַרוואָס, — האָט ווייטער גערעדט דער גלח לאַפּרין, — זאָלט איר טאַקע אין איין שיינעם טאָג נישט ווערן בישאָף, ווי ה׳ לאַנטען?

דער דאָזיקער נאָמען איז באַגלייט געוואָרן פון אַ שטיל-

קייט, בעת וועלכער דער שפּיל-זייגער האָט אָפּגעשפּילט אַן אַלטן ניגון. ס'האָט געשלאָגן צוועלף.

דער פּאַטער גיטרעל האט מיט אַן עטוואס ציטערנדיקער האַנט דערלאַנגט דעם גלח די פּאַיאַנס-שיסל.

— מעדנים, — האָט יענער געזאָגט, — אויסגעצייכנט, טעם גן-עדן. אייער באַלעבאָסטע איז אַן אמתע מייסטערין.

— איר רעדט וועגן הער לאַנטען? — האט געפרעגט דער פּאַטער גיטרעל.

— טאַקע, טאַקע, — האט געענטפערט דער גלח. — איך זאג נישט, אַז ה' לאַנטען איז שוין נאָמינירט געווארן אויפן בישאָף-טראָן אין טורקוען. ניין! באַהויפּטן דאס וואלט געהייסן פאַראויסזאָגן דעם גאַנג פון די געשעענישן. היינט אין דער פרי בין איך אבער געווויר געווארן פון אַ פּערזאָן, וואס איז אין נאָנטע באַציִונגען מיטן גענעראַל-וויקאַר, אַז צווישן דער נונציאַטור און מיניסטעריום איז שוין געקומען צו אַ הסכם בנוגע דער קאַנדידאַטור פון הער לאַנטען. די דאָזקע ידיעה דארף נאך נאטירלעך באַשטעטיקט ווערן. ה' דע גולע האט געקאָנט אננעמען זיינע האַפנונגען פאַר דער ווירקלעכקייט. ער ווינשט פון גאַנצן הארצן, איר ווייסט עס מסתמא, דעם דער-פאָלג פון ה' לאַנטען.

„דער דאָזיקער סוקצעס איז נישט קיין אומוואַרשיינלעכער, ביז נישט לאַנג צוריק וואלט דער פאַנאַטיזם, וועלכן מ'שרייבט צו דעם ה' לאַנטען געקאָנט האבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף דער ציווילער מאַכט, וואס באַציִט זיך מיט אומצוטרוי צום צקלער. די צייטן האבן זיך אבער געענדערט. די שווערע וואָלקנס זע-נען פאַרשוואונדן און געוויסע איינפלוסן און שטרעמונגען, וואס זענען ביז איצט געווען מחוץ פון פּאָליטישן לעבן, הייבן אָן ארייננצודרינגען אין די רעגירונגס-קרייזן.

„מ'פאַרזיכערט, אַז די אונטערשטיצונג פון ה' לאַנטענס קאַנדידאַטור דורכן גענעראַל קאַרטיע דע שאלמא, האָט געהאַט אַ דעצידירנדע ווירקונג. דאס זענען נאך נישט קלאָרע קלאַנ-גען, וואס ס'איז מיר געלונגען צונויפצוזאַמלען.

זשאזעפינע, די דינערין, איז ארויס פון זאל.

ס'האט זיך אבער אויסגעוויזן, ווי איר אויפמערקזאמער־שאטן פלעגט פון רגע צו רגע זיך באווייזן אין דער האלב־אפענער טיר.

ה' גיטרעל האט נישט געגעסן און נישט אויסגערעדט קיין ווארט.

— אין דאזיקן אמלעט, — האט ווייטער גערעדט דער גלח לאפרין, — איז פאראן א געמיש פון ריחות. ער רייצט אנגענעם דעם גוםען, וואס קאן אבער נישט דערגיין, פון וואנען דאס נעמט זיך. איר וועט מיר דערלויבן צו נעמען די פארשריפט ביי אייער באלעבאסטע.

אין א שעה שפעטער, נאכדעם ווי דער גלח לאפרין איז אוועק, האט דער פאטער גיטרעל זיך געלאזט גיין צום סעמי־נאר. א פארטראכטער און אן איינגעהויקערטער איז ער אראפ־געגאנגען מיטן געדרייטן און קרומען געסל דע שאנטר; ער האט פעסט פארקנעפלט זיין מאנטל, כדי זיך צו פארהיטן פונם קאלטן ווינט, וואס האט געבלאזן פונם שפיץ פון דער קאטעדראל־קירך. דאס איז געווען דער טונקעלער און קאלטעס־טער ווינקל אין שטאט. ער האט צוגעאיילט זיינע טריט ביז צו דער גאס די מארשע, און דארט האט ער זיך אפגעשטעלט פארן געוועלב פון קצב לאפאלי.

דאס געוועלב איז געווען באווארנט מיט קראטעס, ווי א לייבן־שטייג. אין דער טיפעניש פון געוועלב, הינטערן בופעט, ווו מ'פארקויפט דאס פלייש, אין א זייט פון די אויסגעהאנגענע פערטלען קעלבערנס, איז געשלאפן דער קצב לאפאלי. ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן נאך פארטאג און די מידקייט דהאט גובר געווען זיין געזונטן גוף.

ער האט פאמעלעך געשאקלט מיטן קאפ, און איז געשלאפן מיט נאקעטע און פארקרייצטע הענט; דער חלף איז געהאנגען אין א זייט, די פיס צעשפרייט אונטערן שירץ, וואס איז געווען באשפריצט מיט בלוט. זיין רויט פנים האט געגלאנצט און די אדערן פון האלז זענען אנגעשוואלן אונטערן צעכראסטעטן קאל־

פון זיין רויט העמד. ער האָט געאָטעמט מיט אַ רויקער קראַפּט.

ה׳ בערזשערע פלעגט זיך אויסדריקן וועגן אים, אַז ער דערמאָנט אין טייל היגזיכטן האָמערס העלדן, וואָרים זיין שטייגער לעבן איז געווען ענלעך צו זייערס, און ווי זיי האָט ער אויך פאַרגאָסן דאָס בלוט פון זיינע קרבנות.

דער קצב לאַפּאָלי האָט געדרימלט. לעבן אים האָט גע־דרימלט זיין זון, אַ הויכער און אַ שטאַרקער, ווי זיין טאַטע, מיט רויטע בליענדיקע באַקן. אַ קצב־יונג איז געשלאָפן מיטן קאָפּ אין די הענט, אָנגעשפּאַרט אויפן מערמלנעם טיש און זיינע צעשויבערטע האר האָבן זיך צעשיט איבערן צעשני־טענעם פלייש.

אין אַ גלעזערנער שטייג בייס אַרייגאַנג אין געוועלב, איז געזעסן אַן אויסגעגלייכטע, די מאַדאַם לאַפּאלי; די אויגן האָבן זיך איר געקלעבט און זי האט געקעמפט מיטן שלאָף, אַ פעטע, מיט אומגעהייערע בריסטן און אַ לייב, וואס איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן בלוט פון געקוילעטע בהמות. די דאָזיקע משפחה האט פאַרגעשטעלט מיט זיך די רויע, ברוטאַלע און הערשנדע קראַפט, אַ ספּעקטאַקל פון באַרבאַרישער מלכות.

דער פּאָטער גיטרעל האָט זיי באַטראַכט אַ געוויסע צייט און געבלאָנזשעט מיט זיינע באַוועגלעכע אויגן פון איינעם אויפן אַנדערן, ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט גרויס אינטערעס אויפן קצב־מייסטער, יענעם ריז, וואָס זיינע פּורפּור־רויטע באַקן זענען געווען באַצירט מיט אַ פּאָר לאַנגע רויטע וואָנסעס און זיין שטערן איז געווען באַזייט מיט קליינע, דורכגעטריבענע קנייטשן. אַז ער האָט זיך שוין געזאַט נעגוג אָנגעזעטיקט מיטן אָנבליק פון דאָזיקן ווילדן און ברוטאַלן פּנים, האָט ער גע־נומען אונטערן אָרעם זיין אויסגעריבענעם פּאַראַסאָל, ער האָט פעסט צוגעפּרעסט זיין מאַנטל צו דער ברוסט און ווידער זיך געלאָזט אין וועג אריין. ער האט א באַרויקטער ווייטער געטראַכט:

„אכט טויזנט דריי הונדערט פינף און צוואַנציק פראַנק

פון פאריקן יאר. טויזנט ניין הונדערט זעקס פון היינטיקן יאר, דער גלח לאנטען איז שולדיק סך־הכל צען טויזנט צווי הונדערט איין און דרייסיק פראנק דעם קצב לאפאלי, וואס איז ווייט נישט קיין באקוועמער בעל־חוב. דער פאטער לאנטען וועט נישט ווערן בישאף."

ער האט פון לאנג געוווסט וועגן דאזיקן חוב פון סעמינאר און וועגן די פינאנסיעלע דאגות פון ה׳ לאנטען. זיין באלעבאסטע זשאזעפינע האט אים נאר וואס פארציילט, אז דער קצב האט באשלאסן צו באווייזן זיינע נעגל און ער דראט אנצוקלאגן אין געריכט דעם סעמינאר און דעם ערצ־בישאף. און גייענדיק אזוי מיט קליינע טריטלעך, האט ער שטיל געשעפטשעט:

— ה׳ לאנטען וועט נישט ווערן בישאף. ער איז וואס אן אמת אן ארנטלעכער מאן; ער איז אבער א שלעכטער פארוואלטער. ווארים כדי צו זיין בישאף מוז מען זיין א גוטער אדמיניסטראטאר. באסוע האט אויסגעדריקט דעם זעלבן געדאנק אין זיין הספד נאכן פרינץ די קאנדע.

און אין זיין מות האט נישט אן א געוויסן פארגעניגן אויפגעטויכט דאס שרעקלעכע פנים פון קצב לאפאלי

ה׳ בערזשערע האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די גע־
דאַנקען פון קייזער מאַרק אַורעליוס *). ער האָט געהאַט אַ סך
סימפאַטיע פאַרן מאַן פון פאַוסטינע. ער האָט אָבער געפינען
אין דאָזיקן ביכל אַזאַ פאַלשע פאַרשטענדניש פאַר דער נאַטור,
פון אירע פיזיקאַלישע דערשיינונגען, אַזאַ גרינגשעצונג פון די
גראַציעס, אַז ער האָט נישט געקאָנט ביז צו דער זעט זיך
קוויקן מיט דעם מחברס גרויסהאַרציקייט.

ער האָט דערנאָך געלייענט די דערציילונגען פון ה׳ ד׳
אוויל און פון צאוטראַפעל, „סענבאַלאָן" פון דעפעריע, די
„פרימאָרגנס" פון קאָליער און די „סערערס" פון גיאָס בוטע.
פון דער דאָזיקער לעקטור איז ער געווען אַ סך צופרידענער.
ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז געווען פולשטענדיק צוגע־
פאַסט צו זיין גייסטיקן צושטאַנד, און דעריבער טאקע אַזאַ
טרייסטנדיקע און אַ פעיקע איינצופלאַנצן אין זיין נשמה אַ לוי־
טערע רויקייט און א היגלישע מילדקייט. ער איז געווען דאַנק־
באר די אלע דערציילער, וואָס האבן — פון דעם אנטיקן מילעט,
וו ס'האָט זיך פארלאָפן די געשיכטע פון קיוויע, ביז צו דער
זוניקער בורגונדיע, פון דער מילדער טורען ביז צו דער פרוכט־

*) באַרימטער רוימישער קייזער-פילאָזאָף, אָנהענגער פון סע־
נעקאַס פילאָזאָפישער שיטה.

(באַמ. פון איבערזעצער).

בארעד נאָרמאנדיע, — געלערנט די מענטשן גראציעז צו לאבן, און פריילעך געמאכט די אויפגערעגטע הערצער.

— די דאזיקע דערציילער, — האט ער געטראכט, — אויף וועלכע עס בייזערן זיך די שטרענגע מאָראַליסטן, זענען אליין גלענצנדע מאראליסטן, וואס פארדינען געלויבט און געליבט צו ווערן. ווארים זיי האבן אנגעוויזן אויף די פשוטסטע, נאטיר-לעכסטע און מענטשלעכסטע לעזונגען פון די פאמיליען-מיס-פארשטייענישן, וואס די גאווה און שנאה, אנגעצונדן אין מאנס שטאָלצן הארץ, וואלט אויסגעפירט דורך מארד און הריגה. אָ, איר מילעיזיאַנישע דערציילער, אָ, איידעלער פעטראָניוס! אָ, מיין טייערער נאָעל הי-פעל, איר, פארגייער פון זשאַן דע לאַ-פאָנטען! צי זענען געווען קלוגערע און בעסערע אַפּאָסטאָלן פון אייך, וואס מ׳רופט אייך: לצים? אָ, בעלי-טובות פון דער מענטשהייט! איר האט אונז געלערנט די אמתע חכמה פון לעבן, די פריינדלעכע פאראכטונג פון מענטשן!

און ה׳ בערזשערע איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אונזער גאווה איז די וויכטיקסטע סיבה פון אונזערע נויטן, אז מיר זענען באקליידעטע מאלפעס און מיר באציען זיך ערנסט צו דער אידעע פון כבוד און צניעות דארט, וו זיי זענען לעכערלעך; און גערעכט איז אויך געווען דער פויפסט באניפאַצי דער אכטער, טראַכטנדיק ביי זיך אין הארצן, אז פון א קליינער נארישקייט קומט ארויס א גרויסער בזיון, און מאדאם בערזשע-רע און ה׳ רו האבן פארדינט געליבט אדער געטאדלט צו ווערן נישט ווייניקער און נישט מער, ווי למשל א שימפאנזן-פאר.

ער האט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט א לאגישן שכל. כדי צו באהאלטן פון זיך אליין זיין נאָנטע קרובהשאפט מיט די ביי-דע מענטשלעכע מאַלפעס. ער האָט זיך געהאלטן פאר א דענקנדן שימפאַנז. און ער איז דערפון געווען זייער שטאָלץ. וואָרים די חכמה מוז זיך סוף-כל-סוף ערגעץ איבעררייסן.

די חכמה פון ה׳ בערזשערע האָט אָבער געהאַט איר שוואכן פונקט. ער האָט נישט צוגעפאסט גענוי זיין הנהגה צו זיינע מאָראַלישע מאַקסימען. ער איז אָן שום ספק נישט געווען

קיין היציקער, ער איז אָבער אויך נישט געווען קיין געלאָסע־נער. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט אויסגעוויזן, ווי דער תלמיד פון זיינע מילעזיאַנישע, לאַטיינישע, פלאָרענטינישע און גאַלישע דעציילער, וואָס זייער שמייכלענדיקע פילאָזאָפיע צו־געפּאַסטע צו די מענטשלעכע לעכערלעכקייטן, האָט ער געלויבט ביז אין הימל אַריין.

ער האָט נישט געמאַכט קיין שום פאָרוורפן דער מאַדאַם בערזשערע. ער האָט נישט אויסגערעדט צו איר אפילו קיין איין וואָרט, ער האָט איר צומאָל נישט געשאָנקען קיין איין בליק. ביים טיש, בעת ער איז געזעסן אַקעגנאיבער איר, האָט ער זי אינגאַנצן נישט געזען. און אויב ער האָט זיך אַמאָל צופעליק באַגעגנט מיט איר ערגעץ אין אַ צימער, האָט ער זיך פאַרהאַלטן אויף אַזאַ אופן, אַז די אָרעמע פרוי האָט גע־האַט דעם איינדרוק, אַז מ׳זעט זי אינגאַנצן נישט אָן.

ער האָט זי איגנאָרירט, ער האָט זי באַהאַנדלט ווי אַ פרעמדע, ווי אַ נישט עקזיסטירנדיקע. ער האָט זי אויסגעמעקט סיי פון זיין אויסערלעכן, און סיי פון זיין אינערלעכן באַ־וווסטזיין.

אין דער היים, באַשעפטיקט מיט אָן אַ שיעור דאגות פון טאָגטעגלעכן לעבן, האָט ער זי אינגאַנצן נישט געזען, נישט געהערט אירע טריט, און זי צומאָל נישט באַמערקט. מאַדאַם בערזשערע איז געווען אַ גראָב און מגושמדיק באַשעפעניש. זי איז אָבער גלייכצייטיק געווען אַ לעבעדיק, מענטשלעך באַשעפע־ניש, צוגעבונדן צום פאַמיליען־לעבן און צו דער מאָראַל.

זי האָט געליטן, וואָס זי האָט נישט געהאַט די געלעגנ־הייט זיך אויסצורעדן מיט גראָבע רייד, דראָענדיקע זשעסטן און צו מאַכן שרעקלעכע יעלות. זי האָט געליטן, וואָס זי איז שוין נישט מער די באַלעבאַסטע פון דער וווינונג, די נשמה פון דער קיך, די מוטער פון דער פאַמיליע, די מאַטראָנע. זי האָט געליטן, וואָס זי לעבט אַזוי, ווי זי וואָלט אינגאַנצן נישט געווען, און וואָס מ׳באַציט זיך נישט צו איר ווי צו אַ לעבע־דיקן מענטש, אפילו נישט ווי צו אַ טויטן קעגנשטאַנד.

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז בעתן עסן האָט זי געוואָלט זיין אַ שטול אָדער אַ לעפל, כדי מ׳זאָל זי כאָטש אלס אַזעלכע באַמערקן. ווען ה׳ בערזשערע וואָלט מיטאמאָל זיך נעוואָרפן אויף איר מיט אַ מעסער, וואָלט זי ארויסגעלאזט אַ פרייד-אויס-געשריי, הגם זי האָט פון דער נאטור מורא געהאט פאר קלעפ. אָבער נישט געקומען ווערן אין באטראכט, נישט האבן קיין שום ווערט, אויפהערן אינגאנצן צו עקזיסטירן — דאס האָט שוין איר גראָבע, מגושמדיקע נאטור נישט געקענט מער אויסהאלטן.

די מאָנאָטאָנע און אוימאויפהערלעכע ליידן זענען מיט דער צייט געוואָרן אַזוי שרעקלעך פייניקנדיק, אז זי פלעגט פארבייסן איר טיכל כדי צו דערשטיקן אירע ספאזמען. און ה׳ בערזשערע, וואָס האט זיך פארשלאָסן אין זיין קאבינעט, האָט געהערט, ווי זי ווישט זיך הויך אויס די נאָז אין עס-צימער, בעת ער, אָן ליבע און אָן שנאה, פלעגט רויק בלע-טערן זיין באליבטן ווערגיל. דעם דאָזיקן ווערטפולן עקזעמפלאַר פון ווערגילן האט ער באקומען פון א באקאנטן אנטיקוואר-בוכהענדלער.

מאדאם בערזשערע פלעגט יעדן אָוונט אננעמען א באשלוס זיך ארייננצורייסן אין איר מאנס קאבינעט, וואָס איז איצט אויך געווען זיין שלאָף-צימער און אן אומדורכדרינגלעכער אזיל פאר זיינע אומדורכדרינגלעכע געדאנקען, כדי ווארפן זיך אים צו די פיס און בעטן ביי אים מחילה, אָדער צו באווארפן אים מיט די ערגסטע זידל-ווערטער, אויסצושטעכן אים דאס פנים מיט א קיך-מעסער, אָדער ארייננשטעקן אים אין דער אייגענער ברוסט אריין. ס׳איז איר איבריקנס אלץ איינס געווען, וואס זי וועט טון, ווארים ס׳איז איר געגאנגען אין דעם, צוצוציען זיין אויפמערקזאמקייט, צו עקזיסטירן פאַר אים וואָרים דווקא דאס, וואס ס׳האט איר געפעלט, איז איר געווען נויטיק ווי וואַסער, ווי ברויט, ווי לופט און זאלץ.

זי האט זיך נאך אלץ באצויגן מיט ביטול צו איר מאן. דאס דאזיקע געפיל האט זי באקומען בירושה. זי האט עס

באקומען פון איר פאטער און עס איז איר אריין אין בלוט. זי וואלט אויפגעהערט צו זיין א פוי, די קוזינע פון פוי פון ווערטערבוך, אויב זי וואלט זיך געשטעלט אויף איין שטופע מיט איר מאן. זי האט אים פאראכטעט, מחמת דעם, וואס זי איז געווען פוי און ער — בערזשערע, און נישט דערפאר, וואס זי האט אים פאראטן.

זי האט נאך געהאט אויף אזוי פיל שכל, כדי זיך נישט איבערצונעמען מיט איר העכערקייט איבערן מאן, זי האט אים ווייניקער רעספעקטירט דערפאר, וואס ער האט נישט דערמאר־דעט דעם ה׳ רו. איר פאראכטונג איז געווען א סטאבילע און אן אומפארענדערטע. זי האט נישט געקאנט נישט גרעסער און נישט קלענער ווערן. זי האט אים אבער נישט פיינד געהאט. נאך מיט א קורצער צייט צוריק פלעגט זי נישט דורכלאזן די געלעגנהייט צו קווען אים אן שום סיבה, ארויסצוברענגען אים פון גלייכגעוויכט, פארצווארפן אים זיין נאכלעסיקייט אין דער קליידונג אדער זיין אומגעשיקטקייט, און דערציילן אים אן א שיער מעשות וועגן די שכנטעס.

די דאזיקע געשיכטעס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א נארישער פלאכקייט, און אפילו אירע וויצן און רכילות־רייד זענען געווען זייער מיטלמעסיק. איר בייכיקע נשבה איז געווען אנגעבלאזן מיט גאווה, זי איז אבער נישט געווען אנגעפילט מיט שרעקלעכע גיפטן און זעלטענע סמען.

מאדאם בערזשערע איז באשאפן געווארן כדי צו לעבן בשלום מיט א מאן, ווען זי האט געקאנט פאראטן און אפנארן וויפיל זי האט געוואלט און נישט אנשטרענגען דערביי צופיל אירע כוחות, ווי אויך אויסנוצן ווי געהעריק די נאטירלע־כע פונקציאנירונג פון אירע ארגאנען.

זי איז געווען געזעלשאפטלעך געשטימט. מחמת דעם, וואס זי האט געהאט א סך פלייש און נישט געפילט די מינדעסטע נייגונג צו אן אינערלעך לעבן. ה׳ בערזשערע, ארויסגעריסן מיטאמאל פון איר לעבן, האט איר איצט געפעלט, ווי אן אפּווּזגדער מאן פעלט אן ארנטלעכער פרוי. נאך מער, דאס

דאזיקע נישטיקע מענטשעלע. צו וועלכן זי פלעגט זיך שטענ-
דיק באַציען, ווי צו א אומבאדייטנדער, אָבער דערפאר באק-
חעמער פערזאן, האט מיטאמאָל אָנגעהויבן צו וועקן אין איר
א געפיל פון שרעק. ה׳ בערזשערע, וואָס האט זי געהאלטן
פאַר אַן אבסאלוטן נישט, האט איר אליין געגעבן צו פילן,
אז זי עקזיסטירט נישט אינגאַנצן פאר אים.

זי האט מיט שרעק בּאַזעען, ווי ארום איר צעוואַקסט זיך
אַ פוסטקייט. באהערשט פון א טרויער און אַ שוידער, האָט זי
וואס אמאל מער געזונקען אין איר נייעם מצב, אַן אומבאקאנטן,
אָן אַ נאמען, פון וועלכן עס האט געווייעט מיט איינזאמקייט
און טויט.

אין די אָוונטן פלעגט איר בענקשאפט מוראדיק זיך צע-
וואקסן, ווארים זי איז געווען שטארק עמפפינדלעך פאַר דער
שיינקייט פון דער נאטור און אויף די ווירקונגען פון רוים און
פון דער צייט. ליגנדיק אליין אין בעט, פלעגט זי מיט פחד
באטראַכטן דעם הילצערנעם מאנעקען, אויף וועלכן זי פלעגט
אין משך פון פיל יאָרן אויפהענגען אירע קליידער.

אמאָל אין די גוטע צייטן פלעגט ער אַ שטאלצער, אַן אַ
קאָפּ, אבער דערפאר אַ גאנצער, שטיין אין ארבעט-קאבינעט
פון ה׳ בערזשערע. איצט, אַ צעדהרגעטער, אַ לאָמענדיקער און
אַן אָנמעכטיקער איז ער געשטאנען אנגעשפארט אין דער גלע-
זענער שאנק, אין שאטן פון ריפסענעם פוירהאַנג. דער בעד-
נער לאנפאן האט אים געפונען אויפן הויף, צווישן טעפּ וואסער,
ווו שטאָפּערס זענען ארומגעשוווימען. ער האט אים צוריקגעבראכט
דער מאדאם בערושערע, וועלכע האָט מער נישט געוואגט
אים צוריק ארייַנצושטעלן אין איר מאנס קאבינעט אריין; דעם

צעהאקטן, פאַרוווּנדעטן און צעקאלעטשעטן קרבן פון אַן
עמבלעמאטישער נקמה האט זי אריינגעשטעלט אין שלאפצימער,
ווו ער האט פאר איר רעפּרעזענטירט די פינצטערע אידעען
פון כשוף און עין-הרעס.

זי האט געליטן. א געוויסן פרימארגן האט זי זיך אויפ-
געכאפּט, און בעת די בלאסע זון האט דורך די פאַרהאנגן, טרוי-

עריק געגלעט דעם צעהרגעטן מאַנעקען, האט זי מיטאמאל אָנגעגוי-מען א רחמנות אויך זיך אליין. זי האט זיך דערפילט אומשולדיק און געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ה׳ בערזשערע איז אַן אכזר.

זי האט זיך צעבונטעוועט. זי וועט בשום אופן נישט דערלאָזן, אז אמעליע פוי זאל ליידן יסורים צוליב עפעס א בערזשערע. זי האט זיך געהאלטן אן עצה מיט איר פארשטאר-בענעם פאטער און וואס אמאל געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ה׳ בערזשערע איז א צו נישטיקער מענטש, כדי זי זאל זיך פילן אומגליקלעך צוליב אים. דער דאזיקער געדאנק האט איר לייכטער געמאַכט איר געמיט.

יענעם טאג האט זי זיך אנגעטון מיט גרויס הנאה. זי האָט זיך צוגעגעבן קוראזש און אנגעהויבן צו גלויבן, אז איר כבוד איז גארנישט געמינערט געוואָרן און זי האט אויך גארנישט פארלוירן.

דאָס איז געווען דער אויפנאמע-טאָג פון מאַדאַם לעטער-יע, די רעספעקטפולע פרוי פון רעקטאָר. מאַדאַם בערזשערע איז געגאַנגען באַזוכן די מאַדאַם לעטעריע, און אינם בלויען זאַל, אין דער קעגנוואַרט פון מאַדאַם קאָמפאַניאָן, די פרוי פונם פּראָפעסאר פון מאַטעמאַטיק, האָט זי באַך די ערשטע באַגרי-סונגען, אַרויסגעלאָזט א זיפץ, נישט פון אַ באַעוולהטער, נאָר פון אַ קריגערישער פרוי.

און בעתביידע אוניווערזיטעטס-דאַמען האבן זיך צוגע-הערט צו אירע זיפצן, האָט זי צוגעגעבן:

— דעם מענטשן פעלט נישט קיין סבות צו זיין טרויע-ריק אין לעבן, באַזונדערס, ווען מ׳קאָן פון דער נאַטור נישט אַלץ אָננעמען פאר ליב... איר זענט גליקלעך, איר, מאדאַם לעטעריע! און איר אויך, מאדאַם קאָמפּאַניאָן!...

און מאדאס בערזשערע, אַ דיסקרעטע, אַ באשיידענע און אַ שעמעוודיקע, האט שוין מער נישט אויסגערעדט קיין וואָרט, נישט געקוקט אויף די נייגיריקע בליקן, וואס זענען געווען געווענדעט אויף איר. אָבער דאָס אליין איז שוין געווען גענוג,

מ׳זאָל פארשטיין, אז אין דער היים האָט מען איר במאס גע-
מאכט דאס לעבן און דערנידריקט איר כבוד.

אין שטאָט פלעגט מען זיך איבערגעבן בסוד וועגן די
אינטימע באציונגען צווישן דעם ה׳ רו און מאדאם בערזשערע.
זינט יענעם טאָג האָט מאדאם לעטעריע אָפגעשטעלט די רכילות-
קאמפאַניע קעגן איר; זי האט פארזיכערט, אז ה׳ רו איז אַ
דזשענטלמאַן. און בעת מ׳האט גערעדט וועגן מאדאַם בערזשע-
רע, פלעגט זי זיך אָנרופן מיט פייכטע ליפן און פארטרערטע
אויגן:

— די דאָזיקע אָרעמע פרוי איז זייער אומגליקלעך און
גאָר סימפאטיש.

אין זעקס וואָכן אַרום האָט די גאַנצע שטאָט געוווּסט וועגן
די באַציונגען צווישן מאַדאַם בערזשערע און ה׳ רו, און נאַ-
טירלעך האָבן זיך אַלע אַרויסגעזאָגט לטובת מאַדאם בערזשערע.
מ׳האָט ארויסגעלאזט אַ קלאנג, אז ה׳ בערזשערע, וואס פלעגט
נישט מאכן קיין וויזיטן, איז געווען אַ שלעכטער מענטש. מ׳האט
אים חושד געווען אין פינצטערע און פארבארגענע פארברעכנס.
און ה׳ מאורן, זיין פריינד, זיין חבר פונם וינקל אין פאיאס
אקאדעמיע, האט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האט אים אנומלט אין
אוונט געזעען אַריינגיין אינם קאפע אויף דער גאס דע העב-
דאמאדיע, וואס האט געהאט אַ שלעכטן שם.

אין דער זעלבער צייט, בעת ה׳ בערזשערע איז פאר-
אורטיילט געוואָרן דורך די העכערע ספערן, האט ער געהאט
אַ גאַנץ אַנדערע רעפּוטאַציע ביי די ברייטע פאלקס-שיכטן. פון
דער אומגעלומפּערטער און סימבאלישער קאַריקאַטור, געצייכנט
אויפן פאסאד פון זיין וווינונג, זענען פארבליבן נישט מער
ווי אומדייטלעכע שפּורן.

דערפאַר האָבן אַזעלכע ענלעכע שמירערייען זיך אָנגעהויבן
גאָר אָפט צו באַווייזן אין פארשידענע טיילן פון שטאָט,
און ה׳ בערזשערע האָט שוין מער נישט געקענט גיין אין
אוניווערזיטעט אריין, אויפן מארק-פּלאַץ אָדער צו פּאַיאָן, אז
ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן אויף אַ וואַנט, ווו צווישן אויסי

געלאַסענע, ערנסטישע און טריוויאַלע אויפשריפטן, האָט זיך אַרויסגעזעצן זיין בילד, געצייכנט מיט אַ בליישטיפט, מיט קויל אָדער אויסגעקריצט מיט אַ שפּיציק מעסערל, און באַגלייט מיט אַנטשפּרעכנדע קאָמענטאַרן.

ה׳ בערזשערע פלעגט באַטראַכטן די דאָזיקע צייכנונגען אָן כּעס און צערודערונג, אים האָט בלויז באַאומרויקט זייער צאָל, וואָס האָט זיך כּסדר פאַרגרעסערט.

איין קאַריקאַטור איז געווען אויסגעמאָלט אויף דער ווייסער וואַנט פון דער מעלקעריי פון גובאָ אויף דער גאַס דע טען-טעלערי; אַ צווייטע האָט ער באַמערקט אויפן געלן פּאַסאַד פון דער דעניזאָ-אַגענטור אויפן פּלאַץ פון הייליקן עקזופּער; א דריטע —ביים גרויסן טעאַטער אונטערן פלאַן ביים צווייטן קאַסע-פענצטערל; אַ פערטע — אויפן עק פון דער גאַס דע לאַ פּאָם און דעם פּלאַץ די וויע-מאַרשע; איינע — אויף די מויערן פון האָטעל ביוער, לעבן דעם וווינונג פון דע גראַ-מאָנס; אַ צווייטע ביים אוניווערזיטעט, לעבן דער וווינונג פון וועכטער; אַן אַנדערע—אויף די מויערן פון דעם פּרעפעקטור-גאָרטן.

יעדן פרימאָרגן פלעגט ה׳ בערזשערע אַנטפלעקן אַלץ מער נייע קאַריקאַטורן. ער האָט באַמערקט, אַז די „גראַפיטי״ זענען נישט געווען געצייכנט פון איין און דער זעלבער האַנט. אויף אייניקע פון זיי, פלעגט די מענטשלעכע געשטאַלט געצייכנט ווערן אין אַן אומבאַהאָלפענער פאָרם; אַנדערע ווידער זענען גע-צייכנט געוואָרן מיט מער זאָרגעוודיקייט, פונדעסטוועגן האָט קיין איינע פון זיי נישט געהאַט די מינדעסטע ענלעכקייט מיטן אָריגינאַל. אָלע האָבן זיך באַמיט אויסצוגלייכן די נישט גענויקייט פון דער צייכנונג מיט געהעריקע אויפשריפטן, און אויף אַלע פאַלקס-קאַריקאַטורן האָט ה׳ בערזשערע געהאַט הער-נער אויפן קאָפּ. ער האָט באַמערקט, אַז אָפטמאָל זענען די הערנער אַרויסגעוואַקן פון נאַקעטן שאַרבן, און טיילמאָל ווידער האָבן זיי אַרויסגעשטאַרט פון זיין הויכן צילינדער

— צוויי אַרטיסטישע שולן! — האָט ער געטראַכט.

ער האָט אָבער שטאַרק דערפון געליטן.

X

ה' ווארמס-קלאוועלען האט פארהאיטן ביי זיך אויף אָנ־בייסן זיין אלטן חבר, זשארזש פרעמאן, אינספעקטאר פון דע־פארטאמענט פאַר שיינער קונסט, וואָס האָט גראָד געמאַכט אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ.

בעת זיי האָבן זיך באקאָנט אויפן מאָנמאַרטר, אין די אַטעליעס פון די מאָלער, איז ה' וואָרמס-קלאַוועלען געווען נאָך גאָר יונג און פרעמאָן נאָך יונגער. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמע אידעע און קיין שום פראַגע זענען זיי קיינמאָל נישט נעקומען צו אַ הסכם. פרעמאָן האָט ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן. וואָרמס-קלאָוועלען האָט קוים געליטן די פּאָלעמיק; פרעמאָן איז געווען אַ היציקער און ליב געהאַט א סך צו רעדן, וואָרמס-קלאַוועלען האָט זיך קיינמאָל נישט אויפגערעגט און גע־רעדט זייער ווייניק. זיי זענען געוואָרן גוטע פריינד, שפּעטער האָט זיי דאָס לעבן צעשיידט.

יעדעס מאָל אָבער בעת זיי האבן זיך באגעגנט, פלעגט זייער גוטברודערשאַפט ווידער אויפלעבן, און זיי פלעגן זיך מיט פארגעניגן קריגן און איבערשפארן איינער דעם אנדערן. זשאָרזש פרעמאן האט זיך שוין אנגעהויבן אביסל צו עלטערן און באקומען א בייכל; ער האט געהאַט א גוטן, פארזיכערטן פאסטן און איז געווען דעקאָרירט מיט א ריי ארדערן. פונדעסטוועגן זענען אים נאך פארבליבן די רעשטלעך פון זיין אמאליקן היציקן טעמפּעראמענט.

יענעם פרימארגן איז ער געזעסןביים טיש, צווישן מאדאם ווארמס-קלאוועלען אין איר פעניוואַר און ה׳ ווארמס-קלאוועלען, וואס איז געווען אנגעטון אין בלויזן ווערסטל. ער האט פארציילט דער ווירטין, אז ער האט געפונען אויפן מויזי-בוידעם, צווישן א בארג שטויב און פארשידענע שברי-כלים, א קליינע הילצערנע סטאטועטקע אין א ריינעם פראנצויזישן סטיל, א הייליקע קאטערינע, געקליידט ווי א בירגערין פון פופצנטן יארהונדערט.

זי האט געהאט א קליינע פיגור, איר געזיכט האט זיך אויסגעצייכנט מיט אזא צארטן אויסדרוק, מיט אזוי פיל שכלדיקייט און ארנטלעכקייט, אז ביי איר אנבליק האט אים אזש אנגענומען א חשק זיך צוצווייגען.

דער פרעפעקט האָט געפרעגט, צי דאס איז געווען א סטאטועטקע אדער אַ בילד. זשארזש פרעמאן, וואס האט זיך צו אים באצוינגן מיט א פריינדלעכן ביטול, האט מילד געענטפערט:

— ווארמס, פראביר נישט צו פארשטיין דאס, וואס איך פארצייל דיין פרוי! דו ביסט פולשטענדיק אומפעיק צו באגרייפן דאס שיינע, אלץ איינס, אין וועלכער פארם עס אנטפלעקט זיך. דו וועסט קיינמאל נישט האָבן קיין פארשטענדניש פאר די הארמאנישע ליניעס און ד איידעלע געדאנקען.

ה׳ ווארמס-קלאוועלען האָט געהויבן מיט די פלייצעס;

— שווייג, דו קאָמונאַר!

זשאָרזש פרעמאָן איז אין דער אמתן געווען אַ געוועזענער קאָמונאַר. אַ קינד פון פאַריז, אַ זון פון אַ מעבל-פאַבריקאַנט אין דער פאָרשטאָט סען-אַנטוען, אַ שילער פון דער קונסט-אַקאַדעמיע, האָט ער בשעת דער דייטשער אינוואזיע אין עלטער פון צוואַנציק יאָר זיך פאַרשריבן אין אַ באַטאַליאָן פון פריי־וויליקע שיסער, פון וועלכן די פאַרטיידיקונג האָט אָבער נישט געהאַט קיין נוצן.

פרעמאָן האָט קיינמאָל נישט מוחל געווען דעם גענעראַל טראָשי די דאָזיקע גרינגשעצונג. בעת דער קאַפּיטולאַציע איז ער געווען איינער פון די היציקסטע און פלאַמענדיקסטע פאַ־

טריאָטן און צוזאַמען מיט אַנדערע האָט ער געשריגן, אַז פּאַרי איז פאַרראַטן געוואָרן. מחמת דעם, וואָס ער איז נישט געווען קיין נאַר, האָט ער דערמיט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פּאַריז איז שלעכט פאַרטיידיקט געוואָרן, וואָס איז לחלוטין נישט געווען פאַלש. ער איז געווען פאַרן קריג ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט.

אַז די קאָמונע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז ער צו־געשטאַנען צו דער רעוואָלוציע. אויפן פאָרשלאַג פון זיין פּאַ־טערס אַ געוועזענעם אַרבעטער, דעם בירגער שאַרליע, איז ער דעלעגירט געוואָרן אין דער קונסט־אָפּטיילונג און נאָמינירט געוואָרן אויפן פּאָסטן פון וויצע־דירעקטאָר פון לוווּר־מוזיי.

זיינע פונקציעס זענען נישט באַצאָלט געוואָרן. ער פלעגט זיי אויספירן אין הויכע שטיוול, אין אַ טיראָלישן הוט מיט פע־דערן אויפן קאָפּ. שוין אין די ערשטע טעג פון דער אינוואַ־זיע האָט מען אַראָפּגענומען אַלע לייוונטער, איינגעפּאַקט זיי אין קאַסטנס און איבערגעפירט אין די מאַגאַזינען, וווּ מ׳האָט זיי שפּעטער מער נישט געקאָנט געפינען. ס׳איז אים נישט פאַר־בליבן עפּעס אַנדערש, ווי צו רויכערן ליולקעס אויף די גאַ־לעריעס, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קאַזאַרמעס און צו שמועסן מיט די בירגער פון דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, פאַר וועלכע ער האָט זיך באַקלאָגט אויף באַדענגעטן, אַז ער האָט אויף אַ נאַרישן אופן פאַרניכטעט די בילדער פון רובענס, וואָרים ער האָט געהייסן אַראָפּנעמען פון זיי די פאַרב.

די דאָזיקע באַשולדיקונג זיינע האָט זיך געשטיצט אויף די מעלדונגען פון אַ געוויסער צייטונג און די רייד פון ה׳ וויטע. די גוואַרדיסטן האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, זיצנדיק אויף קליינע בענקלעך, מיט די ביקסן צווישן די פיס און גע־זופּט גאַנצע קוואַרטן, וואָרים אין פּאַלאַץ איז געווען זייער הייס; אָבער אַז די ווערסאַלער האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פּאַריז דורך די צעשאָסענע טויערן פון פּוען־די־זשור, און די שיסעריי האָט זיך וואָס אַמאָל דערנענטערט צום טיולערי־פּאַלאַץ, האָט זשאָרש פּרעמאָז דערזעען מיט שרעק, ווי די נאַציאָנאַל־גוואַר־

דיסטן קאָלערן אריין פּצסלעך נאפּט אויף דער גאַלעריע פּון אַפּאַללאַ. מיט גרויס מי איז אים געלונגען זיי אפּצוהאַלטן פון באַגיסן די בוּאַזועריעס מיט נאפט און זיי אונטערצוצינדן, דערנאָך האט ער זיי געגעבן צו טרינקען און זיי אהיימגעשיקט. נאָך זייער אוועקגיין, האט ער מיט דער הילף פון די באָנאַפּארטיסטישע דינער אראָפּגעקאָלערט די פּעפּלעך ברען-מאַטעריאַל איבער די שטיגן און זיי אראָפּגעשטופּט ביז צום ברעג פון דער סענע.

דער פּולקאָווניק פון דער נאַציאָנאַל-גוואַרדיע איז געוויר געוואָרן וועגן דעם און ער האט חושד געווען פּרעמאָנען, אַז ער האט פאַרראַטן די פּאָלקס-אינטערעסן; ער האט ארויסגעגעבן אַ באַפעל אים צו דערשיסן.

די ווערסאַלער האָבן זיך אָבער כסדר דערנענטערט, און בעת די טיולערי זענען געשטאַנען אין פלאַמען און אין רויך, איז פּרעמאַן גוטברודעריש אַנטלאָפן צוזאַמען מיטן פּלוטאָן זעלנער, וואס האט געזאָלט אויספירן איבער אים די עקזעקוציע. אויפצומאַרגנס האט מען אים געמסרט פאַר די ווערסאַלער, עס איז ארויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל צו זוכן אים, ווי איינעם, וואס האט גענומען אַנטייל אינעם אויפשטאַנד קעגן דער לעגאַלער מאַכט.

און עס האט זיך דאָך פשוט געוואָרפן אין די אויגן, אַז די ווערסאַל-רעגירונג איז געווען אַ געזעצלעכע און אַ לעגאַלע, וואָרים זי איז געקומען צו דער מאַכט דעם פערטן סעפּטעמבער 1870, באַלד נאָך דער ירידה פון דער אימפּעריע; זי טאַקע האט איבערגענומען און פאַרבאַהאַלטן די לעגאַלע פאָרמען פון פריערדיקן רעזשים, בעת די קאָמונע, וואס איר איז קיינמאָל נישט געלונגען זיך צו פאַרזיכערן די טעלעגראַפישע קאָמוניקאַציע, און וועלכע קיין שום רעגירונג קאָן זיך נישט לעגאַליזירן, האט זיך געפונען, אַ צעהרגעטע און אַ צעטרעטענע, אין אַ צושטאַנד פון עקסטרעמער אומלעגאַליטעט.

נאָך מער, די קאמונע איז אנטשטאַנען פון אַ רעוואָלוציע קעגן שונא, און די רעגירונג פון ווערסאַל האט איר בשום

אומן נישט געקאָנט מוחל זיין די דאזיקע אפשטאמונג, וואָס האט אזוי דערמאנט אירע אייגענע התחלות. דערפון נעמט זיך עס, וואס א קאפיטאַן פון דער זיגרייכער ארמעע, באשעפטיקט ביים אויסשיסן די אויפשטענדיקע אין לוויר-קווארטאל, האט גע־הייסן זוכן זשארש פרעמאנען, כדי אים צו דערשיסן.

בינו לבינו האט זשאָרזש פרעמאָן צוזאמען מיטן בירגער שארליע, מיטגליד פון דער קאמונע זיך אויסבאהאלטן אין משך פון פופצן טעג אין א דאך־שטיבל פון א הויז אין באסטיליע־קווארטאל, דערנאָך איז ער ארויס בגנבה פון דער שטאט, אין א בלוזע, מיט א בייטש אין דער האנט, אין דער באגלייטונג פון א וועגעלע מיט גרינווארג.

און אין דער זעלבער צייט, סעת דאס קריגס-געריכט אין ווערסאל, האט אים פארמשפעט אויף טויט, האט ער פארדינט אויף זיין לעבן אין לאנדאן און צונויפגעשטעלט א קאַטאַלאָג פון אלע ווערק פון ראָולאַנדסאָן פאר א רייכן קונסט-אמאטאָר פון דער סיטי *). אן אינטעליגענטער, אן ארבעטסזאמער, זייער אַן אָרנטלעכער, האָט ער גאָר אין אַ קורצער צייט זיך פאר־שאַפן די אַכטונג פון די ענגלישע ארטיסטישע קרייזן. ער האָט ליידנשאפטלעך ליב געהאט די קונסט, און די פאָליטיק האט אים לגמרי נישט אינטערעסירט.

ער איז פארבליבן אַ קאָמונאַר צוליב לאָיאַליטעט, וואָרים ער האט זיך געשעמט אוועקצווארפן זיינע באזיגטע פריינד. ער פלעגט זיך אָבער קליידן זייער עלעגאַנט און באזוכן די אריס־טאָקראַטישע סאָלאָנען. ער האָט געאַרבעט זייער פיל און גע־ווּסט ווי ארויסצוציען אַ נוצן פון זיין אַרבעט. זיין „ווערטער־בוך פון מאָנאָגראַמען" האט אים פארשאפן אַ פיינע רעפּוטאַציע און אים איינגעבראכט א ביסל געלט.

בעת די לעצטע שפּורן פון די ציווילע אומרוען זענען באזייטיקט געוואָרן, בעת ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַן אמ־

---

*) סיטי — דער קוואַרטאַל פון די גרויסע פינאַנסיסטן און באַנ־קירן אין לאָנדאָן. (באמ. פּ. איבערזעצער)

געסטיע אויפן פארשלאַג פון אָרנטלעכן גאַמבעטאַ, איז אַ געוויס־ פּרימאָרגן אויסגעשטיגן אין בולאָן אַ שמייכלענדיקער, סימפּאַטי־ שער און שטאָלצער דזשענטלמאַן; ער איז נאָך גאָרניט געווען יונג, הגם זיין פּנים האָט געהאַט אַן עטוואָס מידן אויסדרוק, און צווישן זיינע האָר האָבן זיך געשלענגלט אייניקע גרויע האָר. ער איז געווען געקליידעט אין אַ רייזע-קאָסטיום און גע־ האַלטן אין האַנט אַ פּולע וואַליזע מיט צייטונגען און מאַ־ נוסקריפּטן.

זשאָרזש פרעמאַן האָט זיך באַשיידן איינגעאָרדנט אויפן מאַנמאַרטער און גאָר אין גיכן האָט ער זיך פאַרשאַפט אַ סך פריינד צווישן די קינסטלער. אָבער די אַרבעטן, פון וועלכע ער האָט געצויגן חיונה אין ענגלאַנד, האָבן אין פראַנקרייך בלויז פאַרשאַפט נחת-רוח זיין אייגנליבע.

גאַמבעטאַ האָט אים באַשטימט אויפן פּאָסטן פון וויצע־ אינספּעקטאָר פון די מוזייען. פרעמאַן האָט אויסגעפירט זיינע פונקציעס מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און געניטנהאַפטיקייט. ער האָט געהאַט אַ פיינעם, אויפריכטיקן געשמאַק פאַר קונסט. די נערוועזע עמפּפינדלעכקייט זיינע, וואָס איז אין דער יוגנט גע־ רירט געוואָרן פון די צרות פון פּאַטערלאַנד, די איז אין עלטערע יאָרן נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן לגבי די סאָציאַלע נויטן, און זי האָט זיך אינטערעסירט מיט די עלעגאַנטע אויסדריקן פון דער מענטשלעכער נשמה, מיט די אויסגעצייכנטע פאָרמען, שיינע ליניעס און העראָישע פיגורן. דערביי איז ער געווען אַ פּאַטריאָט אפילו אין דער קונסט, ער פלעגט נישט חוזק מאַכן פון דער בורגונדישער קונסט-שולע און ער איז געווען געטריי דער פּאָליטיק פון גאַמבעטאַ, איבערצייגט, אַז פראַנקרייך וועט ברענגען דער וועלט די פרייהייט און דעם יושר.

— אַלטער קאַמונאַר! — האָט דער פּרעפעקט וואָרמס־ קלאַווען זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניקע.

— שווייג, וואָרמס! דו האָסט אַ געוויינלעכע נשמה און אַן אויבערפלעכלעכן שכל. דו אַליין פאַר זיך באַדייטסט גאָר־

נישט. די ביזט אבער רעפרעזענטאטיוו, ווי מ׳דריקט זיך היינט אויס.

— יושרדיקע הימלען ! אזוי פיל קרבנות זענען אומגעקומען אין איין יאָרהונדערט פון ציוויל-מלחמות, כדי ה׳ וואָרמס-קלאווע-לען זאל ווערן פרעפעקט פון דער רעפובליק ! וואָרמס, די ביסט צומאָל נישט דערוואָקסן צו דער מדרגה פון די פרע-פעקטן אין די צייטן פון דער אימפעריע.

— די אימפעריע, — האט געענטפערט ה׳ וואָרמס-קלא-וועלען, — איך פאראורטייל די אימפעריע ! לכתחלה האט זי אונז צוגעפירט ביז צום אָפגרונט, און איבריקנס איך בין א פונקציאנאר. סוף כל סוף האדעוועט מען איצט ווייניגער, מ׳קול-טווירט תבואות ווי אמאָל, בעת די צייטן פון דער אימפעריע, מ׳ארבעט אויף דער בערזע, ווי בשעת דער אימפעריע, מ׳טרינקט מ׳עסט, מ׳לאָזט זיך ווילגיין, און מ׳האָט ליב ווי בשעת דער אימפעריע.

„אין תוך גענומען איז דאָס לעבן אלעמאָל דאָס זעלבע. ווי זשע האבן די אַדמיניסטראַציע און די רעגירונג זיך געקענט ענדערן מיט אמאָל ? ס׳זענען בלויז פאראן ניואַנסן, דאָ שטעקט דער אונטערשיד, די פאַרשטייסט. מיר האבן מער פרייהייט, ווי אמאָל, מיר האָבן זי נאָך צופיל.

„מיר זענען צופיל זיכער מיטן לעבן. מיר לעבן אין א רעזשים, וואָס איז אין הסכם מיט די פאַלקס-אַספיראציעס. מיר זענען די באַלעבאַטים פון אונזער אייגענעם גורל, נאטירלעך אין די גרענעצן פון מעגלעכקייט. אַלע סאציאלע כוחות זענען מער ווייניק אין א צושטאנד פון גלייכגעוויכט. ווייז מיר כאָטש עפּעס, האָס מ׳וואלט געקאָנט ענדערן. אפשר אמאָל די קאָליר פון די פאסט-מארקן... און דאס נאך !... ווי ס׳פלעגט זיך אויסדריקן דער אלטער מאנטעסי !

„ניין, מיין פריינד, חוץ דעם, וואָס מ׳וואָלט באדארפט ענדערן די פראנצוויזן, איז אין פראנקרייך גאָרנישט פאַראַן וואס צו ענדערן. איך בין בלי ספק אַ פראָגרעסיסט. מ׳דארף זאגן, אז מ׳גייט פאראויס, בלויז דערפאר, כדי מ׳זאָל נישט

דארפֿן באמת זיך רוקן פֿאראויס. „לאמיר גיין פֿאראויס, פֿאר־אויס !... אַט די דאזיקע מארסעליעזע איז אונז צונויף געקומען, כּדי נישט צו גיין אויפֿן פֿראנט !...

זשאָרזש פֿרעמאַן האט באטראכט דעם פֿרעפֿעקט מיט אַ פֿריינדלעכן, הארציקן חווק־בליק און מיט טיפֿער אויפֿמערק־זאמקייט :

— אלץ גייט כּשורה, נישט וואָר, וואָרמס ?

— מאַך נישט פֿון מיר קיין נאר. ס'איז נישט פֿאראַן קיין פֿולקאָמקייט ; אלץ אבער צוזאמען האלט זיך, קרייצט זיך פֿונאנדער און האלט אונטער אײנס דאָס אנדערע. דאס איז פּונקט, ווי די מויערן פֿון פּעטער מילאָ, וואס דו זעסט פֿון דאַנען, הינטער דער אָראַנזשעריי. זי איז צעפּלאצט, צעבראכן און האלט ביים איינפֿאלן. זינט גאנצע דרייסיק יאר שטעלט זיך אפּ דער שוטה קאַטרבאַרב, דער ארכיטעקט פֿון דער דיעצעזיע, פֿאר מילאס וווינונג, ער שנאַפּט מיט דער נאז, די הענט האלט ער הינטער די פּלייצעס, די פּיס צעשפּרייט, און זאגט : „כ'ווייס נישט, ווי אזוי דאס קאן זיך האלטן !”

די קליינע קונדסים, וואס גייען ארויס פֿון שולע, שפּעטן אים נאָך און מאכן נאָך זיין הייזעריקן קול : „כ'ווייס נישט באמת, ווי אזוי דאס קאן זיך האלטן !”

די מויער האלט זיך מחמת דעם, וואס קיינער רירט זיך נישט צו צו איר, מחמת דעם וואס דער פּעטער מילא לאָזט נישט צו צו זיך נישט קיין מויערער, נישט קיין ארכיטעקטן, און היפּטזעכלעך דערפֿאַר, וואָס ער פֿרעגט נישט קיין עצה ביים הער קאַרטבאַרב. די מויער פֿאַלט נישט איין, ווייל זי איז ביז איצט נישט איינגעפֿאלן. אַלץ האלט זיך ביי אונז, אלטער פֿאנטאזיאָר, מחמת דעם, וואָס מ'רעפֿארמירט נישט די שטייערן און מ'רעווידירט נישט די קאָנסטיטוציע.

— דאָס הייסט, אַז עס האַלט זיך אויף פֿאַלשקייט און אומגערעכטיקייט, — האָט געענטפֿערט זשאָרזש פֿרעמאַן — מיר זינקען אין אַ תהום פֿון חרפּה. אונזערע פֿינאַנס־מיניסטאָרן פֿירן אויס די באַפֿעלן פֿון קאָסמאָפּאָליטישע באַנקירן, צוואָן

טרויעריריקסטן איז דאָס, וואָס פראגקרייך, די אַלטע באַפרייערין פון פעלקער, האָט אין זינען די אינטערעסן פון די באַטיטלטע לייט אין אייראָפּע.

„מיר האָבן דערלאָזט, נישט האָבנדיק אפילו די העזה אויפצוּצאַפּלען אויסצושעכטן דריי הונדערט טויזנט קריסטן אויפן נאָענטן מזרח, וואָס מיר האָבן זיי לויט אונזערע ערווידיקע טראַדיציעס געדאַרפט צו באַשיצן. מיר האָבן פאַרראַטן אונזערע אינטערעסן צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„זע, אויף די וואַסערן פון קרעטאַ, שווימט די רעפּובליק אַרום צווישן מעכטיקע מלוכות, ווי אַ פערלהון אין אַ קאָמפּאַניע פון אַלבאַטראָסן. אָט צו וואָס עס האָט אונז געבראַכט דאָס חברן זיך מיט אַ באַפריינדעטער מלוכה!

דער פּרעפעקט האָט פּראָטעסטירט:

— פרעמאָן, דריק דיך נישט אויס שלעכט וועגן דעם פראַנצויזיש-רוסישן בונד. דאס איז די בעסטע וואַל-רעקלאַמע.

—דער פראַנצויזיש-רוסישער בונד—האָט פרעמאָן געענטפערט, פאָכענדיק מיטן גאָפּל, — איך האָב באַגריסט זיין געבוירט מיט אַ פריילעכער האָפנונג. ליידער! צי דערויף האָבן מיר זיך פאַרבונדן כדי באַלד ביי דער ערשטער פּראָבע מיטצוהעלפן דעם מערדערישן סולטאַן ביים אויסמאָרדן די קריסטן, וואָס זייער איינציקער חטא איז געווען אַ לאַנגדויערנדע נויט?

„נישט אין די אויגן פון רוסלאַנד, נאָר ביי די רייכע בענק, וואָס זענען אַנגאַזשירט אין די אָטאָמאַנישע אַקציעס, האָבן מיר געוואָלט גושא חן זיין. און מיר האָבן טאַקע דערלעבט דעם באַרימטן נצחון ביי קאַנעאַ, וואס איז באַגריסט געוואָרן מיט אַזא נאָבעלן ענטוזיאַזם דורך די יידישע פינאַנסיסטן.

— אָט טאַקע, — האָט אויסגערופן דער פרעפעקט, — אָט האָסטו דיר די פּאָליטיק פון געפיל! דו דאַרפסט דאָך אוודאי און אוודאי וויסן, וווהין זי פירט. איך פאַרשטיי נישט באמת, וואָס עס צווינגט דיך זיך צו אינטערעסירן מיט די גריכן. זיי זענען גאָר נישט אינטערעסאַנט.

— דו ביסט געדעבט, וואָרמס, — האָט געענטפערט דער אינספעקטאָר פון קונסט-דעפּאַרטאַמענט. — דו ביסט אינגאַנצן געדעכט. די גריכן זענען לחלוטין נישט אינטערעסאַנט. זיי זע־נען אָרעם. זיי האָבן נישט מער, ווי דעם בלויען ים, זייערע פּיאַלעטע באַרג-הויכקייטן און איבערבלייבענישן פון מערמל.. דער האָניג פון הימעט ווערט נישט נאָטירט אויף דער בערזע פאַר־קערט, די טערקן האָבן א גרעסערן ווערט פאַר אדער איירא־פּעישער פינאַנץ-וועלט. ס׳הערשט ביי זיי אן אומאָרדנונג, זיי זענען אָבער רייך. זיי צאָלן שלעכט, אָבער זיי צאָלן א סך. מ׳קאָן מיט זיי מאַכן געשעפטן. די קורסן שטייגן. אלץ איז אין אר־דנונג. אט פון וואס עס איז אָפּהענגיק אונזער אויסערלעכע פּאָליטיק.

ה׳ וואַרמס-קלאָוועלען האט אים לעבהאפט איבערגעריסן, און איבּ אנגעקוקט מיט א פארוווּרף אין בליק:

— זשאַרזש, זיי נישט אזוי פּעסימיסטיש געשטימט: דו ווייסט דאך גאַנץ גוט, אז מיר האבן נישט קיין אויסערלעכע פּאָליטיק, און מיר קענעז זי אויך נישט האבן.

XI

— ס'ווייזט אויס, אַז דאָס וועט געשעען מאָרגן, — האָט געזאָגט ה' דע טערמאַנדר, אַריינקומענדיק אין פּאַיאַס בוכהאַנדלונג.

יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער עקזעקוציע איבער לעקערן, דעם קצב־יונג, וואָס איז פאַרמשפּעט געוואָרן צום טויט דעם 27־טן נאָוועמבער פאַר דערמאָרדן די אַלמנה אוסיע.

דער דאָזיקער יונגער פאַרברעכער האָט אינטערעסירט די גאַנצע שטאָט. דער אויספאָרשונגס־ריכטער, אַ מענטש מיט פיינע און גאַלאַנטע מאַניערן, האָט פריינדלעך איינגעלאַדן אין תפיסה אַריין די דאַמען דעליאָן און דע גראַמאַנס, און זיי געוויזן דורכן פאַרקראַטעטן פענצטערל פון דער קאַמער דעם פאַרמשפּעטן, וואָס האָט געשפּילט אין קאָרטן מיטן תפיסה־וועכטער.

פון זיין זייט האָט דער תפיסה־דירעקטאָר, אָסיאַן קאָלאָ, אָפיציר פון דער אַקאַדעמיע, זייער גערן געוויזן דעם פאַרמשפּעטן פאַר אַ גרופּע זשורנאַליסטן און באַדייטנדע שטאָט־פּערזענלעכקייטן. ה' אָסיאַן קאָלאָ איז געווען זייער קאָמפּעטענט אין די פאַרשידנסטע עניגים פון שטראָף־קאָדעקס. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיין שטראָף־אַנשטאַלט, וואָס איז געווען איינגעאָרדנט לויט די נייעסטע כללים, און ער האָט פּשוט געחלשט נאָך אַ ביסל פּאָפּולאַריטעט. די באַזוכער פלעגן צוואָרפן לעקערן נייגיריקע בליקן און דערביי געטראַכט וועגן די משונהדיקע באַציונגען,

וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן דאָזיקן צדאָנציקיעריקן בחור און דער ניינציקיעריקער זקנה, וועלכע איז סוף-כל-סוף געפֿאַלן אַ קרבן פֿון איר תאווה. און זיי זענען געבליבן שטיין, ווי נאַ־ראָנים פֿאַר דער דאָזיקער פּאַרזענליש-חיה. אין דער זעלבער צייט האָט דער תפֿיסה-גלח, דער פּאַטער טאָבאַרי, פֿאַרציילט מיט טרערן אין די אויגן, אַז דער אָרעמער בחור ווייזט אַרויס אויפֿריכטיקע סימנים פֿון תשובה און פֿרומקייט.

בינו לבינו פֿלעגט לעקער, פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט, אין משך פֿון די ניינציק טעג, וואָס ער איז געזעסן אין תפֿיסה, שפּילן אין קאָרטן מיט זיינע וועכטער און קריגן זיך מיט זיי אין זייער אייגענעם דיאַלעקט, וואָרים סיי ער, און סיי זיי האָבן געשטאַמט פֿון די זעלבע געזעלשאַפֿטלעכע קרייזן.

זיין פֿעסט געבויטער הערקולעס-קאָרפּער איז ערגעץ פֿאַר־שווונדן און פֿון זיינע איינגעפֿאַלענע פּלייצעס האָט אַרויסגע־שטאַרט אַ דאַרער, אויסגעצווייגטער לאַנגער האַלז. אַלע האָבן מסכּים געווען דערויף, אַז די שׂנאה, באָרמהאַרציקייט און נייגיריקייט פֿון זיינע מיטבירגער האָט זיך שוין פֿולשטענדיק אויסגעשעפּט, און אַז מ'וואָלט באַדאַרפֿט מאַכן מיט אים אַן ענדע.

— מאָרגן זעקס אַ זייגער; כ'ווייס עס פֿון סירסו אַליין, — האָט צוגעגעבן ה' דע טערמאָנדר. — דער עשאַפֿאָט איז שוין אָנגעקומען אויפֿן וואָקזאַל.

— ס'איז נישט קיין אומגליק. — האָט זיך אָנגערופֿן דער דאָקטאָר פֿאָרנעראָל. — גאַנצע דריי נעכט וואָרט דער המון אויפֿן פּלאַץ פֿון עווע; ס'זענען אַפֿילו פֿאַרנאָטירט געוואָרן אייניקע אומגליקס-פֿאַלן. דער זון פֿון זשיליען איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ בוים און זיך צעבראָכן דעם שאַרבן. כ'האָב מורא, אַז כ'וועל אים נישט קענען אָפּראַטעווען.

— וואָס שייך דעם פֿאַרמשפּטן, — האָט דער דאָקטאָר ווייטער גערעדט, — ליגט שוין נישט אין כּוח פֿון קיינעמען, אַפֿילו פֿונעם רעפּובליק-פּרעזידענט אַליין, איבערצולאָזן אים ביים לעבן. דער דאָזיקער יונגער בחור, וואָס איז געווען

געזונט און שטאַרק אינם מאָמענט פון זיין אַרעסט, געפינט זיך איצט אינם לעצטן פעריאָד פון שווינדזוכט.

— איר האָט אים געזעען אין זיין קאַמער? — האָט פאַיאָ געפרעגט.

— איך האָב אים געזעען אַ סך מאָל,—האָט געענטפערט דער דאָקטאָר פאָרנעראָל, — איך האָב אים אפילו געהיילט, אויף דער בקשה פון ה׳ אָסיאַן קאָלאָ, וואָס זאָרגט זיך זייער שטאַרק כּאַרן מאָראַלישן און געזונט-צושטאַנד פון זיינע פענסיאָנאַרן.

— דאָס איז אַ פילאַנטראָפּ, — האָט געזאָגט ה׳ דע טערמאָנדר. — און מען מוז מודה זיין, אַז אונזער שטאָטישע תפיסה איז באמת ווערט באַוואונדערט צו ווערן, מיט אירע ווייסע, זויבערע קאַמערן, וואָס צעגייען זיך ווי שטראַלן פון איין צענטראַלן אָבסערוואַציאָנס-פּונקט; זיי זענען איינגעאָרדנט אויף אַזאַ אופן, אַז דער אַרעסטאַנט זעט נישט קיינעם, בעת ער איז אַלעמאָל אויפן אויג. ס׳איז נישטאָ וואָס צו זאָגן, אַלץ איז אין אונזער תפיסה געגוי דורכגעטראַכט, מאָדערן און געפינט זיך אויף אַ הויכן, פּראָגרעסיוון ניוואָ.

„פּאַראַיאָרן, בעת איך האָב אונטערגענומען אַ נסיעה איבער מאַראָקאָ, האָב איך געזעען אין טאַנזשער, אויף אַ הויף, וואָס איז געווען באַשאָטנט פון מויל‏בער-ביימער, אַן עלנטע געביידע פון בלאָטע און גיפּס, לעבן וועלכער עס האָט געדרימלט אַ ריזיקער נעגער אין שמאַטעס. ער איז געווען אַ זעלנער און אָנשטאָט אַ ביקס געווען באַוואָפנט מיט אַ שטעקן.

„דורך די שמאָלע פענצטערלעך פון דער געביידע האָבן אַרויסגעשטאַרט שמוציקע הענט, וואָס האָבן געהאַלטן געפלאָכטענע קיישלעך. דאָס זענען געווען אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן פון דער תפיסה אַרויס פאָרגעלייגט די דורכגייער פאַר אַ פּאָר גראָשן די פּראָדוקטן פון זייער אומגעלומפּערטער אַרבעט. מיט הייזעריקע קולות האָבן זיי געבעטלט און זיך געקלאָגט, און פון צייט צו צייט ארויסגעלאָזט פאַרשידענע קללות און ליאַרמענדיקע אויסגעשרייען. פאַרשלאָסן צוזאַמען איז אַ ברייטן זאַל, האָבן זיי

זיך געשטופּט ביי דער טיר, וואָרים אַלע האָבן געוואָלט אַרויס־טראָגן זייערע קיישלעך.

„זיי האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ ליאַרם, אַז זיי האָבן אויפגע־וועקט פון שלאָף דעם שוואַרצן זעלנער, וואָס האָט מיטן שטעקן געצווונגען די בעטנדיקע הענט זיך צוריקצוציען הינטער דער וואַנט. אין אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך באַלד ווידער באַוויזן אַנדערע העגט, ברוינע און געצייכנטע מיט בלויע פּאַסן.

„כ׳בין געווען זייער בייגיריק צו זען דורך די שפּאַרעס, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער תפיסה. איך האָב גע־זען אין דער טונקלקייט אַ מחנה מענטשן אין שמאַטעס, אויס־געצויגן אויף דער פייכטער ערד, בראָנזענע לייבער צעשפּרייט צווישן רויטע שמאַטעס, ערנסטע פּנימער אין טורבאַנען מיט גרויע בערד און פלינקע נעגערלעך, וואָס האָבן לאַכנדיק גע־פּלאָכטן קיישלעך.

„דאָ און דאָרט האָבן שמוציקע שמאַטעס באַדעקט אָנגע־שוואָלענע פיס, פון הינטער וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזעען געשווילעכצער און בלאָטערס, מ׳האָט געזעען, געהערט דאָס אַרומלויפן און דעם גערויש פון די ווערים. אַ שוואַרצע הון האָט גלעפּיקט מיטן שנאָבל די בלאָטיקע ערד.

„דער זעלנער האָט מיר דערלויבט צו אָבסערווירן די אַרעסטאַנטן וויפיל מיר האָט זיך נאָר געגלוסט, און אויסגעקוקט די רגע, ווען איך וועל אוועקגיין, כדי אויסצוציען די האַנט נאָך אַ מטבע. דעמאָלט איז מיר געקומען אויפן געדאַנק דער דירעקטאָר פון אונזער שיינער דעפּאַרטאַמענטאַלער תפיסה. און איך האָב אין האַרצן געטראַכט: „ווען אָסיאַן קאָלאָ וואָלט גע־קומען קיין טאַנזשער און דאָס אַלץ געזען, וואָלט ער זיך שרעקלעך אויפגערעגט צוליב דעם רעזשים אין דער דאָזיקער עקלהאַפטער, שמוציקער תפיסה.״

— אין אייער שילדערונג, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט — דערקען איך דעם באַרבאַריזם. ער איז נישט אַזוי אכזריות־דיק, ווי די ציוויליזאַציע. די מוזולמענישע אַרעסטאַנטן ליידן נאָר פון דער גלייכגילטיקייט און טיילמאָל פון דער ווילדקייט

פון זייערע יועכטער. לכל־הפחות האָבן זיי ווייניק וואָס מורא צו האָבן פאַר די פילאַנטראָפּן. זייער לעבן איז נאָך ווי עס איז צו דער־ליידן, וואָרים מ׳שליסט זיי נישט איין אין קיין באַזונדערע קאַ־מערן. יעדע תפיסה איז אַ גן־עדן אין פאַרגלייך מיטן קאַמער־סיסטעם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך אונזערע געלערנטע קרימינאַליסטן.

— די ציוויליזירטע פעלקער, — האָט ה׳ בערזשערע ווייטער גערעדט — צייכענען זיך אויס מיט אַ באַזונדערער, גרויזאַמער ווילדקייט, וואָס שטייגט איבער אין אכזריותדיקייט די פאַנטאַ־זיע פון די ווילדע מענטשן. אַ קרימינאַליסט איז אַ סך ערגער, ווי אַ ווילדער. אַ פילאַנטראָפּ טראַכט אויס יסורים, וואָס זענען אומבאַקאַנט אין פערסיע און אין כינע. דער פערסישער תליון הונגערט אויס זיינע ארעסטאַנטן.

„מ׳האָט אַזש באַדאַרפט צו האָבן אַ פילאַנטראָפּ, אַז ער זאָל אויסטראַכטן דעם טויט אין איינזאַמקייט. דערויף טאַקע שטיצן זיך די יסורים, וואָס מ׳האָט אויסצושטיין אין דער תפיסה־קאַמער. די דאָזיקע יסורים זענען אומפארגלייכלעך דורך זייער דויערהאַפטיקייט און גרויזאַמקייט. צום גליק ווערט דער אַרעסטאַנט משוגע, און זיין משוגעת נעמט ביי אים צו די פאַרשטענדיש פאַר זיינע יסורים. מ׳באַמיט זיך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע עקלהאַפטיקייט דערמיט, וואָס מען סעפּאַרירט אָפּ דעם פאַראורטיילטן פון די שלעכטע איינפלוסן פון זיינע חברים און אויף אַזאַ אופן דערלאָזט מען נישט, אז ער זאָל ווייטער באַגיין אוממאָראַלישע און פאַרברעכערישע טאַטן. די וואָס טראַכטן אַזוי זענען צו גרויסע שוטים, אז מ׳זאָל זיי אָננעמען פאר צבועקעס״.

—איר זענט גערעכט,—האט געזאגט ה׳ מאזור.—מיר דארפן אבער נישט זיין אומגערעכט לגבי אונזער צייט. די רעוואלוציע, וואס האט דורכגעפירט די געריכטס־רעפארם, האט באדייטנד פארבעסערט דעם גורל פן די ארעסטאנטן. די תפיסות בעתן אלטן רעזשים זענען געווען מערסטנטייל קויטיק און שווארץ.

— דאס איז אמת, — האט געענטפערט ה׳ בערזשערע,—

די מענטשן זענען אלעמאל געווען שלעכט און אכזריותדיק. און עס האט זיי אלעמאל פארשאפן א הנאה צו מאטערן די אומ־גליקלעכע. לכל-הפחות אבער, כל זמן עס זענען נישט געווען קיין פילאנטראפן, האט מען געמאטערט די מענטשן צוליב שנאה און נקמה, און נישט צו פארבעסערן זייערע מדות.

— איר פארגעסט — האט געזאָגט ה׳ מאַזור. — אַז דער מיטלאַלטער האָט געקענט די עקלהאפטע פילאַנטראָפּיע, די גייס־טיקע פילאַנטראָפּיע. וואָרים דעם דאָזיקן נאָמען פאַרדינט די אינסטיטוציע פון דער הייליקער אינקוויזיציע. דער דאָזיקער טריבונאַל האָט געשיקט אויפן שייטערהויפן די הערעטיקער מחמת ריינער באַרמהאַרציקייט, און בעת ער האָט מקריב געווען דעם גוף, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל מציל זיין די נשמה.

— די אינקוויזיציע — האָט ה׳ בערזשערע אים געענטפערט, — האט דאס נישט געזאגט, און עס אויך נישט געטראכט. וויקטאר הוגא האט טאקע געגלויבט, אז טארקמעוואדא האט געהייסן פאר־ברענען די מענטשן פאר זייער טובה וועגן, כדי פארן פרייז פון קורצע יסורים, צו פארזיכערן זיי דאס אייביקע גליק.

„אויפן יסוד פון דער דאָזיקער אידעע האָט ער אויפגע־בויט אַ דראַמע פול מיט אַנטיטעזן. די אידעע האַלט אָבער נישט אויס די מינדעסטע קריטיק, און איך באַגרייף נישט, ווי אַזוי האָט אַז אַ געלערנטער מענטש, ווי איר, וואָס האָט דורכ־געלייענט אַזוי פיל אַלטע פּאַרמעטן, זיך געקאָנט לאָזן פאַר־פירן דורך די ליגנס פון אַ דיכטער.

„דער אמת איז, אַז דער אינקוויזיציע־טריבונאַל האָט איבערגעגעבן די אפיקורסים צו די גייסטיקע געריכטן, און אָפּגעשניטן דעם קראַנקן גליד פון דער קירך אויס מורא, אַז דער גאַנצער קערפּער זאָל זיך נישט אָנשטעקן מיט דער קרענק. דעם אָפּגעשניטענעם אבר האָט מען איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. אַזאַ איז דער גייסט פון דער אינקוויזיציע. ער איז שרעקלעך, ער איז אָבער נישט ראָמאַנטיש. דער הייליקער טריבונאַל האָט אַרויסגעוויזן דאָס, וואָס איר רופט אַן ריכטיק, אַ גייסטיקע פילאַנטראָפּיע לגבי די „בעלי תשובה". ער פלעגט

זיי באַרמהאַרציק פאַרמשפּטן אויף אייביקע תּפיסה און פאַרמויערן אין די קאַמערן לטובת זייער נשמה. איך האָב אָבער געמיינט די ציווילע תּפיסות, וואָס האָבן עקזיסטירט אין מיטל־אַלטער און אין די מאָדערנע צייטן, ביז צו דער הערשאַפט פון לואי דעם פערצנטן.

— עס איז אמת, — האָט געזאָגט ה׳ דע טערמאַנדר, — אַז דער קאַמער־סיסטעם האָט נישט געגעבן די גליקלעכע רעזולטאַטן, וואס מ׳האט פון אים דערוואַרט מיטן צוועק צו מאַראַליזירן די פאַרמשפּעטע.

— דער דאזיקער סיסטעם, — האט זיך אנגערופן דער דאקטאר פארנעראל, — איז אפטמאל גורם גאַנץ ערנסטע גייסטיקע קראַנקהייטן. אויב מ׳וויל זיין גערעכט, מוז מען צוגעבן, אַז די פאַרברעכער זענען באַזונדערס גענייגט צו אַזעלכע מינים מוח־אויפטרייסלונגען. מ׳האַלט היינט, אַז דער פאַרברעכער איז אַ דעגענעראַט.

„אדאַנק דער פריינדלעכקייט פון ה׳ אָסיאַן קאָלא, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט צו שטודירן אונזער מערדער, דעם באַשולדיקטן לעקער. איך האב געפונען ביי אים געוויסע פּאַטאלאגישע סמנים.„ די ציין למשל זענען ביי אים נישט נארמאַל. דערפון קום איך צום אויספיר, אַז ער איז נישט אינגאַנצן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין פאַרברעכן.

— פונדעסטוועגן, — האט ה׳ בערזשערע געזאגט, — האט אַ שוועסטער פון מיטרידאטעס געהאט טאפּעלע שורות ציין אין יעדער קינבאק. און נישט געקוקט דערויף האט איר ברודער זי געהאלטן פאר אַ נישטדורכשניטלעכע נשמה. ער האט זי אזוי הייס ליב געהאט, אז בעת ער איז פארפאלגט געווארן פון לוקולוסן, האט ער געהייסן א שטומען שקלאף זי צו דערשטיקן, כדי זי זאל נישט ארייַנפאלן אין די הענט פון די רוימער.

„איר ברודער האט זיך נישט געהאט אפגענארט אזן איר. זי האט אויפגענומען דאס שטריקל מיט א פריילעכער רויקייט און געזאגט: געבענטשט זאל זיין מיין ברודער, דער קיניג,

וואס נישט געקוקט אויף די אים פארפאלגנדיקע צרות, האט ער פונדעסטוועגן נישט פארגעסן וועגן מיין כבוד.״ ווי איר זעט, קאן מען זיין א העלד און האבן אומנארמאלע ציין.

— דער באשולדיקטער לעקער, — האט געענטפערט דער דאקטאר, — צייכנט זיך אויס מיט נאך אנדערע אייגנארטיקייטן וואס האבן נישט קיין קליינע באדייטונג פארן וויסנשאפטס-מאן. ווי דער גרעסטער טייל געבוירענע פארברעכער, האט ער אויך אן אפגעטעמפטן עמפפינדלעכקייט-חוש. מיר איז אויסגעקומען אים געגנוי צו באטראכטן. זיין גאנצער קערפער איז טא-טוירט, און מ׳באוואונדערט פשוט די חושימדיקע פאנטאזיע, וואס האט געווירקט אויפן אויסוואל פון די סצענעס און די בילדער, געצייכנט אויף זיין הויט.

— טאקע ? — האט זיך אנגערופן ה׳ דע טערמאנדר.

— ס׳וואלט געווען זייער געוואונשן, — האט געזאגט דער דאקטאר פארנעראל. — אז די הויט פון דאזיקן באשול-דיקטן זאל ווי געהעריק פרעפארירט און קאנסערווירט ווערן אין אונזער מוזיי. איך וויל אייך אבער באזונדערס אויפ-מערקזאם מאכן נישט אויף דעם אינהאלט פון די טאטוירונגען, נאר אויף זייער צאל און פארטיילונג אויפן קערפער. געוויסע פאזן פון אזעלכע אפעראציעס וואלטן א מענטשן מיט א נאר-מאלן עמפפינדלעכקייט-חוש פארשאפן אזעלכע יסורים, אז ער וואלט זיי בשום אופן נישט געווען בכוח איבערצוטראגן.

— האלט, דא האב איך אייך ! — האט אויסגערופן ה׳ דע טערמאנדר. — מ׳זעט באלד, אז איר קענט נישט מיין פריינד זשיללי. ער איז דאך איבעריקנס געגנוג באקאנט. זשיללי האט אין דער פריער יוגנט, אין יאר 1885 אדער 1886 גע-מאכט א רייזע ארום דער וועלט צוזאמען מיט זיין פריינד לארד טערנברידזש, אויפן דעק פון יאכט „אלד פרענד״.

„זשיללי האט מיר געגעבן זיין ערן-ווארט, אז אין משך פון דער גאנצער רייזע, סיי בעת א גוט וועטער, סיי בעת א שטורעם, האבן סיי ער, סיי דער לארד אפילו אויף איין רגע נישט ארויסגעשטעלט דעם פוס אויפן בריקל, און די גאנצע

בייס זענען זיי עקשנותדיק געזעסן אין דער קאיוטע, טרינקענדיק שאמפאניער מיט אן אלטן ים-וואָלף פון דעם קיניגלעכן פלאָט, וואָס האָט זיינערצייט גענומען לעקציעס פון טאַטוירונג ביים ראש פון א טאסמאנישן שבט.

„דער דאָזיקער אַלטער ים-וואָלף האָט בשעת דער רייזע אויסטאטוירט מיינע ביידע פריינד פון קאָפּ ביז פיס. זשיללי האָט זיך צוריקגעקערט קיין פריינקרייך, און אויף זיין לייב איז געווען אויסגעמאָלט א יאגד אייף פיקסן, אין וועלכער עס באטייליקן זיך דריי הונדערט פיר און צוואנציק פערזאָנען: מענער, פרויען, פערד און הינט. ער ווייזט גערן זיין טאַטוירט לייב, בעת ער מאכט א גוטע כוסה אין א קאבארעט אין א בעסערער געזעלשאפט. איך ווייס נישט באמת צי מיין פריינד זשיללי האָט אן אָפּגעטעמפּטן עפּפינדלעכקייט-חוש. איך פארזיכער אייך אָבער, אז דאָס איז אן אָרגנטלעכער בחור און זייער א בנעימותדיקער, וואָס וואָלט נישט פעיק געווען...

— אויף אַזאַ אופן, הער דאָקטאָר, — האָט ה׳ בערזשערע אים איבערגעשלאָגן די רייד, — אויב איר האלט, אז ס׳זענען פאראן געבוירענע פארברעכער און איר זענט איבערצייגט, אז די פאראנטוואָרטלעכקייט פון קצב-יונג לעקער איז, ווי איר אליין דריקט אייך אויס, באגרענעצט דורך אן איינגעבוירענע ביייגונג צו פארברעכנס, צי האלט איר אויך פאר יושרדיק אים צו גילאָטינירן?

דער דאָקטאָר האָט געהויבן מיט די פּלייצעס.

— וואס וואלט איר געוואלט, מ׳זאל מיט אים טון?

— דעם אמת געזאגט, — האט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — אינטערעסירט מיך זייער ווייניק דער גורל פון דאזיקן פארשוין. איך בין אבער א קעגנער פון טויט-שטראף.

— גיט אונז אן אייערע סיבות, בערזשערע, — האט זיך אנגערופן דער ארכיוואר מאזור, וואס איז געווען א פארברענטער אנהענגער פון טעראר און פון יאר 1793, און געהאלטן, אז די גילאטינע צייכנט זיך אויס מיט א געהיימנישפולער קראפט און א מאראלישער שיינקייט. — איך בין פאר דער אפשאפונג פון

וויט-שטראף פאר געוויינלעכע פארברעכנס און פאר איר באַ-צייונג אין פאליטישע פארברעכנס.

ביי די רייד איז אין דער בוכהאנדלונג אריין ה׳ זשארזש פרעמאַן, דער אינספעקטאר פון קונסט-דעפּארטאמענט, וואס האט זיך אפגעשמועסט זיך צו זעען מיטן ה׳ טערמאנדר ביי פאיאן. זיי האבןביידע געזאלט צוזאמען באזוכן דאס הויז פון דער קיניגין מארגעריט.

ה׳ בערזשערע האָט באטראכט דעם ה׳ פרעמאַן מיט אַ געוויסן שרעק און זיך דערפילט נישטיק און קליין לגבי אַזא אָנ-געזעענער פערזענלעכקייט. ער האט זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאר קיין אידעען; ער איז אָבער געווען נישט דרייסט לגבי מענטשן.

ה׳ דע טערמאָנדר האט נישט געהאט ביי זיך דעם שליסל פון הויז. ער האט ארויסגעשיקט לעאָנען אים אויסצוזוכן און געבעטן דעם ה׳ פרעמאָנען זיך אוועקצוזעצן אין ווינקל.

— ה׳ בערזשערע, — האָט ער זיך געווענדעט צו אים, — האָט געגלייבט פאר אונז די תפיסות פון אמאָליקן רעזשים.

— חס וחלילה, — האט זיך אָנגערופן ה׳ בערזשערע, אַ ביסל צעטומלט, — חס וחלילה. דאָס זענען געווען מיסט-קאָסטנס. די אומגליקלעכע ארעסטאַנטן האָבן דאָרט אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, צוגעשמידט צו די ווענט. זיי זענען אָבער נישט געווען אליין; זיי האבן געהאט חברים. און די בירגער, הערן און דאמען, פלעגן זיי באזוכן. דאָס איז געווען איינע פון די זיבן בארמהארציקייט-מצוות. קיינער פרווט נישט צומאָל דאָס היינט צו טון, דער רעגולאַמין וואָלט דאָס איבריקנס נישט דערלויבט.

— דאָס איז אמת, — האָט געזאָגט ה׳ דע טערמאָנדר, — אין די אמאָליקע צייטן איז געווען דער מנהג צו באַזוכן די תפיסות; צווישן מיינע קאָלעקציעס איז פאראן אַ גראַוויור פון אברהם באָס, וואס אויף איר איז אויסגעמאָלט אַן אדלמאַן אין אַ הוט מיט פעדערן אין דער געזעלשאַפט פון אַ דאַמע אין אַ בערעט פון ווענעציאַנישע שפּיצן, אין אַ קלייד פון

בראָקאָט.ביידע געפינען זיך אין אַן אונטערערדישן גרוב, ווי עס קריכן ארום אויף אַלע פיר, עלנטע באשעפענישן אין עקלהאַפטע, שמוציקע שמאטעס.

די דאָזיקע גראַווירור איז אַ טייל פון אַ ציקל זיבן גראַווירן, וואָס איך פארמאָג אין אַן אלטער אויסגאַבע. און מ׳דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, וואָרים זינט יענער צייט האָט מען אַ סך פון זיי אָפּגעקלאַפּט אויף קופּערשטיכן.״

„— די באַזוכן אין די תפיסות, — האָט געזאָגט זשאָרש פרעמאָן, — זענען אָפט אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר דער קריסטלעכער קונסט אין איטאַליע, פלאַנדריע און אין פראַנקרייך. די דאָזיקע טעמע האָט מיט אַ שטאַרקן רעאַליסטישן אַקצענט אויסגעדריקט דעללאַ-ראָביאַ אויף אַ פריז פון קאָלירטע ליים-שטיינדלעך, וואָס באַצירט דאָס שפּיטאָל אין פּיסטאָיאַ... איר קענט פּיסטאָיאַ, ה׳ בערזשערע?

דער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור האָט געמוזט מודה זיין, אַז ער איז נישט געווען אין איטאַליע.

ה׳ דע טערמאָנדר, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער טיר, האָט זיך צוגערירט צו ה׳ פרעמאָנס אָרעם.

— הער פרעמאָן, גיט אַ קוק אויפן מאַרק, רעכטס פון דער קירך. איר וועט זעען די שענסטע פרוי פון אונזער שטאָט.

— דאָס איז מאַדאַם דע גראָמאַנס, — האָט געזאָגט ה׳ בערזשערע. — זי איז אַ רייצנדע פרוי.

— זי דערלויבט, מ׳זאָל רעדן אַ סך וועגן איר, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ מאַזור. פון דער היים הייסט זי שאַפּאָן. איר פאָטער איז געווען אַ געריכטס-עקזעקוטאָר און דער קאַרגסטער פּראָצענטניק אין דעפּאַרטאַמענט. זי איז באמת אַן אַריסטאָקראַטישער טיפּ.

— דאָס, וואָס מ׳רופט אָן אַריסטאָקראַטישער טיפּ, — האָט געזאָגט זשאָרזש פרעמאָן, — איז בלויז אַ פּראָדוקט פון דער אימאַגינאַציע. ער פאַרמאָגט נישט אין זיך מער עטנישער ווירקלעכקייט, ווי דער קלאַסישער טיפּ פון אַ באַכאַנטין אָדער פון

דער מוזע. איך האָב מיך נישט איינמאָל געפרעגט, ווי אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער טיפּ פון דער אַריסטאָקראַטישער פרוי, ווי אַזוי איז ער פאַרפיקסירט געוואָרן אינם פאָלקס-באַוווסטזיין.

„ער קומט אַרויס, ווי מיר קומט פאָר, פון זייער פאַר-שידענע עלעמענטן. צווישן די דאָזיקע עלעמענטן וואָלט איך אָנגעוויזן אויף די אַרטיסטינס פון דער דראַמע און פון דער קאָמעדיע, אויף די קאָמעדיאַנטינס פון אַמאָליקן „גימנאַזיום" און פון „טעאַטר פראַנסע", ווי אויך אויף די אַרטיסטינס פון בולוואַר די קרים און פון פּאָרט-סען-מאַרטען, וואָס שטעלן פאָר זינט הונדערט יאָר פאַר אונזערע ספּעקטאַקל-ליבהאָבער פון פאָלק אומצייליקע עקזעמפּלאַרן פון פּרינצעסינס און גרויסע דאַ-מען. מ'דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט די מאָדעל-מיידלעך, לויט וועלכע די מאָדערנע מאָלער רעפּראָדוצירן די קיניגינס און פירשטינס אין זייערע היסטאָרישע בילדער.

„מ'דאַרף אויך נישט גרינגצושעצן דעם נאָך זייער פרישן, ווייניק פאַרשפּרייטן אָבער שטאַרק אַקטיוון איינפלוס פון די לעבעדיקע מאַנעקענס אין די גרויסע שניידער-מאַגאַזינען, פון יענע שיינע, שלאַנק געבויטע מיידלעך, וואָס טראָגן אויף זיך אַזוי גוט די טואַלעטע. די אַלע קאָמעדיאַנטינס, די מאָדעל-מיידלעך, די מיידלעך פון די גרויסע מאַגאַזינען, — זיי אַלע זענען קינדער פון פאָלק.

„איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אריס-טאָקראַטישער טיפּ האָט זיך געשאַפן אויסשליסלעך פונם חן פון די פאָלקס-מיידלעך. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס דער דאָזיקער טיפּ איז אויסגעדריקט אין מאַדאַם דע גראַמאַנס, פון דער היים שאַפאָן. זי פאַרמאָגט אַ סך גראַציע, אַ זעלטענע דערשיינונג אין אייערע שטעט מיט די שפּיציקע ברוקן און פאַרשמוציקטע טראָטואַרן, זי האַלט זיך זייער גוט ביים גיין. איך האָב אָבער אַ פאַרדאַכט, אַז זי האָט עטוואָס דאַרע היפטן. דאָס איז אַ וויכטיקער פעלער!"

ה' בערזשערע האָט אויפגעהויבן זיין נאָז פון דעם זיבן און דרייסיקסטן באַנד פון דער „אַלגעמיינער געשיכטע פון נסיעות"

ון באַטראכט מיט באַוווּנדערונג דעם דאָזיקן פּאַריזער מיט דער רויטער, פלאַמענדיקער באָרד, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַ ניכטערן, שטרענגן אורטייל וועגן דער צאַרטער שיינקייט און דער רייצנדער געשטאַלט פון מאַדאַם דע גראָמאַנס.

— איצט ווען איך קען שוין אייער געשמאַק, — האָט געזאָגט ה׳ דע טערמאנדר, — וועל איך אייך פאָרשטעלן פאַר מיין מומע קורטרע. זי איז גראָב און דיק און זיצן קאָן זי נאָר אין אַ געוויסן פאַמיליען-פאָטעל, וואָס נעמט אויף מיט פאַרגעניגן זינט דריי הונדערט יאָר אין זיינע אָפענע אָרעמס אַלע אַלטע דאַמען דע קורטרע-מעיאַן. וואָס שייך איר פנים, אַנטשפּרעכט עס אירע פאָרמען און איך האָף, אַז עס וועט זייער שטאַרק אויסנעמען ביי אייך. מיין מומע קורטרע האָט אַ פנים, רויט ווי אַ פּאָמידאָר, און בלאָנדע זייער שיינע וואָנסעס, וואָס הענגען נאַכלעסיק אַראָפּ. אָ! דער טיפּ פון מיין מומע האָט אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות צום טיפּ פון אייערע אַקטריסעס, פון אייערע מאָדעל-מיידלעך און מאַנעקענס.

— איך פיל שוין פון פאָראויס, אַז אייער מומע וועט מיר געפעלן ווערן, — האָט געזאָגט ה׳ פרעמאָן.

— אין אַמאָליקע צייטן, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ מאַזור — האָט אונזער פּראָווינציעלער אַדל געפירט אַ שטייגער לעבן, ווי עס לעבן היינט אונזערע גרויסע פּערמערס. זי מוז אויך האָבן אַ געוויסע ענלעכקייט צו זיי.

— זיכער איז, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר פאָרנעראָל, — אַז די ראַסע ווערט קאַליע.

— איר גלויבט טאַקע אַזוי ? — האָט געפרעגט ה׳ פרעמאָן. — אין פופצנטן און אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז דאָס שענסטע פונם ריטערטום אין איטאַליע און אין פראַנקרייך געווען זייער שוואַך געבויט. די פירשטלעכע וואָפנס פון סוף מיטלאַלטער און אָנהויב רענעסאַנס, פיין געשמידט און ציזעלירט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קונסט, זענען אַזוי שמאָל אין די פלייצעס און ענג אין דער טאַליע, אַז אַ היינטיקער מענטש וואלט זיד איי ייי זייער שלעכט געפילט. זיי אַלע

זענען כמעט געמאַכט געוואָרן פּאַר קליינע, דאָרע מענטשן. באמת, די פראַנצויזישע פּאָרטרעטן פון פופצנטן יאָרהונדערט און די מיניאַטורן פון יאָהאַן פוקע שטעלן פאר נישטיקע און שוואַכע מענטשן.

לעאָן האָט זיך צוריקגעקערט מיטן שליסל. ער איז געווען זייער געריירט.

— מאָרגן, — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין באַלעבאָס.

— דייבלער און זיינע געהילפן זענען אָנגעקומען מיט דער באַן האַלב פיר אַזייגער. זיי האבן זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריזער האָטעל. מ׳האָט זיי אָבער דאָרט נישט געוואָלט אויפנעמען. זיי זענען דעריבער אָפּגעשטיגן אין דער שענק אונטערן „בלויען פערד״, צופוסנס פון דער דיוראָק-הויכקייט, אַ שענק, ווו ס׳קומען זיך צונויף אַלע פינצטערע עלעמענטן.

— איך בין טאַקע געוויר געוואָרן היינט אין דערפרי אין דער פּרעפעקטור, — האָט געזאָגט ה׳ פּרעמאָן, — אַז מאָרגן וועט מען עמיצן קעפּן. אַלע רעדן נאָר וועגן דעם דאָזיקן ענין.

— מ׳האָט אזוי ווייניק מיט וואָס די צייט צו פאַרטרייבן אויף דער פּראָווינץ, — האָט ה׳ דע טערמאנדר געזאָגט.

— אָבער די עקזעקוציע אליין איז עקלהאַפט, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ בערזשערע. — מ׳פירט אויס אַ לעגאַלע עקזעקוציע ביינאַכט. צו וואָס טוט מען עס, אויב מ׳שעמט זיך דערמיט? דער פּרעזידענט גרעווי, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַדייטנדער אינטעליגענץ, האָט פּאַקטיש בטל געמאַכט די טויט-שטראָף, און קיינמאָל נישט צוגעלאָזט צו טויט-עקזעקוציעס. ליידער טוען זיינע יורשים נישט נאָך זיין ביישפּיל!

„די זיכערקייט פון יחיד אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט שטיצט זיך נישט אויף דער מורא פאַר טויטשטראָף. די טויט-שטראָף איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין אַ סך אייראָפּעישע לענדער. און נישט געקוקט דערויף איז דאָרט די צאָל פון די פאַרברעכנס לחלוטין נישט גרעסער, ווי אין די לענדער, ווו זי

עקזיסטירט נאָך אַלץ. אפילו דאָרט, ווו דער דאַזיקער מצב עקזיסטירט נאָך, ווערט ער אויך פון טאָג צו טאג שוואַכער און פארשווינדעט ביסלעכווייז. ער האָט שוין נישט קיין כוח, און נישט קיין באַדייטונג.

„דאָס איז אומנוצלעכע מיאוסקייט, וואָס האָט איבערגעלעבט איר פרינציפּ. די אידעען פון געזעצלעכקייט און גערעכטיקייט, וואָס מ'האָט אַמאָל אין זייער נאמען געקעמפט מיט אַ מאַיעסטעטישן זשעסט, זענען שטאַרק אונטערגעגראָבן געוואָרן דורך דער מאָראַל, וואָס שטיצט זיך אויף די נאַטור-וויסנשאַפטן. און אויב די טויט-שטראָף שטאַרבט אָפּ, וואָלט געווען זייער קלוג זי אינגאַנצן אָפּצושאַפן."

— איר זענט גערעכט, — האָט ה' פרעמאָן געזאָגט. — די טויט-שטראָף קאָן מען בכלל נישט טאָלעריִרן, זינט מ'האָט זי אויפגעהערט צו פאַרבינדן מיט דער תשובה-אידעע, וואָס איז דורכאויס אַ טעאָלאָגישע.

— דער פרעזידענט וואָלט דעם מערדער אויף זיכער באַגנעדיקט, — האָט לעאָן ערנסט געזאָגט,—דאָס פאַרברעכן איז אָבער געווען צו שרעקלעך.

— דאָס באַגנעדיקונגס-רעכט,—האָט ה' בערזשערע געזאָגט — איז געווען איינער פון די אַטריבוטן פון געטלעכן רעכט. דער קיניג פלעגט אָנווענדן דאָס דאָזיקע רעכט מחמת דעם, וואָס ער איז געשטאַנען איבער דער מענטשלעכער יוסטיץ, ווי דער פאָרשטייער פון גאָט אויף דער ערד.

„דאָס דאָזיקע רעכט, בעת עס איז איבערגעגאַנגען פון קיניג אויפן פרעזידענט פון דער רעפּובליק, האָט עס פאַרלוירן זיין פּרינציפּיעלן כאַראַקטער און לעגיטימיטעט. פון איצט אָן שטעלט עס פאָר מיט זיך אַ געוויסע געריכטס-פונקציע, וואָס געפינט זיך מחוץ פון דער יוסטיץ און נישט איבער איר; עס שאַפט אַן אַרביטראַזש-יוריסדיקציע, וואָס איז אומבאַקאַנט דעם געזעץ-געבער.

די אָנווענדונג פון דאָזיקן געזעץ איז אַריכטיקע, וואָרים זי ראַטעוועט די אומגליקלעכע פון טויט. נעמט אָבער אין באַטראַכט

אַז דאָס דאָזיקע געזעץ איז דערגאַנגען ביז צו אַן אַבסורד. די באַרהאַרציקייט פון קיניג איז געווען די מדת־הרחמים פון גאָט אַליין. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן דעם הערן עמיל פאַר, ווי אַ באַשאַנקענעם מיט געטלעכע אַטריבוטן? הער טיער, וואָס האָט זיך נישט געהאַלטן פאַרן גאָטגעזאַלבטן מושל, — ער איז באמת נישט געקרוינט געוואָרן אין דער ריימס־קאַטעדרע — האָט איבערגעטראָגן דאָס באַגנעדיקונגס־רעכט אויף אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט דעם אויפטראַג צו זיין באַרמהאַרציק אַנשטאָט אים.״

— זי האָט אויסגעפירט אירע פליכטן אויף אַ מיטלמעסיקן אופן, — האָט געזאָגט ה׳ פּרעמאָן.

אַ יונג זעלנערל איז אַריין אין בוכהאַנדלונג און געבעטן אַ בריוונשטעלער.

— די מאָדערנע ציוויליזאַציע, — האָט ה׳ בערזשערע ווייטער גערעדט, — האָט ביזן היינטיקן טאָג זיך נאָך נישט געקאָנט אָפּטרייסלען פון די רעשטלעך באַרבאַריזם. אונזער קריגס־קאָדעקס למשל וועט אין דער נאָגטסטער צייט פשוט ווערן פאַר אונז אומדערטרעגלעך.

„דער דאָזיקער קאָדעקס איז באַארבעט געוואָרן פאַר די מחנות באַוואָפנטע גזלנים, וואָס האָבן געפייניקט אייראָפּע אין אכצנטן יאָרהונדערט. ער איז איבערגענומען געוואָרן אומפאַר־ענדערט דורך דער רעפּובליק פון 1792־טן יאָר און סיסטעמאַ־טיזירט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט פון היינטיקן יאָר־הונדערט.

„ביז לביז האָט מען איינגעפירט אַלגעמיינע מיליטער־דינסט, דעם קאָדעקס האָט מען אָבער פאַרגעסן צו רעפאָרמירן. מ׳קאָן דאָך נישט טראַכטן וועגן אַלעם. די דאָזיקע אַכזריותדיקע געזעצן, אַרויסגעגעבן קעגן רויבער, ווערן ביים היינטיקן טאָג אָנגעווענדעט לגבי יונגע איבערגעשראָקענע פויערן און שטאָטישע יונגעלייטלעך, מיט וועלכע מ׳וואָלט לייכט געקאָנט אויס־קומען מיטן גוטן. און דאָס איז דאָך אַזוי נאַטירלעך.״

— איך פאַרשטיי אייך נישט, — האָט זיך אָנגערופן ה׳

דע טערמאנדר, — אונזער קריגס־קאדעקס, צוגעגרייט, ווי איך גלויב, בעת דער רעסטאווראציע-עפאכע, איז אנטגילטיק באאר־בעט געווארן ערשט אין דער עפאכע פון דער צווייטער אימ־פעריע. אן ערך אין יאר 1875 איז ער געווארן רעפארמירט און געבראכט געווארן הסכם מיט דער נייער ארגאניזאציע פון דער ארמעע. איר וועט דאך מיר נישט איינרעדן, אז ער איז געשאפן געווארן פאר די ארמעען פון אַלטן רעזשים.

— איך דערקלער עס מיט דער גאנצער זיכערקייט, — האט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — ווארים דער דאזיקער קא־דעקס איז נישט מער, ווי א קאמפילאציע פון פאראָרדנונגען, וואס האבן א שייכות מיט די ארמעען פון לואי דעם פערצנטן און פופצנטן. מ׳ווייסט גאנץ גוט, וואסערע ארמעען דאס זענען געווען, אן ערב-רב פון ווערבירטע און געצאלטע זעלנער, שקלאַפן, איינגעטיילט אין מחנות, וואס זענען אויסגעהאלטן גע־ווארן פון יונגע איידל-מענער, גאנץ אפט נאך קינדער. די דיס־ציפלין אין די דאזיקע ארמעען פלעגט אונטערגעהאלטן ווערן מיט דער הילף פון אומאויפהערלעכע טויט-דראָונגען.

„היינט האט זיך אַלץ געענדערט; די זעלנער פון דער מאָנאַרכיע און פוןביידע אימפעריעס האָבן אפגערוימט זייער פּלאַץ פאַר דער צאָלרייכער און פרידלעך־געשטימטער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. ס׳איז שוין נישטאָ וואָס מער מורא צו האָבן פאַר אימרועען און געוואַלטטאַטן. און נישט געקוקט דערויף דראָט מען מיטן טויט פאַר דעם קלענסטן חטא דער דאָזיקער מחנה פון פויערן און בעלי־מלאכות, שלעכט איבערגעטון פאַר זעלנער.

„דער קאָנטראַסט פון די היינטיקע מילדע מדות מיט די אכזריותדיקע געזעצן, וואַרפט זיך פשוט אין די אויגן מיט זיין לעכערלעכקייט. און אויב מ׳זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם, וועט מען אויסגעפינען, אז עס איז לעכערלעך, ווי נישט דער־לאָזבאַר צו באַשטראָפן מיטן טויט פאַרברעכנס, וועלכע מ׳וואלט געקאָנט באַקעמפן מיט געוויינלעכע פאַליצייאישע שטראָפן.״

— די היינטיקע זעלנער, — האט ה׳ דע טערמאנדר אפּאנירט, — זענען אַזוי באוואפנט, ווי די זעלנער פון די אמאָ־

קע צייטן. און ס׳איז דאך אודאי און אוודאי נויטיק, אז די אפיצירן, קליין אין דער צאל און אומבאוואפנטע, זאלן זיך פארזיכערן די געהארכזאמקייט און דעם רעספעקט פון א גרויסער צאל מענער, בעוואפנטע מיט ביקסן און קוילן. דאס איז דער עיקר.

— דאס איז אן אלטער פאראורטייל, — האט ה׳ בערזשערע געזאגט, — צו גלויבן אין דער נויטווענדיקייט פון שטראפן און האלטן, אז די שארפסטע שטראפן גיבן דעם בעסטן רעזולטאט. די טויט-שטראף פאר אן אקטיווע באליידיקונג פונם עלטסטן, שטאמט פון די צייטן, בעת די אפיצירן זענען נישט געווען געקנעכטן פון דעם זעלבן טייג, וואס די זעלנער. די דאזיקע שטראפן זענען פארבליבן אין די ארמעען פון דער רעפובליק.

„בעת ברענדאמור איז אין יאר 1792 געווארן גענעראל, האט ער איינגעפירט די געזעצן פון אלטן רעזשים און זיי געשטעלט אין דינסט פון דער רעוואלוציע; ער פלעגט גרויס הארציק דערשיסן די פרייוויליקע זעלנער. ברענדאמור, בעת ער איז געווארן גענעראל, האט לכל-הפחות געפירט מלחמות און זיך העלדיש געשלאגן. דארט האט זיך געהאנדלט וועגן אפהאלטן א נצחון. עס איז נישט געגאנגען וועגן לעבן פון איין מענטש, נאר וועגן ראטעווען דאס פאטערלאנד.״

— די גענעראלן פון יאר II — האט זיך אנגערופן ה׳ מאזור, — פלעגן זייער שטרענג באשטראפן פאר גנבה. אין דער צפון-ארמעע האט מען דערשאסן א שיסער דערפאר, וואס ער האט איינגעטוישט זיין אלטן הוט אויף א נייעם.

„צוויי פויקערס, וואס דער עלטערער פון זיי איז געווען אלט אכצן יאר, זענען דערשאסן געווארן אין די אויגן פון גאנצן מיליטער דערפאר, וואס זיי האבן צוגעגנבעט צירונג ביי א פויערטע. דאס איז געווען דער יארהונדערט פון העראיזם.״

— נישט בלויז די מארודערן, — האט געמיינט ה׳ בערזשערע, — פלעגט מען אפט דערשיסן אין די ארמעען פון דער רעפובליק. אויך די רעבעליאנטן. און די זעלנער, וואס זענען

שפעטער אזוי געריכט געוואָרן, זענען באהאנדלט געוואָרן ווי שקלאַפן, מיט דעם אונטערשיד, וואָס מ׳פלעגט זיי זעלטן געבן צו עסן.

„אמת איז, אַז זיי זענען נישט אַלעמאָל געווען אין א גוּטער שטימונג. ווי א באַווייז קאָנען דינען די דרייַ הונדערט קאַנאָניערן פון דער דריי און דרייסיקסטער בריגאַדע, וואָס האָבן אין פערטן יאָר ביי מאַנטואַ געפּאָדערט זייער לוין און ארויסגעשטעלט די מיילער פון זייערע קאַנאָנען קעגן זייערע אייגענע גענעראַלן.

„אָט דאָס זענען געווען ווילדע יונגען, מיט וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט שפּאַסן! זיי וואָלטן פעיק געווען נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט דעם שונא, צו דערשטעכן אַ טוץ זייערע גענעראַלער. אַזאַ איז דער טעמפּעראַמענט פון העלדן. דיזמאַנע איז נאָך אָבער נישט קיין העלד. די פרידן-צייט איזאַלחלוטין פאַר זיי נישט־גינסטיק. דער סערזשאַנט ברידו האָט נישט וואָס מורא צו האָבן אין די פרידלעכע קאַזאַרמעס. פונדעסטוועגן איז ער צופרידן, ווען ער קאָן זאָגן, אַז ס׳איז גענוג, אַ זעלנער זאָל אויפהויבן קעגן אים די האַנט, און ער זאָל באַלד דערשאָסן ווערן אויפן אָרט אונטער די קלאַנגען פון מוזיק.

„דאָס דאָזיקע איז אָבער אינגאַנצן איבריק אין אונזערע צייטן פון שלום און רויקע מדות. און קיינער טראַכט נישט וועגן דעם. ס׳איז אמת, אַז די טויט-שטראָפן, וואָס ווערן ארויס געגעבן דורך די קריגס-געריכטן, ווערן אויסגעפירט בלויז אין אַלזשיר, אין פראַנקרייך מיידט מען אָבער אויס אַזעלכע מוזיקאַלישקריגערישע פאָרשטעלונגען. מ׳ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיי וואָלטן געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. דאָס איז א שווייגנדיקע פאַראורטיילונג פון קריגס-קאָדעקס.

— נעמט אין באַטראַכט, — האָט ה׳ דע טערמאָנדר געזאָגט, — אַז די דיסציפּלין קאָן דערפון ליידן.

— אויב איר וואָלט געזען די נייע רעקרוטן, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע, — וואָס גייען אייַנציקווייז אריין אין די קאַזאַרמעס, וואָלט איר אויפגעהערט צו גלויבן, אַז מען

מוז בסדר דראָען מיטן טויט די דאָזיקע קעלבערנע נשמות, כדי צו האַלטן זיי אין די ראַמען פון דער דיסציפּלין. זיי חלומען טרויעריק, וואָס שנעלער איבערצופּטרן די דריי יאָר מיליטער־דינסט, און דער סערזשאַנט ברידו וואָלט ביז טרערן געוועז גערירט פון זייער מילדער הכנעהדיקייט, ווען נישט דאָס, וואָס ער מוז זיי שרעקן מיט שטראָפן, כדי צו שעפּן נחת פון זיין אייגענער מאַכט.

„דאס הייסט נאָך נישט, אַז דער סערזשאַנט ברידו איז געבוירן געוואָרן צו זיין ערגער פון אַלע אַנדערע מענטשן. ער איז אָבער שקלאַף און דעספּאָט אין איין פּערזאָן, און איז צוויי מאָל פּאַרקריפּלט, און איך ווייס נישט צי מאַרק אַורעליוס, אַלס אונטער־אָפיציר, וואָלט אויך נישט טיראַניזירט זיינע זעלנער. ווי עס זאָל נישט זיין, איז אַזאַ טיראַניע פולשטענדיק גענוג כדי איינצוהאַלטן די דיסציפּלין, וואָס איז די גרעסטע מעלה פון אַ זעלנער אין פרידנס־צייט.

„עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז אונזערע קריגס־געזעצן צוזאַמען מיט זייער גאַנצן טויט־אַפּאַראַט, זאָלן זיך איבערטראָגן אין די מוזייען אריין, אין שכנות פון די באַסטיליע־שליסלען און די אינקוויזיציע־מכשירים.״

— אלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער אַרמעע, — האָט ה׳ דע טערמאָנדר געזאָגט, — דאַרף מען זייער פּאָרזיכטיק באַהאַנדלען. די אַרמעע — דאָס איז אונזער פאַרזיכערונג און אונזער האָפנונג. זי איז אויך אַ שולע פון פליכטן. צי קאָן מען נאָך ערגעץ חוץ איר געפינען די אידעאַלן פון מסירת נפש און פאַרלייקענונג פון זיך אליין?

— ס׳איז אמת, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — אַז די מענטשן האַלטן פאַר זייער ערשטע סאָציאַלע־פליכט זיך צו לערנען, ווי אזוי רעגלמעסיק אויסצוהרגענען? זייערע באַנטע, און ביי די ציוויליזירטע פעלקער איז עס דער גרעסטער כבוד, וואָס מער מענטשן אויסצוקוילענען. נאָך אַלעמען איז נאָך נישט אַזא שרעקלעך אומגליק, וואָס דער מענטש איז אין זיין חוך שלעכט און שעדלעך. ווארים די ערד איז נישט מער ווי אַ

טראָפּן בלאָטע אין חלל, און די זון אַ גאַז-בלאָז, וואָס קאָן אַ ליאַדע רגע פּלאַצן.

— ווי כ׳זע, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ פרעמאָן, — זענט איר נישט קיין פּאָזיטיוויסט. וואָרים איר באַהאַנדלט אויבנאויפיק דעם גרויסן פעטיש.

— וואָס איז דאָס דער גרויסער פעטיש? — האָט ה׳ דע טערמאָנדר נעפרעגט.

— איר ווייסט דאָך מן הסתם, — האָט ה׳ פרעמאָן איבּ געענטפערט, — אַז לויט דער מיינונג סון די פּאָזיטיוויסטן איז דער מענטש אַ ליבנדע חיה. אויגוסט קאָנט האָט געזאָרגט צופרידנצושטעלן די באַדערפנישן פון דער דאָזיקער ליבנדער חיה. נאָך דעם, ווי ער האָט זיך לאַנג וועגן דעם דעם קאָפּ געבראָכן, האָט ער באַשלאָסן צו באשענקען אים מיט אַ פעטיש. ער האָט אבער אויסגעקליבן די ערד און נישט גאָט.

„דערפון איז נאָך נישט געדרונגען, אַז ער איז געווען אַן אַטעיסט. פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן די עקזיסטענץ פון אַז שעפערישן פּרינציפּ פאַר אַ גאַנץ ווארשיינלעכע. ער האָט בלויז צוגעגעבן, אַז גאָט איז שווער צו באַגרייפן.

„זיינע תלמידים, זייער רעליגיעזע מענטשן, פאַרערן זייער שטאַרק דעם קולט פון די געשטאָרבענע, פון דער פרוי און פון גרויסן פעטיש — די ערד. דערפון נעמט זיך אויך, וואָס די דאָזיקע גלויבנדיקע שאַפן פלענער, ווי אזוי גליקלעך צו מאכן די מענטשהייט און באשעפטיקן זיך מיטן איינאָרדנען אונזער פלאַנעט לטובת די מענטשן.״

— זיי וועלן האָבן אַ סך ארבעט, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט, — און מ׳זעט טאַקע איין, אז זיי זענען אָפּטימיסטן. זיי זענען עקסטרעם אין זייער אָפּטימיזם, און דאָס דאָזיקע חידושט מיך זייער.

„ס׳איז שווער צו באַגרייפן, אז שכלדיקע און אינטעליגענטע מענטשן, ווי זיי זענען עס בלי ספק, זאָלן זיך נארן מיט דער האָפנונג צו מאכן אמאָל דערטרעגלעך דאָס לעבן אויף דער דאָזיקער קליינער קויל, וואָס דרייט זיך אומגעלומפּערט ארום

געלער, האלב אויסגעלאשענער זון און טראגט אונז אויף זיך, ווי ווערים אויף איר פארשימלטער אויבערפלאך: דער דאָזיקער פעטיש הייבט מיר לחלוטין גאָרנישט אָן צו געפעלן."

דער דאָקטאָר פאָרנעראל האָט זיך צוגעבויגן צום אויער פון ה׳ דע טערמאָנדר:

— בערזשערע מוז אוודאי האָבן זיין פעקל צרות, וואָס ער קלאָגט זיך אזוי אויף אונזער וועלטל. אזא עקסטרעמער פעסימיזם איז פולשטענדיק נישט נאטירלעך.

— מסתמא אזוי, — האט ה׳ דע טערמאנדר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

מא

די טונקעלע צווייגן פון די אולעמס אויפן מארק-פלאץ האָבן זיך אָגגעהויבן קוים קוים צו באדעקן מיט א דעליקאַטער און ווי שטויב בלאסער גרינקייט. אבער אויף דער משופּעדיקייט פון בערגל, ארומגערינגלט מיט אלטע מויערן, האָבן בליענדיקע ביימער פון די פרוכטן-גארטנס איינגעזאפּט אין זיך מיט זייערע ווייסע, קיילעכדיקע קעפּ אָדער ראזע שפּיצן, די קלארע און ציטערנדיקע שיין פון טאג, וואס האט אראפּגעשמייכלט פון הימל.

אין דער ווייטן האט דער טייך, אנגעשוואלן פון פרילינג-רעגנס, געפלאסן, א ווייסער און א נאקעטער, און מיט זיינע כוואליעס געצערטלט און געגלעט די שלאנקע הימלביימער, וואס האבן ארומגערינגלט זיין געלעגער; דער טייך איז געפלאסן א תאווהדיקער, אַן אומבאזיגטער, אַ פרוכטבארער, אַן אייביקער,—דער אמתער גאָט, ווי אמאל אין די צייטן, ווען די פישערס פון דער רוימישער גאליע האָבן מקריב געווען צו אים אלס קרבנות בראנ-זענע מטבעות און אויפבויען לכבוד אים, פאר די טעמפּלען פון ווענוס און אויגוסט, שטיינערנע מזבחות, פון וועלכע ס'האָט זיך ארויסגעזעען אן אומגעלומפּערט געשניצט שיפל מיט רודערס.

אומעטום, איבער דעם ווייט צעעפנטן טאל, האבן זיך גע-טראגן די אומדרייסטע, צאפּלענדיקע טריט פון דעם אנקומענ-

דיקן פריילינג, וואס האט געוועקט די אלטע ערד צו א ניי-יוגנטלעך לעבן.

ה׳ בערזשערע האָט שפּאַצירט איינער אליין, מיט א לאנג-זאמען און אומגלייכן טריט, איבער דער ביימער-אלעע. ער איז געגאנגען, און אין זיין הארץ, וואס איז געווען אלט ווי די ערד, און יונג, ווי די בלומען פון עפל-ביימער, האט געהערשט א פוסטקייט און א תוהו-ובוהו; זיין מוח איז געווען אויסגעליי-דיקט פון געדאנקען און פול מיט צעשוווּמענע בילדער, זיין נשמה איז געווען טרויעריק און באגערנדיק, מילד, אומשולדיק, תאווה-דיק, פארמרהשחורעט און פארזארגט — און אזוי איז ער גע-גאנגען א מידער און אויסגעמאטערטער, און זיך געיאגט נאך מיראזשן און האפנונגען, וואס זייער נאמען, פארם און צורה זענען אים געווען אומבאקאנט.

ער האט זיך דערנענטערט צו דער הילצערנער באנק, אויף וועלכער ער פלעגט געוויינלעך זיך אנידערזעצן אין די שיינע זומער-אוונטן, בעת די פייגעלעך אויף די ביימער ווערן פארשוויגן; אויף דער דאזיקער באנק פלעגט ער נישט איינמאל טיילן זיין אפרו מיטן פאטער לאנטען, אונטערן שאטן פונם שיינעם אולעם, וואס האט זיך צוגעהערט צו זייערע ערנסטע געשפרעכן.

מיטאמאל האט ער באמערקט, אז אן אומגעשיקטע האנט האט נאר וואס אנגעשריבן מיט קרייד אייניקע ווערטער אויפן גרינעם אנלען פון דער באנק. ס׳האט אים באהערשט אן אומרו און א מורא, ער זאל ווידער נישט איבערלייענען זיין נאמען, וואס איז לעצטנס געווען אין מויל פון אלע שטאט-קונדסים. ער האט זיך אבער באלד בארויקט.

דאס איז געווען אן עראטישע אנדענקונגס-אויפשריפט, אין וועלכער נארציז האט געשילדערט אין א נישט געקינצלטער, פשוטער, דערפאר אבער אין א מגושמדיקער און אויסגעלאסע-נער פארם, די פארגעניגנס, וואס ער האט גענאסן אויף דער דאזיקער באנק אין די ארעמס פון ערנעסטינע, מסתמא אין דער טונקלקייט פון דער אלץ פארגלעטנדיקער נאכט.

ה׳ בערזשערע האט זיך שוין געוואלט אנידערזעצן אויף זיין געוויינלעכן פלאץ, ווו ס׳פלעגן אים באהערשן אזוי פיל איידעלע און צעשמייכלטע געדאנקען, און ס׳פלעגן קומען צו אים אויף זיין רוף די איידעלע גראציעס.

ער האט זיך אָבער באלד בארעכנט, אז ס׳פאסט נישט פאר אן אָרנטלעכן מענטשן צו זיצן בפני כל עם לעבן אן אויסגעלאסענעם מאנומענט, געווידמעט דער וועגוס פון די גארטנס. ער האט זיך דערווייטערט פון דער באנק און אנגעהויבן ווײַ־טער צו שפאצירן. ער האט געטראכט:

— א, בחנמדיקער באגער פון כבוד! מיר ווילן לעבן אין דער געדעכעניש פון די קומענדיקע דורות. מיר ווילן, אז די וועלט זאל קענען אונזערע פריידן און ליבעס, ווי אויך אונזע־רע ליידן און שנאות.

„נארציז גלויבט, אז נאר דעמאלט וועט ער טריומפירן איבער ערנעסטינע, ווען די גאנצע וועלט וועט וויסן וועגן דעם. אויף אזא אופן האט פידיאס אויסגעקריצט זיין געליבטן נאמען אויפן גראבן פינגער פון אלימפישן יופיטער. א, יענער דראנג פון דער נשמה אויסצושפרייטן און אויסצוגיסן זיך אין דרויסן! היינט אויף דער דאזיקער באנק, האט נארציז...

— און פונדעסטוועגן,— האט ה׳ בערזשערע ווייטער גע־טראכט, — איז די צביעות די ערשטע מצווה פון ציוויליזירטן מענטש און דער פונדאַמענט־שטיין פון דער געזעלשאפט. מיר פילן די זעלבע נויטווענדיקייט צו פארבאהאלטן אונזערע געדאנ־קען, ווי צו טראגן קליידער.

„אַ מענטש, וואס דריקט אויס אלץ, וואס ער טראכט, קומט אונז פאַר פונקט אזוי פרעמד און אומפאַרשטענדלעך, ווי איי־נער, וואָס גייט אינגאַנצן נאַקעט. ווען איך זאָל למשל ביי־פאַיאַן, ווו דער געשפרעך איז סוף כל סוף אַ פרייער און נישט געצווונגענער, אויסדרוקן די פאנטאזיעס, וואָס קומען מיר אין קאָפּ אריין אין איצטיקן מאָמענט, די געדאַנקען, וואס שטורעמען איצט מייז מות, ווי אַ מחנה מכשפות, וואָס פליעז אריין אויף

אַ בעזים אין קוימען אריין; ווען איך זאָל נעמען איצט שילדערן, ווי אזוי מאדאם דע גראַמאַנס שטעלט זיך "מיר פאר אין די אומוואַרשיינלעכסטע פּאָזעס, אין וועלכע מיין פאנטאזיע מאָלט זי אויס, ווען איך זאָל אויסמאָלן איר וויזיע, אַ וויזיע, וואָס איז אַבסורדאַלער, משונהדיקער, כימערישער, אויסטערלישער, אומפורעמדיקער און אַ סך מער פאַרקריפּלטער, טויזנט מאָל אָפּשפּאָטנדיקער און אויסגעלאַסענער פון יענער באַרימטער פי־גור, פארגעשטעלט אין דער סצענע פון יום־הדין אויפן צפון־פארטיק פון הייליקן עקזופּערס קירך דורך אַ גענויאלן ארבעטער, וואָס האָט מסתמא געזעען אין גיהינום די פּערזאָניפיצירטע תאווה אליין; — ווען איך וואָלט געענוי און בפרטות באַשריבן אלע מיינע אויסטערלישע מלחמות, — וואָלט מען מיך בלי ספק אנגענומען פאַר אַ משוגענעם, פאַר אַ חסר־דעה.

„און דאָך גיב איך מיר אָפּ אַ דין וחשבון, אַז איך בין אַ אָרנטלעכער מאַן, געניגט פון דער נאטור צו ארנטלעכע געדאַנקען וואס דאס לעבן און מעדיטאציעס האבן אים אויסגעלערנט צו זיין באשיידן און צו פארהאלטן זיך אין דער מאָס, אָפּצוגעבן זיך אויסשליסלעך צו פרידלעכע תענוגים פון גייסט, פיינד צו האבן יעטוועדן מיסברויך און פאראכטן די אויסגעלאסנקייט, ווי אַ פארזעעניש."

בעת ער איז אזוי געגאנגען פארזונקען אין זיינע אייגנ־ארטיקע געדאנקען, האט ער באמערקט אויפן מארק־פלאַץ דעם פאטער לאַנטען, רעקטאָר פון סעמינאר און דעם פאטער טאַבאַרי, גלח פון דער שטאטישער תפיסה, וועלכע האָבן געפירט אַ שמועס.

ה' טאַבארי האָט געשאָקלט מיט זיין לאַנגן גוף, פאר־ענדיקט מיט א קליין שפּיציק קעפּל, און ס'האָט אויסגעזעען, ווי ער וואָלט מיט זיין קאַנטיקער האַנט געוואָלט אונטערשפּארן די משא פון זיינע רייד, צו וועלכע ה' לאנטען, מיט א תהילימל אונטערן ארעם, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און אַרויסגע־שטעלטער ברוסט, האָט זיך צוגעהערט, קוקנדיק אין דער ווייטן, אַן ערנסטער, מיט צוגעדריקטע ליפּן און אַראָפּגעהאַנ־

געגע באַקן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעלויכטן מיט אַ שמייכל.

ה׳ לאַנטען האָט געענטפערט אויף דעה באַגריסונג פון ה׳ בערזשערע מיט אַ פריינדלעכן זשעסט:

— הער בערזשערע, איך קאָנט בלייבן; ה׳ טאַבאַרי האָט נישט קיין מורא פאַר אפיקורסים.

אָבער דער תפיסה־גלח, פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען, האָט ווייטער גערעדט:

— ווער וואָלט דען נישט גערירט געוואָרן פונם בילד, וואָס איך האָב געזעען? דאָס דאָזיקע קינד האָט ביי אונז אַלעמען אויסגענומען מיט זיין אויפריכטיקער באַדויערונג, מיט דער פשטות און אמתדיקייט פון זיינע געפילן.

זיין באַנעמונג, זיין בליק, זיינע רייד, זיין גאַנצע פּערזאָן האָבן עדות געזאָגט אויף מילדקייט, הכנעה, באַשיידנקייט און פולשטענדיקן איבערגעבן זיך גאָטס רצון. ביז צו דער לעצטער רגע דאָס ער געוויזן דעם בעסטן ביישפּיל, זיין אויפריכטיקע תשובה, די אויפוואַכונג פון גלויבן, וואָס איז אַזוי לאַנג געשלאָפן אין זיין האַרץ. זיין לעצטער, העכסטער דראַנג צו גאָט, וואָס איז מוחל אונזערע חטאים, — דאָס זענען געווען די געבענטשטע פּירות פון מיין לערע.

דער אַלטיטשקער איז געוואָרן זייער גערירט, מיט יענער לייכטער אויפריכטיקייט פון קלאָרע, לייכטזיניקע און איידעלע נשמות. אַן אויפריכטיקער צער האָט פאַרנעפּלט זיינע גרויסע, בולטע אויגן און זיין קורצע, רויטע נאָז. ער האָט אַ זיפץ געטון און אין אַ ווייל אַרום ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, דאָסמאָל ווענדנדיק זיך דירעקט צו ה׳ בערזשערע.

— אָ, מיין הער! אין מיין טרויעריק־פּיינלעכער פּראַקטיק פעלט נישט קיין דערנער. דערפאַר אָבער וויפיל פּרוכטן! אין משך פון מיין לאַנג לעבן איז מיר אַ סך מאָל געלונגען אַרויסצורייסן די אומגליקלעכע פון די נעגל פון שטן, וואָס האָט זיך שוין געגרייט צו כאַפּן זיי אין נעץ. אָבער קיין איינער פון די עלנטע, וועלכע איך האָב געפירט צום טויט, איז

נישט געווען אַזוי פרום אין זיינע לעצטע רגעס, ווי דער יונ-גער לעקער.

— וואָס! — האָט אויסגערופן ה׳ בערזשערע, — צי רעדט איר וועגן מערדער פון דער אלמנה אוסיע? צי ווייסט איר דען נישט?...

ער האָט געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס עס האָבן איינשטימיק באַשטעטיקט די עדות פון דער עקזעקוציע, אַז דער אומגליק-לעכער איז געבראַכט געוואָרן אויף דער גילאָטינע, האַלב-טויט פאַר שרעק. ער האָט אָבער נישט דערענדיקט זיינע רייד, וואָ-רים ער האָט נישט געוואָלט פאַרשאַפן צער דעם אַלטיטשקן, וואָס האָט ווייטער גערעדט.

— ער האָט נאַטירלעך נישט גערעדט אַ סך און לגמרי נישט מאַניפעסטירט זיינע געפילן. איר האָט אָבער באַדאַרפט הערן זיינע קרעכצן און זיפצן, מיט וועלכע ער האָט אויסגע-דריקט זיין צער! אויפן ווייטאָקפולן וועג פון דער תפיסה ביז צום עקזעקוציע-פּלאַץ, האָב איך אים כסדר דערמאָנט וועגן זיין מוטער און וועגן זיין ערשטער קאָמוניע. ער האָט דעמאָלט בעגאָסן מיט ביטערע טרערן.

— די אלמנה אוסיע, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ בער-זשערע, — איז זיכער נישט געשטאָרבן מיט אַזאַ טויט.

ביי די רייד האָט ה׳ טאַבאַרי אויסגעגלאָצט זיינע גרויסע בולטע אויגן פון מזרח צו מערב. ער איז געוווינט געווען צו זוכן דעם שליסל צו מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, נישט אין זיך, נאָר מחוץ פון זיך. און בעת ער פלעגט זיך אַזוי פאַרטראַכטן, זיצנדיק ביים טיש, פלעגט זיין אַלטע באַלעבאָסטע, אריינגעפירט אין אַ טעות צוליבן אויסדרוק פון זיין פנים, זאָגן: „איר זוכט דעם שטאָפּער פון דער פלאַש, גערערטער פאָטער? איר האַלט אים דאָך אין האַנט.״

מיטאמאָל האָבן די בלאָנזשענדיקע בליקן פון ה׳ טאַבאַרי באַמערקט אַ דיקן באַרדיקן פאַרשוין, אין אַ ציקליסטן-קאָסטיום, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורכן פּלאַץ. דאָס איז געווען עאוזע-ביוס בולע, דער שעף-רעדאַקטאָר פון דער „לאַמטערן״, אַ ראַ-

דיקאַלער זשורנאַל. ער האָט צוגעוואָרפן אַ האַסטיקן זיי געזונט
דעם סעמינאַר־רעקטאָר און דעם פּראָפעסאָר פון דער ליטע־
ראַטור, מיט גרויסע טריט אָנגעיאָגט דעם זשורנאַליסט, אי...
געגריסט, רויט פון גערירטקייט, אַרויסגעצויגן פון טאַש אַ פּעקל
צעקנייטשטע פּאַפּירן און זיי אים דערלאַנגט מיט אַ ציטערנ־
דיקער האַנט.

דאָס זענען געווען באַריכטיקונגען און נאָטיצן וועגן די
לעצטע רגעס פון יונגן לעקער. דער דאָזיקער גוטמוטיקער
גלח האָט ביים סוף פון זיין שטיל און באַשיידן פּריסטערלעך
לעבן אָנגעהויבן זיך צו יאָגן נאָך רעקלאַמע און אונטער־
וויוען.

דער גלח לאַנטען האָט באַטראַכט דעם אָרעמען זקן
מיטן פויגל־קאָפּ, וואָס האָט איבערגעגעבן זיינע כתבים דעם
ראַדיקאַלן זשורנאַליסט, און לייכט אַ שמייכל געטון.

— זעט — האָט ער זיך געווענדעט צו ה׳ בערזשערע,
— דער בייזער גייסט פון דער צייט האָט אויך קאַליע גע־
מאַכט דעם דאָזיקן זקן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ יוג פון פרומע
פאַרדינסטן און מעשים טובים און שטייט איצט מיט איין
פוס אין קבר.

דער דאָזיקע אַלטיטשקער, וואָס איז אין אַלע הינזיכטן
אַ באַשיידענער און אַ עניו, שטרעבט אויך נאָך כבוד. ער וויל
פאַר יעדן פּרייז געדרוקט ווערן, מעג זיין אַפילו אין אַן אַנטי־
קלעריקאַל בלעטל.

און ה׳ לאַנטען איז מיטאַמאָל געוואָרן אומרויק מחמת
דעם, וואָס ער האָט איבערגעגעבן איינעם פון זייניקע אין די
הענט פון שונא, און ער האָט שנעל צוגעגעבן :

— ס׳איז נאָך נישט אַזוי שרעקלעך. דאָס איז לעכער־
לעך, נישט מער.

דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרשלאָסן
אין זיין מרה־שחורה.

ה׳ לאַנטען, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט דער קראַפט
צו רעגירן, האָט אָוועקגעזעצט דעם ה׳ בערזשערע לעבן זיך

אויף דער באַנק. גלייכגילטיק צו די וווּלגאַרע דערשיינונגען, וואָס מיט זייער הילף באַווייזט זיך די אויסערלעכע וועלט צו די געוויינלעכע מענטשן, האָט ער צומאָל נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צוצוּוואַרפן דעם מינדעסטן בליק דער אויפשריפט וועגן נאַרציז און ערנעסטינע, וואָס איז מיט קרייד אין גרויסע אותיות אָנגעצייכנט געווען אויפן אָנלען פון דער באַנק; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, אַ גייסטיק רויקער און מיט זיינע ברייטע פּלייצעס פאַרדעקט אַ דריטל פון דאָזיקן עפּיגראַפישן מאָמענט.

ה׳ בערזשערע האָט פאַרנומען אַן אָרט לעבן ה׳ לאַנטען און צוערשט פאַרשטעלט מיט דער צייטונג דעם אָנלען אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל קענען פאַרמאַסקירן דעם טייל פון טעקסט, וואָס איז געווען דער אויסדרוקפולסטער: דאָס וואָרט, וואָס באַדייט, ווי עס דריקן זיך אויס די גראַמאַטיקער, די עקזיסטענץ פון אַטריבוט אין אַן אָביעקט. ער האָט אָבער פאַרשטעלט איין אויפשריפט מיט דער אַנדערער, און האָט עס צומאָל נישט באַמערקט.

די צייטונג האָט אין דער אמתן געבראַכט מיט פעטע, גרויסע אותיות אַ ידיעה וועגן איינעם פון יענע אינצידענטן, וואָס זענען אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג אין אונזער פאַרלאַמענטאַרן לעבן, זינט עס איז פּאַרפעסטיקט געוואָרן דער נצחון פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס.

די ענדערונגען פון די יאָרצייטן און די צענויפגעפלאָטענע שעהן האָבן מיט אַן אַסטראָנאָמישער גענויקייט געעפנט דעם לעצטן פרילינג אַ פּעריאָד פון סקאַנדאַלן. אין דעם חודש זענען אַ סך דעפּוטאַטן אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם געריכט. און דאָס בלאַט, וואָס איז אויסגעשפּרייט געוואָרן דורך ה׳ בערזשערע האָט געבראַכט מיט פעטע אותיות די ידיעה: „אַ סענאַטאָר אין מאַזאַ. דער אַרעסט פון ה׳ לאַפּראַ-טעלט".

הגם דער דאָזיקער פאַקט אַליין פאַר זיך איז נישט געווען אַזוי חדושלעך און ער האָט בלויז אויפגעדעקט די רעגלמעסיקע שפּיל פון די פאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס, האָט

ה׳ בערזשערע פונדעסטוועגן געהאלטן, אז עס וואָלט געווען א צולהכעיסדיקע חוצפה זיך צו אפשירן מיטן דאָזיקן בלאט אויף דער באנק אין דער דאָזיקער אלעע, אין שאָטן פון די אולעמס, ווו דער ערווירדיקער ה׳ לאפרא-טעלע האָט אזוי פיל מאָל טועם געווען דעם כבוד, מיט וועלכן די דעמאָקראטיעס ווייסן ווי אזוי צו באשענקען זייערע בעסטע בירגער.

טאקע דאָ, אויף דעם מארק-פלאץ, אויף א טריבונע פון גראנאטענעם סאמעט, ארומגערינגלט מיט א ים פענער, פלעגט ה׳ לאפרא-טעלע בעת די נאציאנאלע יום-טובים, בעת פאַר-שידענע פייערלעכקייטן זיצן צו דער רעכטער זייט פון פרע-זידענט פון דער רעפובליק. האלטן לאנגע רעדעס וועגן די מעלות פון הערשנדן רעזשים און אויפפאָדערן די ארבעטנדיקע און געטרייע מאסן צו האבן געדולד. לאפרא-טעלע, א רעפו-בליקאנער פון דער ערשטער מינוט, איז אין משך פון פינף און צוואנציק יאר געווען דער מעכטיקער און געשעצטער פירער פון אָפּאָרטוניזם אין דעפּארטאַמענט.

מיט דער צייט איז ער געוואָרן גרוי און מיד פון די פּאַרלאַמענטאַרישע אַרבעטן, און ער איז אין זיין געבוירן-שטאט געווען ענלעך צו א דעמבּ, באפוצט מיט דריי קאלירטע בענ-דער. ער האט רייך געמאַכט זיינע פריינד און רוינירט זיינע שונאים.

ער איז עפנטלעך רעספעקטירט געווארן. ער איז געווען ערווירדיק און מילד. אלע יאר, בעתן פארטיילן די פריזן, פלעגט ער פארציילן די קינדער וועגן זיין ארעמקייט. און ער האט זיך געקאנט האלטן פאר אן ארעמאן און זיך לגמרי נישט באעוולהן, ווארים קיינער האט אים נישט געגלויבט, און קיינער האט נישט געצווייפלט, אז ער איז שטיין-רייך. עס זענען גע-ווען באקאנט די קוועלן פון זיין עשירות, די אויזנטער קאנאלן, וואס פלעגן אים מיט דער הילף פון זיין אינטעליגענץ און אר-בעט, איינברענגען א סך געלט.

מ׳האט אויך געוווּסט, וואס עס האבן אים איינגעבראכט

אלע אונטערנעמונגען, וואס האבן זיך געשטיצט אויף זיין פאָליטישן קרעדיט, אלע קאָנצעסיעס, פארזיכערטע דורך זיין השפעה אין די פארלאמענטארישע קרייזן. ווארים ער איז געווען א גרויסער דעפוטאט־אפעריסט, אן אויסגעצייכנטער פינאַנסיעלער אָראַטאָר. זיינע פריינד האבן געוווּסט גאַנץ גוט און אפשר נאך בעסער פון זיינע שונאים, וועגן זיין גאָנטער שייכות צום פאַנאַמאַ־קאַנאַל און אנדערע אַפּערעס.

ער איז געווען א חכם, אַ באַשיידענער און נישט געוואָלט צופיל מיסברויכן מיטן גורל, און זינט צען יאָר האט דער דאָזיקער פאָרשטייער פון דער דעמאָקראַטיע און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ, ביי די ערשטע סמנים פון שטורעם, רעזיגנירט פון די גרויסע געשעפטן; ער האָט פאַרלאָזט דעם בורבאָן־פּאַלאַץ און זיך איבערגעטראָגן קיין לוקסעמבורג, אין דעם גרויסן געמיינדע־ראַט פון פראַנקרייך, וווּ מ׳האָט געוווּסט ווי אָפּצושאַצן זיין חכמה און איבערגעגעבנקייט לגבי דער רעפּובליק. דאָרט איז ער געווען מעכטיק און פאַרבאָרגן.

ער פלעגט בלויז ארויסטרעטן אויף די קאָמיסיעס. אָבער אויך דאָרט האָט ער אַנטוויקלט זיינע גלענצנדע פעיקייטן, וואָס זענען שוין לאַנג ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די קאָסמאָפּאָליטישע פינאַנס־פּאַטענטאַטן. ער איז פאַרבליבן דער העלדישער פאַרטיידיקער פון דאָזיקן פיסקאַלן סיסטעם, וואָס איז געוּרינבדעט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע און האָט זיך געשטיצט, ווי באַקאַנט, אויף דער יוסטיץ און אויף דער פרייהייט. ער פלעגט אונטערשטיצן דעם קאַפּיטאַל מיט יענעם רירנדן געפיל פון אַלטע קעמפער. אַפילו די מאָנאַרכיסטן האָבן פאָרערט אין לאַפּראַ־טעלען דעם אמתן קאָנסערוואַטיסט, דעם אַפּוטראָפּוס פון פּריוואַט־אייגנטום.

— ער האָט אָרנטלעכע געפילן, — פלעגט זאָגן ה׳ דעטערמאָנדר — אַ גרויסער שאָד, וואָס ער מוז אַצינד טראָגן אויף זיך די משא פון אַ שטורעמדיקער פאַרגאַנגענהייט.

לאַפּראַ־טעלע האָט אָבער געהאַט פאַרביסענע שונאים, וואָס האָבן אויסגעקוקט זיין מפּלה.

— איך האָב פאַרדינט געהאַסט צו ווערן, — פלעגט ער זאָגן, — וואָרים איך האָב מיט ווירדע אַלעמאָל פאַרטיידיקט די ענינים, וואָס מ׳האָט מיר אָנפאַרטרויט.

זיינע שונאים האָבן אים אָן אויפהער פאַרפאָלגט און אים נישט געלאָזט צו רו. אַפילו אין סענאַט, ווו זיינע אומגליקן האָבן אים צוגעגעבן נאָך מער ווירדע, וואָרים ער האָט גוט געדענקט די אַמאָליקע שווערע צייטן, בעת ער איז אויף אַ האָר געווען נאָענט פון אונטערגאַנג, צוליב דער שולד פון א יוסטיץ-מיניסטער, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון סינדיקאַט און האָט אים אומפאָרזיכטיק איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פארוואונדערטער יוסטיץ-מאַכט.

סיי דער ערווירדיקער לאַפראַ-טעלע. סיי זיין אויספאָרשונגס-ריכטער, סיי זיין אדוואָקאַט, סיי דער פּראָקוראָר, ווי אויך דער יוסטיץ-מיניסטער אַליין, האָבן נישט פאָראויסגעזען, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען די סיבה פון די אומגעריכטע און טיילווייזע אויפטרייסלונגען פון דער רעגירונגס-מאַשין, פון יענע קאַטאַסטראָפעס, וואָס זענען לעכערלעך ווי דאָס פונאַנדערפאַלן זיך פון אַ וואַנדערנדיקער צירק-בויד, שרעקלעך, ווי דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער רעדנער רופט אָן די גערעכטיקייט אַליין, און וועלכע פלעגן פון צייט צו צייט אַראָפּוואַרפן פון די העכסטע ערטער די בכבודיקטע געזעצגעבער פון ביידע קאמערן. דאָס דאָזיקע האָט אַריינגעבראכט דעם הער לאפרא-טעלע אין א מעלאנכאָלישע פארחידושונג.

ער האָט אָבער פונדעסטוועגן נישט דורכגעלאזט די געלעגנהייט זיך צו פארענטפערן פארן געריכט. די צאָל און די השפעה פון זיינע פריינד האָט אים געראטעוועט. מ׳האָט בטל געמאכט דעם פּראָצעס, וואָס ה׳ לאפרא-טעלע האָט לכתחלה אָנגענומען מיט א באשיידענער מינע און דערנאָך ארומגעטראָגן זיך דערמיט אין די אפיציעלע קרייזן, ווי מיט א באשיינפערלעכן באווייז פון זיין אומשולדיקייט.

— דער גוטער גאָט, — פלעגט זאָגן מאדאם לאפרא-טעלע, זייער א פרומע קריסטין, — האָט געטון מיין מאן א גרויס חסד.

מיט גאָטס הילף איז בטל געוואָרן דער פּראָצעס, און וואָס מיין מאן איז אזוי שטארק געווען געלעגן.

ס׳איז אויך באקאנט, אז מאדאם לאפּרא-טעלע האט מחמת דאנקבארקייט געהייסן אויפהענגען אין דער באזיליקע פון הייליקן אנטוען א מערמלנע טאוול מיט דער אויפשריפט: „פאר דעם אומגעריכטן חסד, א קריסטלעכע פרוי.״

דאס סקאסירן דעם פּראצעס האט באַרויקט די פּאליטישע פריינד פון לאפּרא-טעלע, אַט די באנדע געוועזענע מיניסטארן און העכערע באאמטע, וואס האבן צוזאמען מיט אים דורכגעמאכט די הערלישע תקופה. די פרוכטבארע צייטן און די זיבן פעטע און מאגערע יאָרן.

דאס בטל מאכן דעם פּראצעס איז געווען א מין זיכערקייט-גאראנטיע. אזוי האט מען לכל-הפחות געגלויבט. אזוי האט מען געקאנט גלויבן אין משך פון פיל יארן.

מיטאמאל, דורך אן אומגליקלעכן צופאל, דורך איינע פון יענע אומגעריכטע קאטאסטראָפעס וואס קומען אן מיט א ליארם און געפילדער, ווי די כוואליעס, וואס באַווייזן זיך פּלוצלינג אין אן אפגענוצטער שיף, אן שום פּאליטישער און מאראלישער סיבה, ארומגערינגלט מיט כבוד, — איז דער אלטער דיגער פון דער דעמאקראטיע, וואס דער פּרעפעקט ווארמס-קלאוועלען האט אים נאך מיט א טאג פריער אויפן צוזאמענפאר, געוויזן ווי א ביישפּיל פארן גאנצן דעפּארטאמענט, איז דער מאן פון ארדנונג און פון פּראגרעס, דער פארטיידיקער פון קאפּיטאל און פון דער געזעלשאפט, דער אינטימער פריינד פון די געוועזענע מיניסטארן און געוועזענע פּרעזידענטן — דער סענאטאר לאפּראטעלע, אפגעשטעלט געווארן אין תפיסה אריין צוזאמען מיט א גאנצער קאמפּאניע פּארלאמענטאריער.

און דאס בלאט האט געמאָלדן מיט גרויסע אותיות: „א סענאטאר אין מאזא. דער ארעסט פון ה׳ לאפּרא-טעלע״. ד״ר בערזשערע, א מעגטש א דעליקאטער, האט איבערגעדרייט די צייטונג אויף די אנדערע זייט.

— נו, — האט ה׳ לאנטען זיך צו אים געווענדעט מיט

א רויער שטים, — שיינע זאכן קומען פאַר פאר אונזערע אויגן. צי גלויבט איר, אז דאס קען לאנג אנהאלטן ?

— וואס ווילט איר זאגן דערמיט ? — האט געפרעגט ה׳ בערושערע. — צי מיינט איר דערמיט די פארלאמענט-סקאנ-דאלן. לאמיר אבער לכתחלה פעסטשטעלן, וואס איז עס אזוינס א סקאנדאל.

„א סקאנדאל איז א רעזולטאט, וואס עס רופט געוויינלעך ארויס די אנטפלעקונג פון א באהאלטענער האנדלונג. ווארים די מענטשן באהאלטן בלויז דאס, וואס איז קעגן די אלגעמיינע מדות און קעגן דער עפנטלעכער מיינונג. דעריבער טאקע קומען פאר סקאנדאלן אין אלע צייטן און אין אלע לענדער, און זיי ברעכן אויס אין גאר א גרויסער צאל דארט, ווו די רע-גירונג איז נישט בכוח צו באהאלטן א סוד.

„עס איז קלאר, אז די מלוכה-סודות ווערן שלעכט אפּ-געהיטן אין דער דעמאקראטיע. די גרויסע צאל שותפים און די שטארקע שנאה צווישן די פארטייען פראוואצירן דווקא צו סענסאציאנעלע רעוועלאציעס. מ׳דארף אויך נעמען אין באַ-טראכט, אז דער פארלאמענטארישער סיסטעם פארמערט די צאל פארעטער און גיט א גרויסער צאל מענטשן די מעגלעכקייט צו באגיין מיסברויכן.

„לויט דער פערצנטער איז באגנבעט געווארן אויפן גרויסן און בראנדיעזן מאסשטאב בלויז דורך איין פוקע. אין אונזערע צייטן, בעת דער אומעטיקער פרעזידענט, וואס איז אויסגע-ווילט געווארן כדי ווירדיק צו רעפרעזענטירן דאס פאלק, האט געוויזן די געריירטע דעפארטאמענטן זיין שטום פנים פון א באָרדיקער מינערווע, האבן אן א שיער טשעקן אנגעהויבן צו פאלן אויפן בורבאן-פאלאץ. דאס שלעכטע איז אליין פאר זיך נאך נישט אזוי גרויס.

„אין דער רעגירונג נעמען אָנטייל א סך מענטשן באַזונדערס די וואָס דאַרפן צו האָבן פיל געלט. פאָדערן, אַז זיי אלע זאָלן זיין אָרנטלעך, וואָלט געהייסן פאָדערן צופיל פון דער מענטש-לעכער נאַטור און דאָס וואַס די דאָזיקע אַרעמע גנבים האָבן

געבומ'ען איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס אונזער אָרגט־לעכע אַדמיניסטראַציע פאַרשווענדט אין איין שעה.

„איין פונקט דאַרף מען בלויז פאַרצייכענען. ער איז זייער וויכטיק. די אַמאָליקע שטייער-עקזעקוטאָרן, צווישן אַנדערע פּאַקטע דע סענט־קרוא, וואָס האָט אין לואי דעם פערצנטנס צייטן צונויפגעשאַרט די רייכטימער פון דער גאַנצער פּראָווינץ אינם זעלבן פּאַלאַץ ווו איך וווין אַצינד, אין דער „דריטער קאַמער", די דאָזיקע אומפאַרשעמטע גזלנים פלעגן באַגזלענען זייער פאַטערלאַנד און זייער קיניג, — זיי זענען אָבער לכל־הפחות נישט געווען פאַרבונדן מיט די שונאים פון דער מאָ־נאַרכיע. גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך פאַר די לאַגע מיט אונ־זערע טשעק־איינגנטימערס פון פאַרלאַמענט, וועלכע גיבן איבער פראַנקרייך אין די הענט פון אַ פרעמדער מאַכט: פון די פ י נ א נ ס ן.

„ווארים אמת איז, אז ביים היינטיקן טאָג איז די פ י נ א נ ס א מאַכט, און מ'קאָן זיך אויסדריקן וועגן איר דאָס, וואָס מ'האָט אַמאָל געזאָגט וועגן דער קירך, אַז זי איז צווישן די פעלקער אַן אַנגעזעענער אויסלענדער. אונזערע איבערגעקויפטע פאָרשטייער זענען גנבים און פאַררעטער. אין דער אמתן זע־נען זיי בישטיקע און עלנטע פאַררעטער. יעדער פון זיי באַ־זונדער וועקט אין אונז רחמנות. בלויז זייער גרויסע צאָל שרעקט מיך איבער...

„דערווייל זיצט דער ערווירדיקער הער לאַפּראַ־טעלע אין מאַזאַ! מ'האָט אים אַרעסטירט אין דעם זעלבן טאָג, בעת ער האָט געזאָלט פירן דעם פאָרזיץ אויף אַ באַנקעט פון דער סאָציאַלער פאַרטיידיקונג. דער דאָזיקער אַרעסט, דורכגעפירט אויפצומאָרגנס נאָך דער באַשטעטיקונג פון דער גערעכט-פּראָ־צעדור, האָט שטאַרק איבערראַשט דעם פּרעפעקט וואַרמס־קלאַ־וועלען; ער האָט באַשטימט אַלס דעם פאַרזיצנדן פון באַנקעט דעם הער דעליאַן, אַ העכסט אָרנטלעכער מענטש, וואָס פאַרמאָגט אַ גרויס פאַרמעגן און האָט הינטער זיך פערציק יאָר פון אינדוסטריעלער פּראָספּערירונג.

„דער הער פּרעפעקט האָט אפילו אויסגעדריקט זיין באַדויערן, וואָס די העכסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רעפּובליק ווערן כסדר פאַרדעכטיקט אין מיאוסע מעשים, גלייכצייטיק האָט ער אָבער אויסגעדריקט זיין פרייד, וואָס די בירגער אין זיין דעפּאַרטאַמענט זענען פונדעסטוועגן צוגעבונדן צום רעזשים, וועלכן די שונאים פון דער רעפּובליק ווילן דווקא קאָמפּראָמיטירן. אַ פאַקט איז אָבער, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע סקאַנדאַלן, ווי דער, וואָס איז איצט פאָרגעקומען נאָך פיל אַנדערע, גייט לחלוטין נישט אָן די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דעפּאַרטאַמענט.

„דער פּרעפעקט וואָרמס-קלאַוועלן האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע. אים איז גאַנץ גוט באַקאַנט די רויקייט פון זיינע בירגער, וואָס קיין שום זאַך אויף דער וועלט פאַרחידושט זיי נישט. דער נאָמענלאָזער המון, וואָס האָט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט געלייענט אין דער פּרעסע, אַז סענאַטאָר לאַפּראַ-טעלע איז אַרעסטירט געוואָרן, איז געוואויר געוואָרן מיט דער זעלבער אומדערשיטערלעכער רויקייט, אַז מ׳האָט אים דעלעגירט אַלס אַמבאַסאַדאָר אין איינעם פון די אייראָפּעישע קיניגלעכע הויפן. און מ׳האָט פאָראויסגעזעען, אַז ווען די יוסטיץ-מאַכט וואָלט אים איבערגעגעבן דעם סענאַט. וואָלט ה׳ לאַפּראַ-טעלע איבעראיאָר אויסגעוויילט געוואָרן אין דער בודזשעט-קאָמיסיע פון סענאַט. קיינער האָט אויך נישט געצווייפלט, אַז נאָכן אויסגיין פון זיין מאַנדאַט וועט ער אויפסניי אויסגעוויילט ווערן דורך זיינע וויילער״.

דער גלח לאַנטען האָט איבערגעשלאָגן דעם ה׳ בערזשערע אין זיינע רייד:

— דאָ, מיין הער האָט איר אָנגערירט דעם שוואַכן פונקט פון ענין, דאָ געפינען מיר זיך פאַר אַ פוסטקייט. די עפנטלעכקייט געוויינט זיך צו צו אוממאָראַלישקייט און זי מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן גוטס און שלעכטס. דאָ שטעקט די געפאַר. מיר זעען אָן אויפהער, ווי אַלץ נייע סקאַנדאַלן ווערן פאַרשוויגן.

„געווען אַמאָל אַן עפנטלעכע מיינונג אין די צייטן פון דער מאָנאַרכיע און אימפּעריע. ביים היינטיקן טאָג איז אַזעל-

כע מער נישט פאַראַן. דאָס פראַנצויזישע פאָלק, וואָס איז אין אַמאָליקע צייטן פעיק געווען זיך אָנצוצינדן מיט אײדעלע באַגערן, איז איצט מיטאַמאָל געוואָרן אומפעיק צו ליבן און פײַנד צו האָבן, צו באַוואונדערן און צו באַטראַכטן.״

— איך אַליין בין אויך שטאַרק איבערראַשט פון דער דאָזיקער אומגעריכטער ענדערונג, — האָט געזאָגט ה׳ בערזשע־רע. — איך זוך די סבות און כ׳קאָן זיי נישט געפינען. אין די אַלטע כינעזישע מעשהלעך ווערט פיל דערציילט וועגן אַ שרעקלעכן מיאוסן און אומגעשיקטן דעמאָן, וואָס צייכנט זיך אָבער אויס מיט אַן איידעלן גייסט און האָט ליב פון צייט צו צייט אַ שטיף צו טון. ער גנבעט זיך בײַנאַכט אַרײַן אין די מענטשלעכע וווינונגען, עפנט דעם שאַרבן פון שלאָפנדן מענטש ווי אַ קעסטעלע, נעמט אַרויס דעם מוח, שטעלט אַרײַן אויף זײַן אָרט אַן אַנדערן מוח, און מאַכט צוריק צו דעם שאַרבן.

„דאָס גרעסטע פאַרגעניגן זײַנס איז גיין פון הויז צו הויז און איבערצוטוישן די געהירן. און בעת דער פריילעכער דעמאָן קומט בײַם באַגינען צוריק אין זײַן טעמפל, כאַפּט זיך אויף דער מאַנדאַרין מיט די געדאַנקען פון אַ קורטיזאַנע און אַ יונג מיידל ווערט מיטאַמאָל באַהערשט פון אַ באַגער אָנצושיכּורן זיך מיט אָפּיום. מסתמא האָט אַן ענלעכער דעמאָן איבערגע־טוישט די פראַנצויזישע מוחות אויף די געהירן פון אַ געדול־דיק און נישט באַרימט פאָלק, וואָס פירט אַ מרה־שחורהדיק לעבן אָן שום באַגערן, און איז גלייכגילטיק צו גערעכטיקייט און אומגערעכטיקייט. וואָרים סוף כּל סוף זענען מיר גאָרנישט מער ענלעך צו זיך.״

ה׳ בערזשערע האָט אָפּגעהאַקט אינמיטן און אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס. דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט אַ מילדן אומעט אין קול:

— דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דער עלטער און אַ סימן פון אַ געוויסער חכמה. אַ קינד ווערט פון אַלעם פאַרחידושט; די יוגנט — ווערט לײַכט אויפגערעגט. מיט די יאָרן אָבער

נעמען מיר ארויף אויף זיך אַ מאַסקע פון רויקער גלייכגילטיקייט, וואָס איר ווערט וואָלט איך באַדאַרפט אַ סך בעסער אָפּצושאַצן. אונזער מאָראַלישער מצב פאַרזיכערט אונז דעם אינערלעכן און אויסערלעכן פרידן.

—איר מיינט טאַקע אַזוי? — האָט ה׳ לאַנטען געפרעגט— און איר זעט גאָרנישט פאָר קיין קאַטאַסטראָפעס אין דער נאָנטער צייט?

— דאָס לעבן אַליין פאַר זיך איז אַ קאַטאַסטראָפע, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — עס איז אַן אומפאַרמיידלעכע קאטאסטראָפע, וואָרים עס מאַניפעסטירט זיך נאָר אין אַן אומסטאַביליזירטן מיליע, און אין תוך גענומען איז זיין עקזיסטענץ אָפּהענגיק פון דער נישט סטאַביליזירונג פון זיינעשאַפנדיקע כוחות.

„דאָס לעבן פון אַן אומה איז געגליכן צו דער עקזיסטענץ פון אַ יחיד, עס איז אַן אייביקע רוינירונג, אַ קייט פון קאַטאַסטראָפעס, אַן אומענדלעכע עקספּאַנסיע פון אומגליקן און פאַרברעכנס. אונזער לאַנד, וואָס איז דאָס שענסטע אויף דער וועלט, עקזיסטירט, פונקט ווי אנדערע, נאָר אַ דאַנק דער כסדרדיקער באַנייגונג פון זיינע אומגליקן און פעלערן.

„לעבן — דאָס הייסט פארניכטן. ווירקן — דאָס הייסט ברענגען שאָדן. אָבער דווקא אין איצטיקן מאָמענט, טייערער פאָטער, פירט נישט דאָס שענסטע לאַנד אין דער וועלט קיין געוואלטיקן שטייגער לעבן און עס ווירקט מיטלמעסיק. דאָס טאַקע באַרויקט מיך.

„איך זע נישט קיין שלעכטע סימנים אויפן הימל. כ׳זע נישט פאָר קיין אומגליקן אין דער נאָנטסטער צוקונפט, כ׳זע אויך נישט פאָר, אַז אין אונזער פאָטערלאַנד זאָלן פאָרקומען אויסערגעוויינלעכע געשעענישן. איר, געערטער פאָטער, וואָס זאָגט פאָראויס די קאטאסטראָפע, זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, צי זי וועט לויט אייער מיינונג קומען פון אינעווייניק, אָדער פון אויסנווייניק?"

— די געפאַר איז אומעטום, — האָט געענטפערט ה׳ לאַנטען, — און איר מאַכט גאָר חוזק.

— כ׳האָב גאָרנישט קיין חשק צו לאַכן — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — ס׳איז באמת נישטאָ פון וואָס צו לאַכן אויף אונזער ערד, אויף דער דאָזיקער אָפּגעקילטער קויל, וואָס אירע איינוווינער זענען כמעט אלע לעכערלעך אָדער עקלדיק. איך גלויב אָבער נישט, אז א שכנותדיקע גרויסמאַכט זאָל באַראָען אונזער שלום און אונזער אומאָפּהענגיקייט.

„מיר ברענגען קיינעם נישט קיין שאָדן. מיר באַשאַפן אויך נישט קיינעם קיין אומרו. מיר זענען מעסיק און פאַרשטענדיק. די פירער פון אונזער רעגירונג טראָגן זיך נישט אַרום, ווי ווייט ס׳איז מיר באַקאַנט, מיט נישט באַשיידענע פּלענער, וואָס זייער רעזולטאַט, אַ גוטער צי אַ שלעכטער, וואָלט געקאָנט פאַרזיכערן אונזער מעכטיקייט אָדער גורם זיין אונזער מפּלה. מיר טראָגן זיך נישט אַרום מיט פּלענער וועגן פאַרכאַפּן די העגעמאָניע איבער דער וועלט. אייראָפּע קאָן אונז נאָך דערטראָגן, דאָס איז אַ גינסטיקע נייס.

„גיט אַ קוק, כ׳בעט אייך, אויפן שויפענצטער פון מאַדאַם פּיזעליעס שרייבפּאַפּיר-געשעפט, און באַטראַכט די בילדער פון אונזערע מלוכה-לייט. זאָגט אַליין, צי כאָטש איינער פון זיי איז ענלעך אויף אַזעלכן, וואָס וואָלט פעיק געווען גורם צו זיין אַ וועלט - שחיטה. זייער גאונות איז פּונקט אַזוי מיטלמעסיק, ווי זייער מאַכט. זיי זענען בשום אופן נישט אימשטאַנד צו באַגיין שרעקלעכע פעלערס. זיי זענען נישט קיין גרויסע לייט, געלויבט צו גאָט דערפאַר! מיר קענען שלאָפן רויק.

„איך גלויב איבריקנס, אַז אייראָפּע, נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז באַוואָפנט, איז זי דאָך אָבער נישט קריגעריש געשטימט. עס איז פאַראַן אין דער מלחמה אַ געוויסע איידלקייט, וואָס געפעלט שוין היינט נישט קיינעם. היינט הייסט מען נאָך שלאָגן די טערקן און די גריכן. מ׳שפּילט זיך מיט זיי, ווי מיט העגער אָדער ווי מיט פערד. צווישן זיך וועט מען אָבער קיין מלחמות נישט פירן.

„אויגוסט קאָנט האָט נאָך אין יאָר 1840 פאָראויסגעזאָגט דעם סוף פון די מלחמות. די דאָזיקע נביאות איז נאַטירלעך נישט געווען קיין אמתע אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. ס'קאָן אָבער זיין, אַז דער בליק פון דאָזיקן גרויסן מאַן האָט דורכגעדרונגען די ווייטע צוקונפט. דער קריגס-צושטאַנד איז אַ נאַטירלעכער פאַר דער פעאָדאַלער און מאָנאַרכיסטישער אייראָפּע. דער פעאָדאַליזם איז טויט און די אַלטע דעספּאָטישע מאָנאַר-כיעס זענען שוין לאַנג באַזיגט געוואָרן פון די נייע כוחות. פרידן און מלחמה זענען אין אונזערע צייטן אַ סך מער אָפּהענגיק פון די אינטערנאַציאָנאַלע בענק, וואָס זענען ביים היינטיקן טאָג די גרעסטע מאַכט אין דער וועלט.

„די אייראָפּעישע פינאַנץ-מאַגנאַטן זענען פרידלעך געשטימט. איינס איז זיכער, אַז זיי האָבן נישט ליב מלחמה צו האַלטן לשמה, אָדער צוליב ריטערלעכע געפילן. זייער אומפּרוכטבאַרע קראַפט וועט איבריקנס נישט אָנהאַלטן לאַנג, און דער אויסברוך פון דער אַרבעטער-רעוואָלוציע וועט זי אָפּווישן פון דער ערד. די סאָציאַליסטישע אייראָפּע וועט וואַרשיינלעך זיין אַן אָנהעג-גערין פון שלום. וואָרים מיר וועלן בלי ספק האבן אַ סאָציאַ-ליסטישע אייראָפּע, געערטער פאָטער, אויב מיר זאָלן באַצייכ-נען מיטן נאָמען סאָציאַליזם דאָס אומבאַקאַנטע, וואָס קומט אָן".

— מיין הער. — האט זיך אָנגערופן ה' לאַנטען, — נאָר איין אייראָפּע איז מעגלעך, די קריסטלעכע אייראָפּע. אַלעמאָל וועלן זיין מלחמות. דער שלום איז נישט פון דער וועלט. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט דעם קוראַזש און דעם גלויבן פון אונזערע אבות! איך, א זעלבער פון דער קריגערישער קירך, ווייס, אז די שלאכט וועט זיך ענדיקן ערשט אין הונדערטער יאָרן ארום. און איך בין מתפלל צו גאָט, ווי אַיאַקס ביי אייער האָמער, אַז ס'זאָל מיר באַשערט זיין צו קעמפן אין דער ליכ-טיקייט פון טאָג.

„מיך שרעקט נישט אָפּ נישט די צאָל, נישט די חוצפה פון אונזערע פיינד. איך האָב מורא פאר דער שוואכקייט און אָפּהענטיקייט, וואָס הע־שן אין אונזער אייגענעם לאַגער. די

קירך איז אַן ארמעע; ס'באהערשט מיך אַ טרויער, בעת איך זע אירע פעלערן. כ'ווער אויפגערעגט, בעת איך זע, ווי די אומגלויביקע קריגן זיך אריין אין אירע רייען און די אָנהענגער פון עגל-הזהב גיבן זיך אָן, ווי די שומרים פון אירע הייליקייטן.

„איך צאַפּל אויף, בעת איך זע, ווי קענען מיר ווערט געפירט אַן אונטערערדישער קאַמף, וואָס ברענגט בלויז נוצן די פאררעטער און אויסווורפן. זאָל אָבער געשעען גאָטס רצון! איך בין איבערצייגט אינם אַנטגילטיקן נצחון, אין דער מפלה פון פאַרברעכן און פון דער עברה, אין יום-הדין, וואָס וועט גלייכצייטיק זיין דער טאָג פון רום און פון גערעכטיקייט."

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיין בליק איז געווען פעסט און אַנטשלאָסן. אָבער זיינע אָנגעשוואָלענע באַקן זענען אים אראָפּגעהאָנגען, אַן אומעט האָט געהערשט אין זיין נשמה. די סיבה דערפון איז געווען, וואָס אונטער זיין פירערשאַפט איז דער סעמינאר געגאַנגען צו אפגרונט. אין קאַסע איז געווען אַ דעפיציט, דער קצב לאַפּאָלי, ווען ער איז שולדיק געווען צען טויזנט צוויי הונדערט און איינאונדרייסיק פראַנק, האָט כסדר געמאָנט ביי אים געלט. זיין שטאָלץ האָט שטאַרק געליטן פון די פאַרווורפן פון זיין עמינענץ, דעם קאַרדינאַל ערצבישאָף. די מיטרע, נאָך וועלכער ער האט אויסגעצויגן די האַנט, האָט זיך פון אים ארויסגעגליטשט. ער האָט זיך אויסגעמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע, ווי מען שיקט אים ארויס ערגעץ אין אַ פּאַרוואָרפענע דאָרפישע דיעצעזיע. ער האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדעט צו ה' בערזשערע און געזאָגט:

— פראַנקרייך דערוואַרטן אין דער נאָנטסטער צוקונפט די שרעקלעכסטע צרות.

XIII

ה׳ בערזשערע פלעגט איצט זיין אן אָפטער איינגייער אין שענק. יעדן אָוונט פלעגט ער פאַרברענגען אין קאַפע דע לאַ קאָמעדיאַ. זיין פירונג איז שאַרף פאַראורטיילט געוואָרן דורך די העכערע ספערן. ער האָט אָבער הנאה געהאַט דאָרט צו פאַרברענגען, וואָרים ס׳האָט געהערשט דאָרט אַ וואַרעמקייט און אַ ליכטיקייט, וואָס האָבן נישט געהאַט דעם בייגעשמאַק פון זיין פאַמיליען־לעבן.

ער פלעגט דאָרט לייענען צייטונגען און באַגעגענען פני־מער פון מענטשן, וואָס האָבן אים נישט געוווּנשן קיין שלעכטס. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך דאָרט באַגעגנען מיטן ה׳ גובען, זיין געליבטעסטן תלמיד נאָכן פאַרראַט פון ה׳ רו.

ה׳ בערזשערע האָט פון שטענדיק אָן געמוזט האָבן עמיצן, וועמען ער האָט ליב געהאַט מער פאַר אַנדערע, וואָרים זיין עסטעטישע נשמה האָט ליב געהאַט אויסצוקלויבן. ער האָט אויסגעקליבן דעם ה׳ גובען. ער האָט אים אָבער צו שטאַרק נישט געליבט. און אין דער אמתן איז ה׳ גובען אויסערלעך נישט געווען איבריק סימפּאַטיש. אַ דאַרער, אַ מאָגערער, הויט און ביינער, מיט פאַרחלומטע אויגן, באַהאַלטן הינטער זייערע גרויסע ברילן, די ליפּן פאַרביסן, האָט ער געהאַט אַלע חסרונות, דעם פּוס און די נשמה פון אַ מיידל. חוץ דעם איז ער געווען געבוי און אויסגערעכנט אין זיין באַנעמונג. צו זיין קליינטשי־קער פיגור זענען געווען צוגעטשעפּעט אַ פּאָר ריזיקע אויערן,

אָס איינציקע, וואָס האט זיך אָנגעזעען אין דאָזיקן נישטיקן אָרגאַניזם. ה׳ גובען האָט זיך דערפאר אָבער אויסגעצייכנט מיט אַן איינגעבוירענער פעיקייט צו הערן יענעמס רייד.

ה׳ בערזשערע פלעגט שמועסן מיטן ה׳ גובען ביי צווי גלעזער ביר און ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון די דאָמינאָ-שטיינער, וואָס האָבן אַלע ווילע אָפּגעקלאַפּט אין די שכנותדיקע מער-מעלנע טישלעך. אַרום עלף א זייגער אין אָוונט פלעגט זיך דער פּראָפעסאָר אויפהויבן פון אָרט, זיין תלמיד האָט נאָכגעטון זיין ביישפּיל. און זיי זענען געגאַנגען דורמן ליידיקן טעאַטער-פּלאַץ און דורך די פינצטערע גאַסן, ביז צו דער טרויעריקער רי דע טענטעלערי.

אַנומלט האָבן זיי אַזוי שפּאַצירט אין א מאַי-נאַכט. די לופט, אפּגעשווענקט נאָך א שטורעם-רעגן, איז געווען פריש, לייכט און דורכגעזאַפּט מיט ריחות פון דער ערד און פון בלעטער. אויפן הימל, אָן וואָלקנס און אָן א לבנה, זענען אין דער טונ-קעלער טיפעניש פאַרהאָנגען געווען אָן א שיעור טראָפּנס ליכט. ווייס ווי דימענטן, וואָס האָבן זיך דא און דארט אויסגעמישט מיט בלויע אדער רויטע טראפּנס ליכט.

ה׳ בערזשערע האט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און לאַנג באטראכט די שטערן. ער האט זיך גוט געקענט אויף די שטערן-קאָנסטעלאַציעס. מיטן הוט פאַררוקט אין א זייט, האט ער מיטן שפּיץ פון שטעקן, געוויזן דעם הער גובען די צווי-לינג-קאָנסטעלאַציע און ארויסגעשעפּטשעט דעם פערז:

„זאָלן די צווילינג-ברידער פון העלענע
שטיל מאַכן די יאָנישע כוואַליע
פון אונטער דיינע שיפן,
אָדער זאָל אויף די ברעגעס פון פעסטום..."

דערנאָך מיטאַמאָל:

— צי ווייסט איר, ה׳ גובען, אַז מיר האָבן באַקומען פון אַמעריקע ידיעות וועגן ווענוס, און אז די דאָזיקע ידיעות זענען נישט קיין גוטע?

ה׳ גובען האָט געהאָרכזאַם אָנגעהויבן צו זוכן דעם פלאַ-

נעט אויפן הימל. דער פּראָפעסאָר האָט אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווענוס איז שוין אונטערגעגאַנגען.

— דער דאָזיקער שיינער פּלאַנעט, — האָט ער געזאָגט,— איז אַ גהינום פון אייז און פון פייער. דאָס ווייס איך פון ה׳ קאַמיל פלאַמאַריאָן אַליין, וואָס באַלערנט מיך יעדן חודש, אין אויסגעצייכנטע אַרטיקלען, וועגן אַלע נייעסן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די הימלישע קערפּערס.

„ווענוס ווייזט שטענדיק דער זון די זעלבע זייט פון איר קויל, ווי די לבנה לגבי דער ערד. אַזוי פאַרזיכערט דער אַסטראָנאָם פון האַמילטאָן-באַרג. אויב מ׳זאָל אים גלויבן, איז איין האַלבקויל פון ווענוס אַ אָנגעגליטע וויסטעניש, און די צווייטע — א מדבר, ווו ס׳הערשן אייביקע פינצטערנישן און קעלטן. און דער דאָזיקער שיינער פּלאַנעט, וואָס לייכט אונז אין די פרימאָרגנס און אָוונטן איז די ממשלה פון שטילקייט און טויט.

— טאקע? — האָט ה׳ גובען געפרעגט.

— אזוי גלויבט מען היינטיקס יאָר. — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — וואָס שייך מיר בין איך נישט ווייט פון צו גלויבן, אַז דאָס לעבן, לכל-הפחות אין דער פאָרם, אין וועלכער עס מאַניפעסטירט זיך אויף דר׳ערד, איך וויל דער-מיט זאָגן, אַז דער צושטאַנד, אין וועלכן עס טרעט אַרויס די אָרגאַנישע סובסטאַנץ אין די פלאַנצן און אין די חיות, איז אַ רעזולטאַט פון אַ תוהו-ובוהו אין דערווירטשאַפט פון פּלאַ-נעט, א קרענקלעכער פּראָדוקט, אַ צרעת, עפּעס עקלדיקעס, וואָס מ׳וועט בשום אופן נישט געפינען אויף אַ געזונטן און גוט געבויטן פלאַנעט.

„דער דאָזיקער געדאַנק געפעלט מיר און טרייסט מיך. וואָרים סוף כל סוף וואָלט געווען זייער טרויעריק צו טראַכטן, אַז די אַלע זונען, אָנגעצונדענע איבער אונזערע קעפּ, וואַ-רעמען אויך אַזעלכע עלנטע פלאַנעטן, ווי אונזער ערד, און אַז דער וועלטאַל מערט אָן אַ שיער און אָן אַ סוף יסורים און העסלעכקייט.

„מיר קענען נישט רעדן וועגן די פּלאַנעטן, וואָס זענען אָפּהענגיק פון סיריוסן, אַלדעבאַראַן, אַלטאַיר אָדער פון דער וועגאַ-קאָנסטעלאַציע, וועגן די דאָזיקע טונקעלע שטויבעלעך, וואָס וואָלטן געקאָנט באַגלייטן די פייערדיקע טראָפּנס, צעהאַנ-געגע איבערן הימל, וואָרים מיר ווייסן זייער ווינציק וועגן זייער עקזיסטענץ; וועגן זייער עקזיסטענץ האָבן מיר אויף אזוי פיל אַן אָנונג, אויף וויפל מיר פירן דורך אַן אַנאַלאָגיע צווישן אונזער זון און אַנדערע פלאַנעטן פון וועלטאַל.

אויב מיר שאַפן זיך וועלכן עס איז באַגריף וועגן די פּלאַנעטן פון אונזער סיסטעם, איז עס אַלנפאַלס דער באַגריף, אַז דאָרט הערשן נישט אַזעלכע לעבנס-פאָרמען ווי דאָ אויף דער ערד. מ׳קאָן נישט אָננעמען, אַז עס זענען פאַראַן אָרגאַ-נישע באַשעפענישן אינם כאַאָס, וואָס הערשט אויף די ריזידיקע פּלאַנעטן ווי סאַטורן און יופּיטער. אוראַנוס און נעפּטון האָבן נישט קיין ליכטיקייט און נישט קיין וואַרעמקייט. די צעפאַלונג וואָס מיר רופן אָן דאָס אָרגאַנישע לעבן, וואָלט זיך נישט געקאָנט אַנטוויקלען אין די דאָרטיקע באַדינגונגען. ס׳איז אויך שווער צו גלויבן, אַז דער צעפאַלונגס-פּראָצעס זאָל פאָרקומען אין דעם שטערן-שטויב, וואָס איז פונאַנדערגעהאַנגען אינם עטער צווישן די אָרביטן פון מאַרס און יופּיטער, און איז נישט מער, ווי אַ צעשטויבטע מאַטעריע פון אַ פּלאַנעט.

„דער קלענער פּלאַנעט מערקור ווייזט זיך אויס צו זיין צו הייס און פלאַמענדיק, אַז אויף אים זאָל געשאַפן ווערן יענער שימל, וואָס עס שטעלט פאָר מיט זיך דאָס לעבן פון חיות און פון פלאַנצן. די לבנה איז אַ טויטער פּלאַנעט. איצט ווערן מיר געוויר, אַז די טעמפּעראַטור פון ווענוס איז נישט גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אָרגאַנישן לעבן, מיט איין וואָרט עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מענטשן-ענלעך באַ-שעפעניש אינם גאַנצן זון-סיסטעם, חוץ אפשר דעם פּלאַנעט מאַרס, וואָס האָט צום אומגליק אַ געוויסע ענלעכקייט צו אונ-זער ערד. ס׳איז דאָרט פאַראַן לופט און וואַסער אָבער אין אַ גאַנץ קליינעם קוואַנטום, אַזוי אַז דאָרט איז ליידער פאַראַן

די פעגלעכקייט פאר דער באשאפונג פון חיות, ענלעכע צו אונז.

— ס׳איז אמת, אז מארס גילט פאר א באוווינטן פלאנעט ?

— האָט ה׳ גובען געפרעגט.

— מ׳האָט פון צייט צו צייט געפרווט זיך דאָס משער צו זיין, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — דער דאָזיקער פלאנעט איז אונז זייער ווייניק באקאנט. ער ווייזט זיך אויס צו זיין אין א כסדר פארענדערלעכן און אומרויקן צושטאנד. מ׳זעט אויף אים קאנאלן, וואָס זייער אפשטאמונג און נאטור זענען אומבאקאנט. און מיר זענען נישט זיכער, צי דער דאזיקער שכנותדיקער פלאנעט ווערט פאראומערט און געשענדעט דורך מענטשן-ענלעכע באשעפענישן.

ה׳ בערזשערע האט זיך אפגעשטעלט פאר זיין וווי-נונג, און צוגעגעבן:

— כ׳וויל גלויבן, אז דאס ארגאנישע לעבן איז א שלעכטס, וואס איז בלויז באשערט געווען אונזער מיאיסן, קליינעם פלא-נעט. ס׳וואלט באמת געווען טרויעריק צו טראכטן, אז מ׳פרעסט און מ׳ווערט אויפגעפרעסן אינם אין-סוף פון די הימלען.

XIV

דער פיאקר, וואס האט געפירט מאדאם ווארמס-קלאוועלען איבער פאריז איז פארבייגעפארן דעם מאיאָ-טויער צווישן א שורה קראַטעס, פארענדיקטע מיט שפיציקע פיקעס, לעבן וועלכע פארשטויבטע ראגאטקע-שומרים און אפגעבּרענטע בלומען-פארקויפערינס האבן געדרימלט אויף דער זון. דער פיאקר האט רעכטס געלאזן הינטער זיך דעם בולוואר דע לא רעוואלט, ווו נידריקע, רויט-געמאלטע, פארשימלטע שענקן און עלנטע אלטאַנעס האבן זיך איבערגעקוקט מיט דער קליינער באזיליקע פון סען-פערדינאנד, ביי דער זייט פון א פינצטערן מיליטערישן גראבן פול מיט צעטרעטן שווינדזיכטיק גראז; דערנאך האט ער פארקירעוועט אין דער רי דע שארטר, א מרה-שחורהדיקע און אייביק פארשטויבטע פון די צעמאלטע שטיינער, און איז אַריינגעפארן אין די הערלעכע, שאטנדיקע אלעען פון אמאליקן קיניגלעכן פארק, וואס איז איצט געווען צעשניטן אין קליינע בירגערלעכע באלעבאטישקייטן.

אויפן רויקן שאסעע, ווו דער פיאקר האט זיך שווער געקאלערט צווישן צוויי שורות פלאַטאנען, פלעגן ציקליסטן פון צייט צו צייט איבעררייסן די שטילקייט און רויקייט; געקליידעט אין העלע קליידער, מיט איינגעבויגענע רוקנס, דורכשניידנדיק מיטן קאפ די לופט, פלעגן זיי זיך דורכגליטשן פארביי די רייטנדיקע פערד. זייער שנעל פארן, ענלעך צו אן אויסגעצויגענער שורה פליענדיקע פייגל, די לייכטקייט פון

זייערע באוועגונגען, און די שיינע באשריבענע קריינען, האבן
געהאט אין זיך א סך חן און גראציע.

צווישן די שטאמען פון די ביימער, וואס זענען גע-
וואקסן ביים וועג, האט מאדאם ווארמס-קלאוועלען דערזעען
הינטער די קראטעס, גראָז-פלעצער, קליינע באסיינען, און גע-
שמאקלאזע גאניקלעך. זי האט געחלומט זיך צו באזעצן אויף
די עלטערע יארן אין אזא ענלעך הייזל, ווייס געקאלעכט און
מיט אַ שינדל-דאך ווארים זי איז געווען אַ באַשיידענע און אַ
שכלדיקע אין אירע באַגערן, און טיף אין איר האַרץ האָט גע-
שלומערט אַ ליבשאַפט צו הינער און קיניגלעך.

אין די ברייטע אַלעען האָבן זיך דאָ און דאָרט אויפ-
געהויבן הויכע געביידעס, באַזיליקעס, דערציונגס-אַנשטאַלטן,
אַזיל-הייזער, שפּיטעלער, אַן אַנגליקאַנישע קירך מיט אַ טורעם
אין שטייפן גאָטיק-סטיל, פרומע פונדאַציעס, ערנסטע און רוי-
טע געביידעס, מיט אַ צלם איבער דער טיר און אַ שווארצן
גלאָק קעגנאיבער דער וואַנט מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער קייט.

דערנאָך האָט דער פּיאַקר זיך אַוועקגעלאָזט טיפער אין
דער נידעריק ליגנדיקער און פוסטער גאָרטן-געגנט, ווו די
גלעזערנע שויבן פונקלען אין דער זון, לענגאויס די שמאָלע,
זאַמדיקע אַלעען, ווו סישיסן אומגעריכט אַרויס קאָמישע
קיאָסקן, אויפגעבויט פון עפּעס אַ דאָרפישן אַרכיטעקט, אָדער
פּניאַקעס פון פאַרדאַרטע ביימער, נאָכגעמאַכט פון זאַמדשטיין,
מיט וואָס די גאָרטנס ווערן געוויינלעך באַפּוצט. דאָ, אין באַ-נעי
פילט מען די פרישקייט פון דעם נאָענטן טייך, די רויכן פון
דער פייכטער ערד, ווו עס איז גאָר נישט לאַנג צוריק, לויט
דער מיינונג פון די געאָלאָגן, געווען אַ שטייענדיק וואַסער;
אין דער לופטן טראָגן זיך דאָ אַרום דעמפּיקע ריחות פון זומפּן,
אויף וועלכע דער ווינט פלעגט קויב מיט אַ יאָר טויזנט אָדער
פופצן הונדערט צוריק, איינבייגן די רערשטעקעלעך.

מאַדאַם וואָרמס-קלאַוועלען האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצ-
טער: זי איז געווען נאָנט צום ציל. פאַר אירע אויגן האָבן
ביים סוף פון דער אַלעע זיך אַנגעהויבן צו באַווייזן די דינע

שפּיצן פון די הימלבּיימער, וואָס זענען געוואָקסן לענגאויס דעם טייך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רירעוודיק און פיבערהאַפט לעבן. מ'האָט געזעען אָן אַ שיער הויכע מויערן און דעכער מיט צוגעשניטענע שפּיצן.

דער פּיאַקר האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויס מאָדערן הויז, געבּויט מיט אַ געוויסער שפּאָרעוודיקייט און אפילו מיט אַ שפּאָר ביסל קאַרגשאַפט; הגם דעם הויז האָט געפעלט קינסטלערישער געשמאַק און גראַציע, האָט עס פונדעסטוועגן געמאַכט אַ פיינעם איינדרוק און ס'איז געווען פאַרזעען מיט שמאָלע פענצטער, צווישן וועלכע מ'האָט לייכט געקאָנט דערקענען פענצטער פון אַ באַזיליקע, אַדאַנק זייערע קאָלירטע שויבן אין בלייערנע ראַמען. אויף דעם דאָזיקן פלאַכן פאַסאַד, אָן באַפּוצונגען, האָט בלויז די סטרוקטור פון דאַך זייער דיסקרעט דערמאַנט אָן די טראַדיציעס פון דער נאַציאָנאַלער און קריסטלעכער קונסט; אינם דאַך זענען געווען אויסגעהאַקט דרייקאַנטיקע פענצטערלעך, באַפּוצט מיט אָרנאַמענטן אין דער פאָרם פון קאָניטשינע.

איבערן פראָנטאָן פון דער אַריינגאַנגס-טיר, האָט אַ געשניצטע אַמפּל פאַרגעשטעלט מיט זיך די כּלי, יוסף פון אַרימאַטעיע האָט צונויפגעזאַמלט דאָס בלוט פון אויסלייזער. דאָס איז געווען דער עמבּלעם פון דער פונדאַציע: „דאַמען פון הייליקן בלוט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1829 דורך מאַדאַם מאַריע לאַטרעי און איז אין יאָר 1868 באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מלוכה, אַדאַנק דער גינסטיקער אונטערשטיצונג פון דער קייזערין עוגעניע. די דאַמען פון הייליקן בלוט האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דערציונג פון יונגע מיידלעך.

מאַדאַם וואָרמס קלאַוועלען איז אַרויסגעשפּרונגען פון פּיאַקר. זי האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט פאָרזיכטיק און מיט אומצוטרוי, און זי איז אַריין אין אויפנאַמע-צימער. אין דער זעלבער צייט האָט די דינערין מודיע געהען דורך אַ רערל, אַז די מאַדאַם וואָרמס-קלאַוועלען וויל זיך זען מיט פריילין קלאַוועלען.

אינם אויפנאמע-צימער זענען געשטאנען א פּאָר געפּלאָכטע שטולן, איין דער ווייסער וואנט, אין א נישע, האָט א הייליקע יונגפרוי, געמאָלט אין בלאסע קאָלירן, מיט א צארט פּנים, אויסגעשפּרייט אירע אָרעמס. אינם גרויסן, קאלטן און ווייסן צימער האָט געהערשט א שטילקייט, רויקייט און אָרדנונג. ס'האָט ארומגעשוועבט אין אים א געהיימע קראפט, א סאָציאלע מאכט, וואָס האָט זיך נישט אָנגעזען.

מאדאם וואָרמס-קלאווען האָט מיט א געוויסער הנאה איינגעאָטעמט אין זיך די לופט פון צימער, א פייכטע לופט אויסגעמישט מיטן איבלדיקן ריח פון דער קיך. איר יוגנט האָט זי פארבראכט אין די טומלענדיקע שולן פון מאָנמארטר, ווו קינדער, אויסגעשמירטע מיט טינט און קאָנפיטורן, ווארפן זיך איבער איינס דאָס אנדערע מיט מיאוסע רייד און העסלעכע זידעסטן, דעריבער האָט זי זיך באצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו דער שטרענגקייט פון דער רעליגיעזער און אריסטאָקראטי-שער עדוקאציע.

זי האָט בכיוון אָפּגעשמדט איר טאָכטער, כדי זי זאָל קענען אָנגענומען ווערן אין א דיסטינגירטן קלויסטער. זי האָט געטראכט:

„זשאננע וועט באקומען א בעסערע דערציונג, און זי וועט האָבן מער שאנסן בעסער חתונה צו האָבן."

זשאננע איז אָפּגעשמדט געוואָרן אין עלפטן לעבנס-יאָר, בסוד-סודות, וואָרים צו יענער צייט איז געווען ביי דער מאַכט א ראדיקאל מיניסטעריום. זינט דעמאָלט האָבן זיך די רעפּובליק און די קירך דערנענטערט איינע צו דער אנדערער. מחמת דעם אָבער, וואָס מאדאם וואָרמס-קלאווען האָט נישט געוואָלט דערצערענען די ראדיקאלן אין דעפּארטאמענט, האָט זי פאר קיינעם נישט אויסגעזאָגט, אז איר טאָכטער ווערט דערצויגן אין רעליגיעזן גייסט.

די געהיימניש איז אָבער אנטדעקט געוואָרן, און פון צייט צו צייט פלעגט דאס קלעריקאלע דעפּארטאמענט-בלעטל פארעפנטלעכן וועגן דעם א נאטיץ, וואָס דער סעקרעטאר פון

דער פּרעפעקטור, ה׳ לאַקאַרעל, פּלעגט אונטערשטרייכן מיט אַ בלייער באַשטימטע אין אונטערדרוקן דעם פּרעפעקט. יענער האָט געלייענט :

„צי איז אמת, אַז דער יודישער פּאַרפּאָלגער, אַוועק־געשטעלט דורך די מאַסאָנען אין שפּיץ פון דער דע־פּאַרטאַמענטאַלער אַדמיניסטראַציע, כּדי צו באַקעמפן גאָט צווישן אונזער גלויביקער באַפעלקערונג, דערציט זיין טאָכטער אין אַ קלויסטער ?״

ה׳ וואָרמס־קלאַוועלען האָט געהויבן מיט די פּלייצעס און אַריינגעוואָרפן דאָס בלאַט אין קויש אַריין. אויף צומאָרגנס פּלעגט דער רעדאַקטאָר פון קאַטוילישן בלעטל אינספּירירן אַ נייע נאָטיץ, אויף וואָס מ׳האָט איבריקנס זיך געקאָנט ריכטן נאָכן איבערלייענען די ערשטע ידיעה.

„איך האָב אָנגעפרעגט ביים יודישן פּרעפעקט, וואָרמס־קלאַוועלען, צי ס׳איז אמת, אָז ער דערציט זיין טאָכטער אין אַ קלויסטער. דער דאָזיקער מאַסאָן האָט אָבער נישט געהאַלטן פאַר נויטיק מיר צו ענטפערן, איך וויל דעריבער ענטפערן פאַר אים אויף מיין פראַגע. דער דאָזיקער אומפאַרשעמטער ייד האָט נאָכן אָפּשמדן זיין טאָכטער, זי אַריינגעגעבן אין אַ קאַטוילישער דער־ציונגס־אַנשטאַלט.

„פריילין וואָרמס־קלאַוועלען ווערט דערצויגן אין דער אַנשטאַלט פון „די דאַמען פון הייליקן בלוט״ אין נעי־סיר־סען.

„ס׳איז פּשוט אַ פאַרגעניגן צו זעען, מיט וואָס פאַ־ראַ אויפריכטיקייט עס צייכנען זיך אויס די דאָזיקע ווילדע יונגען !

„די וועלטלעכע, אַטעיסטישע, פאַרברעכערישע דער־ציונג איז גוט פאַרן המון, וואָס דערנערט זיי !

„זאָל די באַפעלקערונג וויסן אין וועלכן לאַגער עס געפינען זיך די צבועקעס !״

ה׳ לאַקאַרעל, דער סעקרעטאַר פון דער פּרעפעקטור פלעגט אונטערשטרייכן די נאָטיץ מיט אַ בלויער בלײַשטיפט און אויס־שפרייטן דאָס בלעטל אויפן פּרעפעקטס אַרבעטס־טיש, יענער פלעגט עס אָבער אַלעמאָל אַרײַנוואַרפן אין קויש אַרײַן.

ה׳ וואָרמס־קלאַוועלען פלעגט אָנזאָגן די רעגירונגס־בלעטער, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַנגאַזשירן אין דער פּאָלעמיק. און די דאָזיקע קליינע אַפּערע פלעגט גאָר גיך פאַרגעסן ווערן, זי פלעגט פאַרפאַלן ווערן אין אַ תהום פון פאַרגעסנקייט, ווו עס זינקען איין, נאָך אַן אויגנבליק פון טומל, חרפּות און רומפּולע טאַטן די פאַרדינסטן און סקאַנדאַלן פון רעזשים.

מאַדאַם וואָרמס־קלאַוועלען, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט דער קראַפט און רייכקייט פון דער קירך, האָט זיך געהאַלטן ענערגיש ביי דאָס איריקע, אַז זשאַננע דאַרף דערצויגן ווערן ביי די פרומע שוועסטער, וואָרים נאָר ביי זיי קאָן מען זיך אויסלערנען גוטע מאַניערן.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ באַשיידענער מינע, באַהאַלטנדיק די פיס אונטערן קלייד, ווי דאָס האָט געטון די בלוי־ווייס־ראָזע יונגפרוי פון דער נישע. מיט די שפּיצן פינגער האָט זי געהאַלטן אַ קעסטעלע שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט געבראַכט פאַר זשאַננע.

אַ גרויס מיידל איז ווי אַ פייל פון בויגן אַרײַנגעפאַלן אין אויפנאַמע־צימער, אַ שלאַנקע אין איר שוואַרץ קלייד, אַרומגע־גאַרטלט מיט אַ רויטן פּאַס.

— גוטמאָרגן, מאַמע!

מאַדאַם וואָרמס־קלאַוועלען האָט זי באַטראַכט מיט מוטער־לעכער צערטלעכקייט, זי האָט זי צוגעצויגן צו זיך, באַטראַכט אירע ציין, געהייסן איר זיך אויסגלייכן, באַטראַכט איר פיגור, די פלייצעס און אָרעמס. זי איז ווייזט אויס געווען צופרידן.

— מיין גאָט! ווי אויפגעוואַקסן דו ביסט געוואָרן. דו האָסט אַזעלכע לאַנגע הענט!...

— מאַמע, פאַרשעם מיך נישט. כ׳ווייס אַליין נישט, ווו זיי אַהינצוטון.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעשפּרייט אירע רויטע

חענט אויף די קני. זי האט געענטפערט העפלעך און מיד אויף די פראגן וועגן איר געזונט, בנוגע די היגיענישע אינס־טרוקציעס און די פארשריפטן, וואס האבן א שייכות מיטן איינעמען טראן. דערנאך האט זי געפרעגט:

— און פאפא?

מאדאם ווארמס־קלאוועלען איז כמעט איבעראשט געווארן, וואס מ׳פרעגט ביי איר אן וועגן איר מאן, נישט דערפאר, וואס זי זאל האבן געווען גלייכגילטיק צו אים, נאר מחמת דעם, וואס זי האט זיך נישט געקאנט פארשטעלן, אז מ׳זאל קענען זאגן עפעס נייעס וועגן דאזיקן קאלטן, אומדערשיטערלעכן מאן, וואס האט קיינמאל נישט געקרענקט און זיך נישט אויסגעצייכנט מיט עטוואס באזונדערס, סיי אין זיינע מעשים, און סיי אין זיינע רייד.

— דיין פאטער? וואס האט אים געזאלט געשעען? מיר גע־הערן צו די העכערע קרייזן, און מיר האבן נישט לחלוטין קיין חשק עטוואס צו ענדערן.

זי האט אבער א טראכט געטון, אז מ׳וואלט בעדארפט א טראכט טון ארייננצוקריגן זיך אין דעם פינאנס־ראט אדער אין מלוכה־ראט. און אירע שיינע אויגן האבן זיך טרוימעריש פארנעפלט.

איר טאכטער האט געפרעגט וועגן וואס זי טראכט.

— איך טראכט, אז מיר וואלטן געקאנט אמאל צוריק־קערן זיך קיין פאריז. כ׳האב ליב פאריז. מ׳וועט זיך אבער דא מיט אונז ווייניק רעכענען!

— דער פאטער איז דאך אבער זייער פעיק. די שוועס־טער סענט־מאריע־דעזאנזש האט דאס געזאגט אין קלאס. זי האט געזאגט: „פריילין דע קלאוועלען, אייער פאטער האט ארויסגעוויזן גרויסע אדמיניסטראטיווע פעיקייטן.״

מאדאם ווארמס־קלאוועלען האט געשאקלט מיטן קאפ.

— מ׳דארף צו האבן א סך געלט, כדי ווי עס איז זיך איינצוארדנען אין פאריז.

— דו האסט ליב פאריז, מאמע. איך האב דווקא ליב דאס דארף.

— דו קענסט נישט דאָס דארף, מיין טייערע.

— אבער, מאמע, מ׳האט נישט ליב דאָס, וואס ס׳איז באקאנט.

— ס׳איז דא א סך אמת אין דיינע רייד.

— דו ווייסט נישט, מאמע ?... כ׳האב באקומען אן ערן־דיפּלאָם פאר אן ארבעט פון געשיכטע. מאדאם דע סען־זשאזעף האט געזאגט, אז איך בין געווען די איינציקע, וואס האט גרונט־יעך באארבעט די טעמע.

מאדאם ווארמס־קלאוועלען האט ווייך געפרעגט

— וואס פארא טעמע !

— די פראגמאטישע סאנקציע.

מאדאם ווארמס־קלאוועלען האט געפרעגט, דאָסמאָל מיטן אַקצענט פון ווירקלעכער איבערראַשונג :

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס ?

— דאָס איז די שולד פון שאַרל דעם זיבנטן. דאָס איז טאַקע זיין גרעסטער חטא.

מאַדאַם וואָרמס־קלאַוועלען האָט נישט אינגאַנצן פאַרשטאַ־נען דעם ענטפער. זי האָט זיך אָבער דערמיט צופרידנגעשטעלט, וואָרים זי האָט זיך זייער ווייניק אינטערעסירט מיט דער גע־שיכטע פון מיטלאַלטער. זשאַננע, וואָס איז אָבער געווען באַ־הערשט פון איר טעמע, האָט ווייטער גערעדט אין אַן ערנסטן טאָן :

— יאָ, מאַמע. דאָס איז דער גרעסטער חטא פון זיין הער־שאפט, דאָס איז אַ פאַרגוואַלטיקונג פון די רעכט פון הייליקן טראָן, אַ פאַרברעכערישע באַרויבונג פון הייליקן פאָטערס ירושה. דער דאָזיקער חטא איז צום גליק פאַריכט געוואָרן דורך דעם קיניג פראַנסואַ דעם ערשטן... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן, צי ווייסטו מאַמע ? די גוווערנאַטין פון אַליס איז, ווי מיר זענען געוויר געוואָרן, אַ געוועזענע קאָקאָטע...

מיט אַן אָנגרייפנדער ענערגיע האָט מאַראַם וואָרמס־קלאַ־וועלען פאַרזאָגט איר טאָכטער, אַז זי זאָל זיך מער נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע אַנטדעקונגען :

— דו ביסט אַ נאַריש מיידל, זשאַננע. דו פּלאַפּלסט שטות־ערייען, און גיסט דיר נישט אָפּ קיין דין וחשבון וועגן דיינע רייד...

זשאַננע האָט אַ ווײַלע סודותדיק געשוויגן; מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— מאַמע, כ׳מוז דיר זאָגן, אַז מיינע אונטערוועש גע־פינען זיך אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד. דו ווייסט דאָך, אַז די וועש־פראַגע האָט דיך קיינמאָל נישט איבעריק אינטערעסירט. איך וויל דיר נישט מאַכן קיין פאָרוווּרף; פאַראַן מענטשן, וואָס האָבן ליב וועש, אַנדערע האָבן ליב קליידער, אַנדערע גאָר — ביזשוטעריע. דו האָסט ליב צירונג. איך למשל האָב ליב פיינע וועש... מיר האָבן לעצטנס אָפּגעריכט אַ גאָטעסדינסט. כ׳האָב מתפּלל געווען פאַר דיין און דעם פּאַפּאַס נשמה וועגן, און לסוף האָב איך פאַרדינט פיר טויזנט ניין הונדערט זיבן און דרייסיק תשובה־טעג.

— איך האב אַ סך סענטימענטן פאַר דער רעליגיע, — האט ה׳ דע טערמאנדר געזאגט, — איך האלט אבער, אַז די רייד, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן דורכן פאטער אליוויער, זענען נישט געווען אויפן ארט. איבעריקנס, אַזוי האלטן אויך אַלע.

— איר פאראורטיילט אים מסתמא דערפאר, — האט ה׳ לאַנטען געענטפערט, — וואס ער האט פארטייטשט די דאָזיקע קאטאַסטראפע, ווי א שטראף פון גאט אויף דער גאווה פון די אפיקורסים. איר ווארפט אים פאר זיינע רייד, ווו ער האט אויפגעוויזן, אז דאס ביז איצט אויסדערווײלטע פאלק ווערט איצט געשטראפט פאר זיינע מרידות און חטאים. צי האט ער אפשר זיך געזאלט אפזאגן פון פארטייטשן די דאזיקע שרעקלעכע סצענעס?

— ער האט באדארפט, — האָט ה׳ דע טערמאנדר געענטפערט, — זיך צו האלטן אין דער מאָס. די אנוועזנהייט פון מלוכה-שעף האט געפאדערט פון אים זיך צו פארהאלטן אין א געוויסער רעזערוו.

— ס׳איז אמת, — האט ה׳ לאנטען געזאגט, — אז דער דאזיקער פריסטער האט פנים אל פנים פון פרעזידענט און די מיניסטארן פון דער רעפובליק, פון די מעכטיקע און רייכע, פון די שולדיקע אין אלע אונזערע חרפות, געהאט די דרייסטקייט צו דערקלערן, אז פראנקרייך האט פארראטן איר הונ-

דערטיעריקע שליחות דערמיט, וואס זי האט זיך אפגעקערט פון די אריענטאלישע קריסטן, וועלכע ווערן אויסגעשאכטן אין די טויזנטער, און זי האט אויף אַ געמיינעם אופן פאַוואריזירט די האלבע לבנה קעגן דעם צלם.

ער האט געהאט די העזה צו זאגן, אז דאס פאלק, וואס איז א לאַנגע צייט געווען געטריי דעם גלויבן, האט פארטריבן דעם אמתן גאט פון זיינע שולן און פארזאמלונגען. און איר ווארפט אים דאס פאר, ווי א פאַרברעכן, איר, הער דע טער-מאנדר, איינער פון די פירער פון דער קאטוילישער פארטיי אין אונזער דעפארטאמענט?

ה׳ דע טערמאַנדר האָט פאַרזיכערט וועגן זיין איבערי-געגעבנקייט צו די אינטערעסן פון דער רעליגיע. ער האָט זיך אָבער ווייטער געהאַלטן ביי זיין מיינונג. ערשטנס איז ער נישט פאַר די גריכן, נאָר פאַר די טערקן און לכל-הפחות איז ער אַן אָנהענגער פון שלום און ער קען אַ סך קאַטאָליקן, וואָס די אָריענטאַלישע קריסטן זענען זיי לגמרי גלייכגילטיק. צי האָט מען באַדאַרפט באַליידיקן די געפילן פון די דאָזיקע קאַטאָליקן? קיינער איז נישט מחויב צו זיין אַ פילאָ-העלען. דער פויפסט האָט אויך נישט ליב די גריכן.

— געערטער פאָטער, — האָט ער צוגעגעבן, — איך הער מיך אַלעמאָל צו צו אייערע רייד מיטן גרעסטן רעספעקט. איך האַלט מיך אָבער ווייטער ביי דאָס מיינונג, אַז מ׳וואָלט באַדאַרפט רעדן אין אַ מעסיקערן טאָן, אין אַ טאָג פון טרויער און פון האָפנונג, וואָס האָט זיך אויסגעוויזן צו פירן צו אַ פרידן צווישן די קלאַסן...

— און בעת אויף דער בערזע האָט געהערשט אַ האָסע, וואָס איז דאָך דער בעסטער באַוויז פון פראַנקרייכס און איי-ראָפּעס קלוגער פאָליטיק אין די ענינים פון נאָענטן מזרח, — האָט אַרייגגעוואָרפן ה׳ בערזשערע מיט אַ בייז געלעכטער.

— אמת, — האָט צוגעגעבן ה׳ דע טערמאַנדר, — מיר דאַרפן העלפן אַ רעגירונג, וואָס באַקעמפט די סאָציאַליסטן, און וועלכע האָט בלי ספק אַ סך געטון פאַרן פראָגרעס פון

די רעליגיעזע און קאָנסערוואַטיווע אידעען. אונזער פּרעפעקט ה׳ וואָרמס-קלאַוועלען, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז א ייד און אַ מאַסאָן, ווייזט ארויס זייער אַ סך אינטערעס פאַר די אינטערעסן פון קלער.

מאַדאַם וואָרמס-קלאַוועלען האָט געלאָזט קריסטלעך איר טאָכטער און זי אַרייגגעגעבן אין אַ פּאַריזער קלויסטער, ווו זי באַקומט אַ גלענצנדע דערציונג. איך בין וועגן דעם זייער גוט אינפאָרמירט, וואָרים פריילין זשאַננע קלאַוועלען איז אין דעם זעלבן קלאַס, וואָס מיינע שוועסטער-טעכטער ד׳אַנסעי... מאַדאַם וואָרמס-קלאַוועלען איז די פּאַטראָנעסע פון אייניקע קאַטוילישע פונדאַציעס, און נישט געקוקט אויף איר אפּשטאַמונג און פּאָליטישער שטעלונג, באַהאַלט זי נישט לגמרי אירע סימפּאַטיעס פאַר דער רעליגיע און אַריסטאָקראַטיע.

— איך גלויב אייך גערן, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט, — און איר קענט דרייסט באַהויפּטן, אַז דער קאַטאָליציזם אין פראַנקרייך האָט ביים היינטיקן טאָג דעם בעסטן פאַרבונדעטן דווקא אין די רייכע יידן.

— איר האָט גאָרנישט קיין טעות, — האָט ה׳ דע טערמאַנדר געענטפערט, — די יידן גיבן גרויסע נדבות אויף קאַטוילישע פונדאַציעס... אָבער דאָס, וואָס עס שאַקירט אין דער רעדע פון פּאָטער אָליוויער, איז דער אומשטאַנד, וואָס ער שרייבט צו די אידעע פון דער קאַטאַסטראָפע נישט קיין אַנדערן, ווי גאָט אַליין. אַז מ׳האָט אים געהערט רעדן, האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז גאָט אַליין האָט אונטערגעצונדן דעם באַזאַר. מיין מומע ד׳אַנסעי, וועלכע האָט ביייגעוווינט די צערעמאָניע, האָט זיך צוריקגעקערט אַן אויפגערעגטע. איר ווײַט מסתמא נישט אַפּראָבירן אַזעלכע רייד, געערטער פּאָטער, איך בין דערין זיכער.

ה׳ לאַנטען פלעגט צוליב פּאָרזיכטיקייט קיינמאָל נישט אָנהויבן קיין טעאָלאָגישע דיספּוטן מיט וועלטלעכע לייט, וואָס זענען נישט פעיק זיי אונטערצוהאַלטן, נישט געקוקט דערויף וואָס ער האָט ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט צו פּאָלעמיזירן, האָט

ער ווי ווייט מעגלעך געזוכט אויסצומיידן עגלעכע דיסקוסיעס, באַזונדערס אין אַזעלכע מאָמענטן, ווי איצט. ער האט דעריבער געשוויגן און ה׳ בערזשערע האט געענטפערט דעם ה׳ דע טערמאנדר :

— איר וואלט אוודאי געוואלט, מיין הער, אז דער דאָזיקער גלח זאל מוחל זיין דעם ליבן גאט פארן אומגליק, וואס האט זיך צופעליק געטראפן אויף אַ שלעכט געהיטענעם פונקט פון זיין יצירה, און ער זאל נאך דער קאטאסטראפע באקומען אַ טרויעריק, באשיידן און ארנטלעך פנים פון א פאָליציי-פרעפעקט.

— איר מאכט חוזק פון מיר, — האט זיך אנגערופן ה׳ דע טערמאנדר, — צי האט מען אבער באדארפט צו רעדן וועגן תשובה-קרבנות און וועגן מלאך המות? דאס זענען אידעען פון אן אנדער עפאכע.

— דאס זענען קריסטלעכע אידעען, — האט געזאגט ה׳ בערזשערע, — ה׳ לאנטען וועט עס נישט פארלייקענען.

מחמת דעם, וואָס דער גלח האָט כסדר געשוויגן, האָט ה׳ בערזשערע ווייטער גערעדט :

— ס׳איז פאַראַן אין אַ בוך, וואָס הער לאַנטען איז מסכים מיט זיין דאָקטרינע, אינם גלענצנדן „עסיי וועגן רעליגיעזער אינדיפערענץ״ אַ טעאָריע פון תשובה, וואָס איך וואָלט אייך געראַטן איבערצולייענען. איך האָב מיר פאַרצייכנט אין מיין זכרון איין זאַץ, וואָס איך וויל אייך איבערגעבן בוכשטעבלעך : „אונז דריקט אַ פאַטאַל געזעץ, — זאָגט לאַמענע, — אן אומברחמנותדיק געזעץ ; מיר זענען נישט אימשטאַנד זיך צו באַפרייען פון זיין ממשלה. דאָס דאָזיקע געזעץ איז די חרטה, די אומדערשיטערלעכע אַקס פון דער מאָראַל, ארום וועלכער עס דרייען זיך די מזלות פון דער מענטשהייט״.

— אויסגעצייכנט, — האָט ה׳ דע טערמאָנדר געענטפערט — צי איז עס אָבער מעגלעך, אַז גאָט זאָל וועלן אַזוי שטאַרק באַעוולהען אַזעלכע אָרנטלעכע און באַרמהאַרציקע פרויען,

ווי מיין קוזינע קורטרע און מיינע שוועסטערן-טעכטער, לאַנע און פּעליסאַי, וואָס זענען איינגאַנצן אָפּגעבּרענט געוואָרן בעת דער שׂרפה? גאָט איז נישט אומגערעכט און נישט קיין אכזר.

ה׳ לאַנטען האָט צוגעדריקט זיין געבעטבוך צו זיין לינקן אָרעם און זיך געגרייט אַוועקצוגיין. ער האָט זיך אָבער איבערגעלייגט, זיך געווענדעט צו ה׳ דע טערמאָנדר און אויפהויבנדיק די רעכטע האַנט, האָט ער ערנסט געזאָגט:

— גאָט איז נישט געווען נישט אומגערעכט און נישט אכזריותדיק לגבי די דאָזיקע פרויען, וואָס ער האָט אין זיין רחמנות אָנגעשיקט אויף זיי די ערגסטע צרות און פּורענויות. אָבער אויב די קריסטן אַליין האָבן פאַרגעסן וועגן דער באַדייטונג פון קרבן, אפילו וועגן דער נוצלעכקייט פון יסורים, אויב זיי אַליין האָבן פאַרגעסן די הייליקסטע מיסטעריען פון דער רעליגיע, הגם מ׳טאָר נישט צווייפלען וועגן זייער אויסלייזונג, דאַרף מען דערוואַרטן אַ סך שרעקלעכערע, מוראדיקערע סימנים און געטלעכע וואָרנונגען.

„זייט געזונט, הער דע טערמאָנדר, איך לאָז אייך איבער מיטן ה׳ בערזשערע, וואָס איז אפילו נישט קיין רעליגיעזער מענטש, ער פאַלט אָבער נישט אַריין אין דער בושהדיקער עלנט פון דער לייכטזיניקער רעליגיע. בלויז מיט דער שוואַכער הילף פון דער אינטעליגענץ, וואָס ווערט נישט אונטערגעשטיצט דורכן האַרץ, יועט עס אים אויך לייכט אָנקומען אייך מנצח צו זיין.״

ביי די רייד האָט ער זיך דערווייטערט מיט אַ פעסטן, שטייפן שריט.

— וואָס איז אים געשען? — האָט געפרעגט ה׳ דע טערמאָנדר, באַגלייטנדיק אים מיט די אויגן.—מיר דוכט זיך, אַז ער איז אויף מיר באַליידיקט. דאָס איז אַ מאַן, וואָס פאַרדינט רעספּעקט. ער האָט אָבער אַ שווערן כאַראַקטער. זיין גייסט ווערט פאַרביטערט אין כסדרדיקע אָמפּערנישן.

„ער האָט זיך צעקריגט מיט זיין ערצבישאָף, מיט ד

פראָפעסאָרן פון סעמינאַר, מיטן רוב מנין ובנין פון היגן קלערי־ ס׳אגז אַ גרויסער ספק, צי ער וועט ווערן בישאָף. און איך הייב אָן צו גלויבן, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען, סיי פאַר דער קירך און סיי פאַר אים, איבערצולאָזן אים אויף זיין איצטיקן פּאָסטן. ער וואָלט געווען אַ געפערלעכער בישאָף צוליב זיין אומטאָלעראַנץ. וואָס פאַראַ מאָדנער איינפאַל, צו לויבן די דרשה פון פאָטער אָליוויער!

— איך בין אויך מסכּים מיט זיין רעדע, — האָט ה׳ בערזשערע געזאָגט.

— איר — דאָס איז עפּעס אַנדערש, האָט געזאָגט ה׳ דע טערמאָנדר. — אייך ווייַלט עס בלויז, איר זענט נישט רעליגיעז.

— איך בין נישט רעליגיעז, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע; — איך בין אָבער אַ טעאָלאָג.

— איך, — האָט ויך אָנגערופן ה׳ דע טערמאָנדר, — איך בין רעליגיעז, איך בין אָבער נישט קיין טעאָלאָג. און עס פאַרדריסט מיך שטאַרק, בעת איך הער פון דער אַמבאָנע, אַז גאָט האָט געלאָזט פאַרברענען די אומגליקלעכע פרויען, מחמת דעם, וואָס ער האָט געוואָלט באַשטראָפן די פאַרברעכנס פון אונזער לאַנד, וואָס מאַרשירט נישט אין שפּיץ פון איי־ ראָפּע. צי גלויבט דער פאָטער אָליוויער, אַז ביי די היינטיקע אומשטענדן, קומט אונז אויס אַזוי לייכט צו מאַרשירן אין שפּיץ פון אייראָפּע?

— ס׳וואָלט געווען שלעכט, ווען ער וואָלט אַזוי גע־ גלויבט, — האָט געזאָגט ה׳ בערזשערע. — איר אָבער זענט דאָך, ווי כ׳האָב איצט געהערט, דער פירער פון דער קאַטוילי־ שער פּאַרטיי אין דעפּאַרטאַמענט, און דווקא איר האָט דאָך באַדאַרפט וויסן, אַז אייער גאָט האָט פּאַרצייטנס, אין די ביב־ לישע צייטן, שטאַרק ליב געהאַט מענטשלעכע קרבנות, און דער ריח פון בלוט האָט אים פאַרשאַפן אַ הנאה.

„ער האָט ליב געהאַט הריגות און געיובלט, בעת מ׳האָט געמאָרדעט. אַזאַ איז געווען זיין כאַראַקטער, ה׳ דע טערמאָנדר.

ער איז געווען בלוט-גיריק, ווי ה׳ דע גראָמאַנס, וואָס האַלט אין איין שיסן אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, אָפּהענגיק פון דער יאָרצייט, צו סאַרנעס, קוראָפּאַטוועס, קינינלעך, וואַכטלען, ווילדע ענטלעך, פאַזאַנען, און קוקוס. אַלס זיינע קרבנות זענען געפאַלן שולדיקע און אומשולדיקע, קריגער און יונגפרויען. עס ווייזט אויס, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון יפתחס קרבן.״

— איר האָט אַ טעות, — האָט ה׳ דע טערמאָנדר געזאָגט. — מ׳האָט זי געבראַכט אַלס קרבן. דאס איז אבער געווען אן אומבלוטיקער קרבן.

— מ׳האט עס אייך איינגערעדט, — האט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — נעמענדיק אין אַכט אייער עמפפינדלעכקייט. אין דער אמתן איז זי אבער געשאכטן געווארן.

„יהוה איז אלעמאל געווען אַ גרויסער בעלן אויף פריש פלייש. דער קליינער יואש, דערצויגן אין בית-המקדש, האט זייער גוט געוווסט, אויף וואס פארא אופן דער דאזיקער גאט האט ליב קליינע קינדער. בעת די גוטע יהושבע האט אים ארויפגעלייגט אויפן קאפ די קרוין פון די מלכי-יהודה, איז ער געווארן שטארק אומרויק און איר געשטעלט פאלגנדע אינטערעסאנטע פראגע:

„צי דארף איך אויך פאלן א קרבן, און ווי פארציטנס די טאכטער פון יפתח, גאטס כעס מיט מיין
טויט צו שטילן?״

אין יענע צייטן איז יהוה ענלעך געווען צו זיין קעגנער בעל: ער איז געווען אַ ווילדער, אומיושרדיקער און אכזריות-דיקער גאָט. ער פלעגט זאָגן: „דורך די טויטע קערפּער אויף אייער וועג וועט איר דערקענען, אַז איך בין אייער האַר״.

„איר דאַרפט אייך נישט נאַרן, הער דע טערמאָנדר. בעת ער איז איבערגעגאַנגען פון די יידן צו די קריסטן איז יהוה פארבליבן אַ אל קנא ונוקם און ביזן היינטיקן טאָג האָט ער ליב דעם ריח פון בלוט. איך מוז צוגעבן, אַז אין

די היינטיקע צייטן איז ער געוואָרן אַ ביסל מילדער און ער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער דער משופּעדיקייט פון לייכט־קייט און גלייכגילטיקייט, איבער וועלכער מיר אליין קאָ־לערן זיך.

„ער האָט לכל הפּחות אויפגעהערט צו דראָען און צו שעלטן. אין דער איצטיקער רגע זאָגט ער אַרויס זיינע דראָ־ונגען און נקמות דורכן מויל פון פריילין דעניזאַ, וואָס קיינער הערט זיך נישט צו צו אירע רייד. זיינע פּרינציפּן זענען אָבער די זעלבע, ווי אַמאָל. זיין מאָראַלישער סיסטעם האָט זיך אין תוך גענומען גאָרניש געענדערט.”

— איר זענט אַ גרויסער שונא פון אונזער רעליגיע, — האָט ה׳ דע טערמאָנדר געזאָגט.

— בשום אופן נישט, — האָט ה׳ בערזשערע געענט־פערט. — איך געפין אין איר, דעם אמת זאָגנדיק, אַ ריי אינ־טעלעקטועלע און מאָראַלישע סתירות. איך געפין אפילו אין איר אכזריותדיקייטן. די דאָזיקע אכזריותדיקייטן זענען אָבער אַלע אויסגעשליפן דורך יאָרהונדערטער, גלאַט ווי שטיינד־לעך, איינגעאַנצן אויסגעריבן. זיי זענען מיט דער צייט געוואָרן כמעט אומשולדיק.

„איך וואָלט פיל מער מורא געהאַט פאַר אַ נייער רעלי־גיע, וואָס וואָלט געשאַפן געוואָרן לויט געגנוויע פאָרמען. אַזאַ רעליגיע, הגם זי וואָלט זיך געשטיצט אויף די שענסטע און דערהויבנסטע מאָראַלישע יסודות, וואָלט זי לכתחילה פונקציאָ־נירט מיט אַן אומבאַקוועמער שטרענגקייט, מיט אַ פיינלעכער געגנויקייט. איך וואָלט ליבער מסכים געווען אויף אַ פאַרזשאַווער־טע אומטאָלעראַנץ, איידער אויף אַ פריש געשאַרפטע רעליגיע־זע באַרמהאַרציקייט. אויב מ׳זאָל דאָס אַלץ נעמען אין באַ־טראַכט, איז דער פאָטער לאַנטען נישט גערעכט, איך בין נישט גערעכט דערפאַר זענטאיר אָבער גערעכט, הער דע טערמאָנדר.

„די דאָזיקע פאַרצייטיקע יידיש־קריסטלעכע רעליגיע האָט שוין דורכגעמאַכט אַזויפיל יאָרהונדערטער פון מענטשלעכע ליידנ־שאַפטן, פון שנאה און ערדישער ליבע, פון באַרבאַרישע ציווי־

ליזאַציעס, דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון רעליגיעזער שטרענג־
קייט אָדער אויסגעלאַסענער תאווה, וואָס זענען געווען אכזריות־
דיק אָדער טאָלעראַנט, הכנעהדיק אָדער שטאָלץ, לאַנדווירט־
שאַפטלעך, דאָרפיש געשטימט, קאָמערציאַליזירט, אינדוסטריאַלי־
זירט, אָליגאַרכיש, אַריסטאָקראַטיש, דעמאָקראַטיש — אַזוי אַז
היינט איז שוין אַלץ אויסגעגלעט געוואָרן. די רעליגיעס האָבן
שוין נישט מער קיין השפעה אויף די מדות, און זיי זענען
דאָס, וואָס עס מאַכן פון זיי די מענטשלעכע מנהגים...

XVI

מאַדאַם בערזשערע האט פיינד געהאט שטילקייט און איינזאמקייט. זינט ה׳ בערזשערע האט אויפגעהערט צו רעדן מ׳ט איר און געפירט אַן אָפּגעזונדערט לעבן, האט איר די וווינונג געשראָקן ווי אַ קבר; אז זי פלעגט אהיימקומען, פלעגט זי אינגאַנצן בלאַס ווערן. וואלטן אירע טעכטער געווען אין דער היים, וואָלטן זיי לכל-הפּחות אריינגעבראַכט אַ ביסל לעבן און באַוועגונג, וואס איז אזוי נויטיק געווען פאר איר געזונט.

אויפן האַרבסט, בעת אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס-עפּידעמיע, האָט זי זיי אוועקגעשיקט צו זייער מומע, זאָע בערזשערע, אין אַרקאַשאָן, ווו זיי האבן פארבראכט א גאנצן ווינטער און פון וואנען זייער פאָטער האט אפילו נישט געטראכט זיי צוריקצונעמען צו זיך אין די איצטיקע אומשטענדן. זי איז געווען פון דער נאַטור געניגט צו א פאמיליען-לעבן. דער ניאוף איז געווען פאר איר בלויז אן עקספּאנסיע פון איר צוזאמענלעבן מיטן מאן, אן אויסשטראלונג פון איר פאמיליען-לעבן.

זי פלעגט פאררעטן איר מאַן צוליבן שטאָלץ פון אַ מאַטראָנע, ווי אויך דערפאַר, וואָס דערצו האָבן זי געשטויסן די בליענדע כוחות פון איר פרוכטבארן קערפּער. זי האָט אַלע-מאָל געוואָלט, אַז איר קליינע פיזישע באציונג מיטן יונגן ה׳ רו זאָל פאַרבלייבן אַ באַהאַלטענע און בירגערלעכע פאַרוויילונג, אַ מעסיקער ניאוף, אין דער אמתן בלויז אַ באַ-

שטעטיקונג פון דעם חתונה־לעבן; אַ צושטאַנד, וואָס ווערט רעספּעקטירט פון אַלעמען, פאַרהייליקט דורך דער קירך און פאַרזיכערט דער פרוי אַ געהעריקע שטעלונג אין פּריוואַטן און סאָציאַלן לעבן.

מאַדאַם בערזשערע איז געווען אַ קריסטלעכע פרוי. זי האָט געוווסט, אַז די חתונה איז אַ סאַקראַמענט, און זיינע דויערהאַפטע און דערהויבענע רעזולטאַטן דאַרפן נישט צעשטערט ווערן דורך איר באַגאַנגענעם חטא וואָס איז אַן אמת אַ שווערער, ער פאַרדינט אָבער אויך מחילה. הגם זי האָט איר האַנדלונג נישט אַנאַליזירט מיט דער מאָס פון מאָראַלישער קלאָרקייט, האָט זי אָבער געפילט, אַז איר חטא איז געווען אַ געוויינלעכער, אָן שום בייזער כוונה און אָן יענער ליידנשאַפט, וואָס בלויז אַדאַנק איר באַקומען די חטאים דעם חותם פון אַ גרויס פאַרברעכן און זענען גורם די מפּלה פון שולדיקן.

זי האָט געפילט, אַז זי איז לחלוטין נישט אַזאַ גרויסע פאַרברעכערין, זי האָט בלויז דאָס מאָל נישט געהאַט קיין איבּריק גליק. זי האָט מיט שרעק דערזעען, ווי די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער אומבאַדייטנדער אַפערע, הייבן זיך ביסלעכווייז אָן צו אַנטוויקלען און פונאַנדערצוּוואַקסן.

זי האָט שרעקלעך געליטן, וואָס זי איז איינע אַליין, וואָס מ׳האָט ביי איר אוועקגענומען די גאַנצע מאַכט און צוגענומען ביי איר די ראָל פון אַ באַלעבאָסטע. די ליידן האָבן זי נישט בעסער געמאַכט און נישט געלייטערט איר נשמה. די יסורים האָבן געטריבן איר אָרעמען גייסט דאָ צו בּוּנטעווען זיך קעגן איר לאַגע, דאָ צו דערנידריקונג.

יעדן טאָג, דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג, פלעגט זי אַרויסגיין אַ שטייפע, אָנגעטון מיט גרויס פּאָמפּע, מיט אַ קלאָר אויג און באַקן, וואָס האָבן געפלאַמט פאַר גרויס אויפרעגונג, און מיט גרויסע טריט זיך אוועקלאָזן אויף אַ באַזוך צו אירע פריינדינס. זי פלעגט באַזוכן מאַדאַם טאָרקע, די פרוי פון דעקאַן, מאַדאַם לעטעריע, די פרוי פון רעקטאָר, מאַדאַם אָסיאַן קאָלאָ, די פרוי פון תּפיסה־דירעקטאָר, מאַדאַם סירקאָ, די פרוי פון גע-

ריכטס - שרייבער און בכלל אלע דאמען פון די בירגערלעכע קרייזן.

וואָרים מ׳פלעגט זי נישט אויפנעמען נישט אין די קרייזן פון אַדל, נישט אין די קרייזן פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטן. און אין יעדן סאלאָן פלעגט זי זיך באקלאָגן אויף איר מאַן, און ארויפוואַרפן אויף אים די משונהדיקסטע חטאים, וואָס איר שוואכע אָבער קאָנצענטרירטע פאנטאזיע פלעגט איר אונטער-זאָגן.

זי האט אים למשל באשולדיקט, אז ער האט זי אָפּגע-שיידט פון אירע טעכטער, אויפגעהערט איר צו געבן געלט און אז ער פארברענגט די גאַנצע צייט אין קאפעס און אפשר אויך אין פארדעכטיקע נאכט-לאָקאַלן. אומעטום האט מען איר ארויס-געוויזן א סך סימפאטיע, אומעטום האט זי געוועקט אינטערעס. דער מיטלייד, וועלכן זי האָט ארויסגערופן, איז כסדר גע-וואַקסן, זיך פארשפרייט און פארגרעסערט.

מאַדאַם דעליאָן, די פרוי פון שמידעריי-אייגנטימער, וועל-כע האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך זי אויפצונעמען אין אירע סאלאָנען, מחמת דעם, וואָס זיי האָבן נישט געהערט צו דער זעלבער געזעלשאַפט, האָט איר אָבער לכל-הפחות געלאָזט צו וויסן טון, אַז זי באַדויערט זי פון גאַנצן הארצן און אַז זי פאַראורטיילט די אומפארשעמטע האַנדלונג פון ה׳ בערזשערע. אויף אזא אופן פלעגט פרוי בערזשערע טאָגטעגלעך זיך צוגעבן קוראַזש און שטארקן איר האַרץ, וואָס האָט געלעכצט נאָך גע-זעלשאַפטלעכער אָנערקענונג און אַ גוטן שם.

בעת זי פלעגט זיך אָבער אין אָוונט צוריקקערן אַהיים, האָט איר אַזש אָנגעהויבן צו קלעמען ביים האַרץ. זי פלעגט זיך קוים שלעפן איבער די שטיגן מיט אירע אָפּגעשוואַכטע פיס. זי האָט מיטאַמאָל פארגעסן איר שטאָלץ, אירע נקמה-באַ-גערן, די זלזולים און רכילות, וואָס זי האָט געהאַט פארשפרייט וועגן איר מאַן אין שטאָט. עס פלעגט זי באהערשן אַן אויפ-ריכטיקער באַגער ווידער נושא חן צו זיין אין די אויגן פון ה׳ בער-זשערע, אָבי נאָר נישט צו זיין אַליין. דער געדאַנק, וואָס איז

אינגאַנצן ריין געוועז פון צביעות, איז נאַטירלעך ארויסגעדרונ־
גען פון איר נשמה. אומזיסטע האָפנונגען! אומנוצלעכע געדאַנ־
קען! ה׳ בערזשערע פלעגט אַלץ אָן אויפהער איגנאָרירן די
מאַדאַם בערזשערע.

יענעם אָוונט איז מאַדאַם בערזשערע אריין אין קיך און
געזאָגט צו דער דינסט:

— עאופעמיע, גיי אריין צום באַלעבאָס און פרעג אים,
ווי אַזוי מ׳זאָל אים אויסקאָכן די אייער.

דאָס איז געווען אַ געדאַנק, וואָס איז איר גראָד איינגע־
פאַלן, איבערצולאָזן איר מאַן דעם אויסוואַל פון די מאכלים.
אמאָל, אין די צייטן פון איר שטאָלצער אומשולדיקייט, פלעגט
זי אים אָנוואַרפן מאכלים, וואָס ער האָט לחלוטין נישט ליב
געהאַט און וואָס האָבן קאַליע געמאכט דעם איידעלן מאָגן פון
דאָזיקן געלערנטן.

די יונגע עאופעמיע איז געווען פון דער נאַטור אַ באַ־
גרענעצטע, דערפאַר אָבער האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט אַ
טרעפלעכן און שטרענגן אורטייל. זי האָט אַנטשלאָסן געענט־
פערט דער מאַדאַם בערזשערע, ווי זי פלעגט עס אָפטמאָל טון
אין ענלעכע אומשטענדן, אז ס׳איז אַ שאַד די רייד, מיט וועל־
כע מ׳ווענדעט זיך צום באַלעבאָס, ווארים ער וועט סיי ווי סיי
נישט ענטפערן, מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך איינגעשפּאַרט.

מאַדאַם בערזשערע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, אראָפּגע־
לאָזט די אויגן אלס צייכן פון עקשנות, און ווידער אַמאָל באַ־
גייט איר באַפעל:

— עאופעמיע, טו, וואָס איך הייס דיר. גיי אריין צום
באַלעבאָס און גיב אים אַ פרעג, ווי אַזוי מ׳זאָל פאַר אים אויס־
קאָכן די אייער. און פארגעס אויך נישט צוצוגעבן, אז די הון
האָט זיי הייַנט געלייגט און אַז זיי זענען געקויפט ביי טרעקיל.

בינו לבינו האָט ה׳ בערזשערע געאַרבעט אין זיין אַר־
בעטס־קאַבינעט איבער „ווערגיליוס נאַוטיקוס״, באַשטעלט ביי
אים דורך אַן ארויסגעבער, וואָס האָט געוואָלט דערמיט באַ־
רייכערן זייַן וויסנשאַפטלעכע עדיציע פון „ענעיס.״ איבערן

דאזיקן ווערק האבן געארבעט דריי דורות פילאלאגן אין משך פון דרייסיק יאר, און די ערשטע זייטלעך פונם בוך זענען שוין געווען אפגעדרוקט.

דער פראפעסאר האט א בלעטל נאך א בלעטל, פארפאסט דעם דאזיקן ספעציעלן לעקסיקאן. דאס האט אים איבערגעפולט מיט א געוויסער באוואונדערונג צו זיך אליין, און ער האט גראטולירט זיך אליין אין פאלגנדע ווערטער:

— איך, א קאבינעט-געלערטער, וואס כ'בין אין מיין גאנץ לעבן געפארן בלויז אויף א דאמפער, וואס פלעגט זומערצייט, יעדן זונטיק, איבערפירן די בירגער צו די הויכקייטן פון טיליער, ווו זיי האבן טועם געווען א גוט גלעזל ווייו; איך, א גוטער פראנצויז, וואס כ'האב געזעען דעם ים בלויז אין ווילער, איך לוציאן בערזשערע, שרייב א פירוש צו ווערגילן איך פארטייטש די ים-טערמינען, וואס ווערן באנוצט דורך א דיכטער, וואס נישט געקוקט אויף זיין רעטאריק, איז ער געווען א גענויער געלערנטער פרעציזער מאטעמאטיקער, מעכאניקער, און געאמעטר.

„דער דאזיקער דורכגעטריבענער איטאליענער האט זיך אויסגעלערנט די ים-ווינסנשאפט ביי די מאטראזן, וואס האבן זיך געווארעמט אויף דער זון אויף די פלאזשעס פון נעאפאל און מיזען, און ער האט אוודאי פארמאגט זיין אייגענע זעגלשיף. ער האט מסתמא געמוזט דורכשניידן דעם בלויען ים פון נעאפאל ביז אטען, באגלייט פון די העלע שטערן, קאסטאר און פאלוקס, די ביידע ברידער פון העלענע. דאס דאזיקע געלינגט מיר אדאנק דער פולקאמקייט פון מיינע פילאלאגישע מעטאדן. און דעם הער גובען, מיין תלמיד, וואלט עס אויך אזוי גלענצנד געלונגען ווי מיר.“

ה' בערזשערע האט הנאה געהאט פון דאזיקן ווערק, וואס האט באשעפטיקט זיין גייסט, און אים נישט פארשאפן קיין אומרו און צער. עס האט אים פארשאפן אן אמתן רעגענוג צו צייכענען אויפן דינעם קארטאן די קליינע און גלייכע ליניעס פון זיין כתב, א באווייז פון דער אינטעלעקטועלער ארנטלעכקייט,

וואָס ווערט געפּאָדערט פון דער פילאָלאָגיע. אין דער דאָזיקער גייסטיקער שמחה האָבן זיך אויף באַטייליקט זיינע חושים, וואָרים אויף אַזוי פיל איז אמת, אַז די תענוגים, וואָס זענען צוגעגנגלעך פאַר מענטשן, זענען אַ סך פאַרשידנאַרטיקער, ווי מ׳שטעלט זיך עס אין אַלגעמיין פאָר. און אַ שטילע פרייד האָט אים באַהערשט, בעת ער האָט געשריבן פאָלגנדן זאַץ:

„סערוויוס גלויבט, אַז ווערגיל האָט אָנגעשריבן: „אַטאָלי מאַלאָס״ אָנשטאָט „אַטאָלי וועלאַ״, די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע זיינע פאַרענטפערט ער דערמיט וואָס „קום נאַוויגאַרענט, נאָן עסט דוביום קוואָד אָלי ערעקסעראַנט אַרבאָרעס״. אַסצענזיוס האָט מסכים געווען מיט דער מיינונג פון סערוויוסן, ער האָט אָבער פאַרגעסן אָדער משמעות נישט געוווּסט, אַז אין געוויסע פאַלן לאָזט מען אַראָפּ אויפן ים די מאַסטביימער פון די שיפן אויב דער צושטאַנד פון ים איז געווען אַזאַ, אַז די מאַסטביימער...״

ה׳ בערזשערע איז צוגעקומען צו דעם אָרט פון זיין אַרבעט, בעת די יונגע עאופעמיע האט מיט אַ טראַסק אויפגעפּראַלט די טיר פון קאַבינעט און געקומען איבערגעבן דעם באַלעבאָס די העפלעכע רייד פון איר באַלעבאָסטע:

— די מאדאם פרעגט זיך, ווי אַזוי מ׳זאל צוגרייטן פאר אייך די אייער.

אנשטאט אַן ענטפער האט ה׳ בערזשערע מיט א מילדער שטים געבעטן די יונגע דינערין זיך צו דערווייטערן פון קאַבינעט, און ווייטער געשריבן:

...האט געדראט צעבראכן צו ווערן פלעגט מען זיי אראפּלאזן און ארויסנעמען זיי פון דער ראם, אין וועלכער זיי זענען געווען אריינגעזעצט...

די יונגע עאופעמיע איז ווי צוגעשמידט געווארן צו דער טיר בעת ה׳ בערזשערע האט פאַרענדיקט דעם זאַץ.

„מ׳פלעגט זיי צעשפּרייטן אויף דער דעק, אויף אַ ברייטן באַלקן.״

— באַלעבאָס, די מאַדאַם האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז די אייער זענען געקויפט געוואָרן ביי טרעקיל.

— Una omnes tećere pedem

ער האָט אוועקגעלייגט די פעדער אין א זייט און מיט־אַמאָל דערפילט, ווי זיין האַרץ ווערט באַהערשט פון אַן אומעט.

ער האָט אין דער רגע דערזען, ווי נאַריש און אומזיניק עס איז זיין גאַנצע אַרבעט. צום אומגליק איז ער געווען אויף אַזוי פיל אינטעליגענט, כדי צו קענען אָפּשאַצן זיין מיטלמעסיקייט, וואָס פלעגט זיך אים פון צייט צו צייט באַווייזן אויף דעם טיש, צווישן טינטער און בוך, ווי א נישטיקע, מאַגערע און אומגראַציעזע פערזאָן.

ער האָט זיך גאַנץ גוט געקענט און זיך נישט ליב געהאַט. ער וואָלט ליבער געוואָלט זען זיינע אייגענע געדאַנקען אין דער געשטאַלט פון א נימפע מיט שיינע היפּטן. זי פלעגט זיך אים אָבער באַווייזן אין אירווירקלעכער פאָרם, וואָס איז געווען נישטיק און זייער ווייניק סימפּאַטיש. ער האָט שטאַרק דערפון געליטן, ווארים ער האָט געהאַט א איידעלן חוש פאַר שיינע אידעען.

— הער בערזשערע, — האָט ער געטראַכט אין האַרצן — דו ביסט אַ פּראָפעסאָר, אַן אינטעליגענטער, פּראָווינציעלער אוניווערסיטעטס־פּראָפעסאָר, א מיטלמעסיקער הומאַניסט, וואָס גריבלט זיך אין די אומפּרוכטבאַרע אייגנאַרטיקייטן פון דער פילאָלאָגיע.

„פרעמד איז דיר די אמתע לינגוויסטישע וויסנשאַפט, וואָס רים נאָר טיפע, מעכטיקע פערזענלעכקייטן, וואָס גייען גלייך צו זייער ציל, זענען פעיק זי צו באַגרייפן. הער בערזשערע, דו ביסט נישט קיין תלמיד־חכם, דו ביסט נישט בכוח משיג צו זיין און צו קלאַסיפיצירן די שפּראַך־דערשיינונגען. מישעל ברעאַל וועט קיינמאָל נישט אַרויסרעדן דיין פאַראַכטעטן נאָמען. דו וועסט שטאַרבן אָן כבוד און מענטשלעכע שבחים וועלן קיינמאָל נישט צערטלען דיינע אויערן.

— באַלעבאָס... באַלעבאָס, — האָט די יונגע עאופּעט׳ע אַליין נישט אויפגעהערט אים צו דולן דעם קאָפּ, — כ׳בעט אייך, ענטפערט מיר. כ׳האָב נישט קיין צייט צו וואַרטן. כ׳דאַרף גיין צו דער אַרבעט. די מאַדאַם פרעגט, ווי אַזוי מ׳זאָל אייך אויסקאָכן די אייער. איך האָב זיי גענומען ביי טרעקיל. די הון האָט זיי היינט געלייגט.

ה׳ בערזשערע האָט אפילו נישט אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און געענטפערט מיט אַ אומבאַרחמנותדיקער רויקייט.

— כ׳בעט דיך, זאָלסט מיך לאָזן צורו, און זאָלסט מער נישט אַריינגיין אין מיין קאַבינעט אַריין אויב איך וועל דיך פריער נישט אַריינרופן.

און דער פּראָפעסאָר פון הומאַניסטישן פאַקולטעט איז ווידער פאַרזונקען אין זיינע רעיונות:

— גליקלעכער טאַרקע, אונזער דעקאַן! גליקלעכער לע-טעריע, אונזער רעקטאָר! זייער גייסט ווייסט נישט, וואָס עס איז אַזוינס אומצוטרוי צו זיך אַליין, אומדיסקרעטער ספק. זיי זענען ענלעך צום אַלטן מעזאַנזש, וואָס איז געליבט געוואָרן פון די אומשטערבלעכע געטינס, וואָרים ער האָט איבערגעלעבט גאַנצע דריי יאָרהונדערטער און איז אַנגענומען געוואָרן אין קאַלעזש דע פראַנס און אין אינסטיטוט, הגם ער האָט זיך גאָרנישט געהאַט אויסגעלערנט זינט די הייליקע יאָרן פון זיין אומשולדיקער קינדהייט. וואָס שייך זיינע ידיעות אין דער גריכישער שפּראַך זענען זיי געווען די זעלבע ווי בעת ער איז אַלט געווען פיפצן יאָר. ער איז געשטאָרבן אין סוף פון דאָזיקן יאָרהונדערט. און זיין קאָפּ איז נאָך פול געווען מיט די מיטאָלאָגישע אידעען, וואָס זענען באַזונגען געוואָרן דורך די דיכטער פון דער ערשטער אימפּעריע, בעת ער איז נאָך בעלעגן אין וויג.

„איך אָבער. וואָס האָב אַזאַ שוואַכן גייסט, ווי יענער העלעניסט מיטן נאָמען און מוח פון אַ פויגל, איך, וואָס בין אַזוי וויניק פעיק צו מעטאַדישער שעפערישקייט ווי דער

דעקאַן טאַרקע און דער רעקטאָר לעטעריע, איך, וואָס שפּיל מיך מיט עלנטע און פּוסטע רייד, פון וואַנען נעמט זיך עס, וואָס איך פיל אַזוי שטאַרק מיין גייסטיקע שוואַכקייט און די לעכערלעכע אומזיניקייט פון מיינע אונטערנעמונגען? צי איז דאָס נישט אַ סימן פון אינטעלעקטועלער נאַבלקייט און אַ באַווייז פון מיין העכערקייט אויפן געביט פון די אַלגעמיינע אידעען? ווערגיל, צוליב וועלכן איך פאַראורטייל מיך אַליין, צי איז ער באמת מיין ווערק, די פּרוכט פון מיין גייסט? ניין! דאָס איז אַן ארבעט, וואָס איז אָנגעוואָרפן געוואָ־ן מיין ארעמקייט דורך אַ גיריקן בוכהענדלער, וואָס וויל אין שותפות מיט פּראָפעסיאָנעלע שפּראַך-קענערס פלומרשט באַפרייען די פראַנצויזישע וויסנשאַפט פון דער דייטשער אַפּוטרופסות, און אין דער אמתן באַנייש מען בלויז די לייכטזיניקע מאַניערן פון די אַמאָליקע צייטן און מ׳וואַרפט מיר אָן פילאָלאָגישע שפּילעכלעך לויטן געשמאַק פון יאָר 1820.

זאָל די שולד פאַלן אויף זיי און נישט אויף מיין קאָפּ! נישט דער דורשט נאָך וויסן נאָר דער חשק צו פאַרדינען געלט, האָט מיך געצוווּנגען אָנצונעמען די אַרבעט איבער ווערגילן, וואָס פאַרנעמט ביי מיר שוין דריי יאָר צייט און פאַר וועלכע איך וועל באַקומען איינגאַנצן פינף הונדערט פראַנק, נעמלעך: צוויי הונדערט פופציק פראַנק ביים איבערגעבן דעם כתב-יד, און צוויי הונדערט פופציק פראנק אינם טאָג, ווען דאָס בוך וועט דערשיינען אין דרוק. כ׳האָב געוואָלט צופרידנשטעלן מיין דורשט נאָך געלד, איך האָב געזינדיקט נישט מיט דער אינטעליגענץ, נאָר מיטן כאַראַקטער. דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש!

אויף אַזאַ אופן האָט ה׳ בערזשערע זיך געלאָזט טראָגן דורך זיינע געדאַנקען.

די יונגע צאופּעמיע, וואָס האָט אַלץ נישט געהאַט פאַרלאָזט איר אָרט, האָט צום דריטן מאָל זיך געווענדעט צו איר באַלעבאָס:

— באַלעבאָס... באַלעבאָס...

מיטאַמאָל איז איר אָבער דאָס קול געבליבן שטעקן אין האַלז, און זי האָט אויסגעבראָכן מיט אַ היסטערישן געוויין.

ה׳ בערזשערע האָט ענדלעך אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און געזעען, ווי טרערן רינען אַראָפּ איבער אירע קײַלעכ־דיקע, רויטע און פונקלענדיקע באַקן.

די יונגע עאופעמיע האָט געפּרוווט צו עפענען דאָס מויל: פון איר גאָרגל האָט זיך אָבער בלויז אַרויסבאַקומען אַ הייזעריק כאָרכלען, ווי די קלאַנגען פון אַ פײַפל, בײַ וועל־כע עס קומען זיך צוזאַמען יעדן אָוונט די פּאַסטוכער פון אין דאָרף.

זי האָט אויפגעהויבן צום פּנים אירע צוויי ביז צום עלנבויגן פאַרשאַרצטע הענט און מיט די שמוציקע פינגער גענומען גיך ווישן די אויגן. ספּאַזמען און שלויכצן האָבן אויפ־געטרייסלט איר שמאָלע ברוסט און איר גרויסן בויך.

בעת זי איז אַלט געווען זיבן יאָר איז איר דער בויך געשוואָלן געוואָרן און פון דעמאָלט אָן איז זי פאַרבליבן אַ קאַליקע. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט אירע בײדע הענט אויפן בויך, צוגעדעקט זײַ מיטן שירץ, דערשטיקט די זיפצן, און ווי נאָר די רייד האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון איר גאָרגל, האָט זי בייז און האַרט אַ געשריי געטון:

— כ׳קאָן נישט מער לעבן אין אַזאַ הויז! כ׳קאָן שוין דאָ לענגער נישט אויסהאַלטן. דאָס איז נישט קיין לעבן. כ׳וועל שוין בעסער אוועקגיין, אײדער צו זען דאָס, וואָס דאָ קומט פאָר.

איר שטים האָט געציטערט פון כּעס און פון ווייטאָק, און זי האָט באַטראַכט דעם ה׳ בערזשערע מיט בייזע אויגן.

און אין דער אמתן, די באַנעמונג פון איר באַלעבאָס האָט זי טאַקע שטאַרק פאַרדראָסן. נישט דערפאַר, וואָס זי זאָל האָבן געפילט אַ געוויסן מיטלייד צו מאַדאַם בערזשערע, וואָס פלעגט נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק, איז די גוטע צייטן פון

איר הערשאַפט, זי שעלטן מיט די מיאוסטע זלזולים און קללות און אָפטמאָל נישט געבן איר צו עסן קיין פלייש.

אויך נישט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוווסט וועגן חטא פון מאַדאַם בערזשערע, און ווי מאַדאַם דעליאָן און אַנדערע בירגערלעכע דאַמען געגלויבט אין דער אומשולד פון איר באַלעבאָסטע, פונקט ווי די הויז-וועכטערין, ברויט-הענדלערין און די דינסט פון ה׳ רענאָ, האָט זי גאַנץ גוט געקענט די גענויעסטע פרטים פון מאַדאַם בערזשערעס און ה׳ רוס געהיימע ליבע-באַציונגען. זי האָט געוווסט וועגן זיי נאָך מיט אַ צייט פריער פארן ה׳ בערזשערע. דאָס הייסט נאָך אָבער נישט, אַז זי זאָל זיי האָבן אַפּראָבירט.

פאַרקערט, זי האָט זיי ווי צום שטרענגסטן פאַראורטיילט. מחמת דעם, וואָס זי האָט געוווסט, ווי דאָס קומט פאָר, האָט זי נישט געזעען דערין קיין שום שלעכטס, ווען אַ יונג מיידל וואָס נאָר זי האָט די דעה איבער זיך, קלויבט זיך אויס אַ ליבהאָבער. ס׳האָט נישט געפעלט אַ סך, אַז דאָס זעלבע זאָל אויך מיט איר געשעען, אין אַ יום-טוב-נאַכט, אין טאַנץ, ביים ראַנד פון אַ גראָבן, ווו א פריילעכער בחור האָט זי צוגעדריקט צום האַרצן און זיך געוואָלט מיר איר אביסל פארווילן.

זי האָט געוווסט, אַז אַ צופאַל קאָן זיך לייכט טרעפן. אָבער אַן ענלעכע באַנעמונג ביי אַ חתונה-געהאַטער פרוי, אין די עלטערע יאָרן, אַ מאַמע פון קינדער, האָט זי ארויסגעבראכט פון די כלים.

אַנומלט האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר דער בעקערין. אַז זי מיאוסט זיך מיט איר באַלעבאָסטע, וואָס שייך איר, איז זי נישט געבוירן געוואָרן צו האָבן קינדער, און אויב זי איינע אליין אויף דער וועלט וואָלט באַדאַרפט צו האָבן קינדער, — פלעגט זי זיך אויסדריקן, — וואָלט די וועלט גאָר שנעל אונטערגעגאַנגען. אויב איר באַלעבאָסטע האָט געהאַט אַן אַנדער מיינונג, האָט זי עס געקאָנט טון מיט איר מאַן.

עופעמיע האָט געהאַלטן, אַז איר באַלעבאָסטע איז באַגאַנגען אַ גרויסן, מיאוסן חטא, זי האָט אָבער נישט געקענט

באַגרייפֿן, ווי קאָן מען עס נישט מוחל זיין אפילו די שווע־סטע זינד. אין איר יוגנט, איידער זי האָט זיך אָנגעדונגען ביי אירע באַלעבאַטים, האָט זי צוזאַמען מיט אירע עלטערן געאַרבעט אין אַ וויין־גאָרטן און אויפֿן פעלד. זי האָט געזען, ווי די זון האָט פאַרברענט די בליענדיקע טרויבן, ווי דער האָגל האָט אין משך פֿון אייניקע מינוטן אראָפּגערוימט די תבואה פֿון פעלד, און איבעראיאָר האָבן איר פאָטער, די מוטער און עלטערע ברידער ווידער פאַרפֿלאַנצט וויינטרויבן און פאַר־זייט זאָמען.

דאָס דאָזיקע געדולדיקע און נאַטירלעכע לעבן האָט זי אויסגעלערנט, אַז אויף דער דאָזיקער וועלט, וואָס איז אָדער אַ גוטע, אָדער אַ שלעכטע, אַ הייסע אָדער אַ קאַלטע, איז אוממעגלעך עפּעס צו פאַריכטן, און אַזוי ווי מ׳איז מוחל דער ערד, אַזוי מוז מען אויך מוחל זיין דעם מאַן און דער פרוי.

אַזוי האָבן געהאַנדלט ביי זיי אין דאָרף די מענטשן, וואָס זענען אפשר ווערט געווען אַזוי פיל, ווי די שטאָטישע לייט. בעת די פרוי פֿון ה׳ ראָבבערטע. די גרויסע לעאָקאַדיע, האָט געקויפֿט אַ פּאָר הויזן־בענדער פֿאַר איר געזעלן, און גע־וואָלט, ער זאָל טון מיט איר דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט מען זאָל מיט איר טון, האָט זי עס אָבער געטון אזוי אומגעלומ־פערט, אַז איר מאַן ה׳ ראָבבערטע האָט עס באַלד באמערקט. ער האָט געכאַפּט ביידע געליבטע אין דעם געהעריקן מאָמענט און אַזוי שרעקלעך צעהרגעט זיין פרוי, אז זי האָט אויף שטענדיק פארלוירן דער חשק אָנצוהייבן נאָכאַמאָל א ליבע. און פֿון דעמאלט אן איז לעאקאַדיע געווארן דאס געטרייעסטע ווייב אין דאָרף: איר מאַן האט שוין מער נישט געהאט קיין גרונט איר צו מאכן פארווורפן. מ׳דארף דעריבער האַנדלען אזוי, ווי ה׳ ראבבערטע, וועלכער ווייס ווי מ׳דארף זיך צו באגיין מיט א פרוי, און ווי מ׳דארף זיך פירן מיט מענטשן און חיות.

זי פלעגט אפט באקומען שטאַרקע קלעפּ פֿון איר פאָטער־

און ווי זי איז געווען פראסט און ברוטאל האט זי פארשטאנען די היציקע לייט, און זי אליין וואלט גארנישט געהאט דער־קעגן, ווען ה׳ בערזשערע וואלט צעבראכן אויף די פלייצעס פון מאדאם בערזשערע אייניקע בעזימס, וואס פון איינעם האט געפעלט מער ווי א העלפט האר און דער אנדערער איז שוין אינגאנצן געווען אויסגעקראכן. דער צווייטער בעזים, ארומגע־געבונדן מיט א שמאטע האט געדינט צו וואשן דעם דיל אין קיך.

די יונגע פויערטע האט אבער בשום אופן נישט געקאנט באגרייפן די שווייגנדיקע און ברוגזדיקע עקשנות פון דעם פראפעסאר; אין אירע אויגן איז זיין האנדלונג געווען אן עקלדיקע, קעגן דער נאַטור, פשוט א טייוולאנישע. די יונגע עופעמיע האט נאך שטארקער געפילט די שולד פון ה׳ בער־זשערע, מחמת דעם, וואס זיין האנדלונג האט אריינגעבראכט א צערודערונג אין דער הויז-ארבעט.

מ׳האט באדארפט פון איין זייט באזונדער גרייטן דעם טיש פאר הער בערזשערע, ווייכער האט נישט געוואלט עסן צוזאמען מיט מאדאם בערזשערע, פון דער אנדערער זייט ווי־דער האט מען באדארפט צו באדינען די מאדאם בערזשערע, ווארים נישט געקוקט דערויף, וואָס איר מאַן האט זי פול־שטענדיק איגנארירט, האט זי דאך סוף כל סוף זיך אויך גע־מוזט דערנערן. „אזוי ווי אין א שענק, — פלעגט די יונגע עו־פעמיע זיך באקלאגן."

מאדאם בערזשערע, וואס האט אויפגעהערט צו באקומען געלט פון איר מאַן, פלעגט זאָגן: „דו וועסט זיך פונאַנדערעכע־נען מיטן באַלעבאָס און ציטערנדיק אינגאַנצן פון שרעק פלעגט עופעמיע יעדן אָוונט ברענגען איר הוצאה-ביכל דעם באַלעבאָס, וועלכער איז נישט געווען אימשטאַנד זיך אַן עצה צו געבן מיט די כסדרדיק וואַקסנדיקע אויסגאַבן, און ער פלעגט זי דעריבער אָפּפטרן מיט אַ באַפעלערישן זשעסט. און עופעמיע פלעגט אוועקגיין אַ דערשלאָגענע און אַ צעבראָכענע פון די שוועריקייטן, וואָס איר שכל האָט בשום אופן נישט געקאָנט

באגרייפן. אין אַזעלכע שלעכטע באַדינגונגען האָט זי פארלוירן איר איינגעבוירענע פרייד: מ׳האָט שוין מער נישט געהערט אין קיך אירע געלעכטערס און פרייד-אויסרופן, באַגלייט פון אַ געקלאַפעריי פון טעפ, פונם צישן פון געפרעגלט שמאַלץ ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון די הוילע קלעפּ פון מעסער, וואָס האָט געשניטן פלייש צוזאַמען מיט די שפּיצן פון אירע פינגער. זי האָט שוין מער נישט געהאַט נישט אירע פריידן און נישט אירע טומלענדיקע אומאַנגענעמלעכקייטן.

זי פלעגט זאָגן: „כ׳וועל דאָ איינגאַנצן פון זינען אראָפּ". זי האָט געהאַט רחמנות אויף מאַדאַם בערזשערע. די באַלע-באָסטע האָט זי איצט זייער גוט באַהאַנדלט. זיי פלעגן פאַר-ברענגען די אָוונטן, זיצנדיק צוזאַמען און זיך פאַרטרויען איינע פאַר דער אַנדערער. מיט אַ האַרץ, וואָס איז געווען איבערגעפולט מיט די דאָזיקע געפילן, האָט זי געזאָגט צו ה׳ בערזשערע:

— איך גיי אַוועק פון דאַנען; איר זענט אַ שלעכטער מענטש, כ׳וויל אוועקגיין.

און זי האָט אויפסניי אָנגעהויבן צו גיסן מיט טרערן.

דער דאָזיקער פּאָרוווּרף האָט לחלוטין נישט באַליידיקט דעם ה׳ בערזשערע. ער האָט געמאכט דעם אָנשטעל, אז ער האט אים נישט דערהערט ער האט נאך געהאט אויף אזוי פיל שכל נישט איבערנעמען זיך צו שטארק מיט די פארווורפן פון א געוויינלעך מיידל. און ער האט אין הארצן אפילו א שמייכל געטון, ווארים אין די פארהוילנסטע טיפעניש פון זיין נשמה, אונטער דער מאסקע פון קלוגע געדאנקען און שיינע מאקסי-מען, האט נאך געטליעט און אים דער פרימיטיווער אינסטינקט וואס טרעפט זיך אפילו ביי די מאדערנסטע און מילדעסטע מענטשן, אן אינסטינקט, וואס הייסט די מענטשן זיך פרייען בעת מ׳נעמט זיי אן פאר ווילדע באשעפענישן, ווי די פעיקייט צו שאדן און פארניכטן וואלט געווען די הויפט-קראפט פון די לעבעדיקע, זייער אמתדיקע טוגנט און גרעסטע מצוה.

אַז מ'פאַרטראַכט זיך ווייזט עס זיך אַרויס אַלס אמת, וואָרים דאָס לעבן ווערט אונטערגעהאַלטן און געשטאַרקט דורך מאָרדן, און די בעסטע זענען דעריבער די יעניקע, וואָס פירן אויס די גרעסטע צאָל מאָרדן. די יעניקע, וואָס גיבן, אַדאַנק די אייגנאַרטיקייטן פון דער ראַסע און פון דער דערנערונג, די שטאַרקסטע קלעפּ, ווערן אָנערקענט פאַר אידעלע מענטשן, זיי געפינען זיך אין די אויגן פון פרויען, וואָס זענען באַטיר-לעך פאַראינטערעסירט אויסצוקלויבן די שטארקסטע און זענען נישט אימשטאַנד אָפּצוטיילן די פּרוכטבאַרע קראַפט פון דער דעסטרוקטיווער, וואָרים די דאָזיקעביידע כוחות זענען אין דער אמתן פעסט צוזאַמענגעקניפּט אין דער נאַטור.

דעריבער, בעת די יונגע עופעמיע האָט מיט איר פויערישער שטים — ווי אין אַ מעשהלע פון עזאָפּ — זיך אויסגעדריקט, אַז ער איז אַ שלעכטער מענטש, האָבן אירע רייד געקלונגען אין זיינע אויערן, ווי אַ זיסער חניפה-געררויש, וואָס האָט פאַר-לענגערט די רעדע פון דער דינסט און שטיל גערעדט צו אים: „וויסן זיי, לוציאַן בערזשערע, אַז דו ביסט אַ שלעכטער מענטש, אינם געמיינסטן זין פון וואָרט, דאָס הייסט, אַז דו ביסט פעיק צו שאַדן און צו פאַרניכטן, און אין די בעסטע יאָרן פון דיין לעבן ביסטו נאָך בכוח זיך צו פאַרטיידיקן, צו מנצח זיין, וויסן זיי, אַז דו ביסט אין אַ געוויסן זין אַ ריז, אַ פאַרזעעניש, אַ מענטשנפרעסער, אַ שרעקלעכער מענטש."

מחמת דעם אָבער, וואָס ער איז געווען געניגט צו סקעפּטיציזם און ער האָט קיינמאָל נישט אַקצעפּטירט די מענטש-לעכע מיינונגען אָן פריערדיקער נאָכפאָרשונג, האָט ער אָנגע-הויבן זיך אַליין צו עקזאַמינירן, בדי זיך צו פאַרזיכערן, צי ער איז טאַקע דער, פאַר וועלכן עופעמיע האָט אים אָנגענומען.

פון דעם ערשטן אַריינבליקן אין זיין אינערלעכקייט האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אין אַלגעמיין גענומען נישט קיין שלעכטער מענטש, אַז ער איז אַ מענטש מיט רחמנות-געפילן. פאַרקערט, ער איז עמפּפינדלעך אויף די ליידן פון אנדערע ער באַציט זיך מיט סימפּאַטיע צו די אומגליקלעכע, ער

האט ליב זײַנע נאָנטע, און װאָלט אַפּילו געװאָלט צופרידנשטעלן אַלע זײערע באַדערפעניש, ממלא זײַן אַלע זײערע באַגערן, בײַ די פּאַרבאָטענע, װי אױך די דערלױבטע; װאָרים די ליבע צום מענטשלעכן מין איז בײַ אים נישט געװען פאַרשלאָסן אין די גרענעצן פון אַ מאָראַלישן סיסטעם און אַלע מענטש־לעכע יסורים זענען נאָנט געװען זײַן הארצן.

ער האָט געהאַלטן פאַר אומשולדיק אַלץ, װאָס ברענגט נישט קײן שאָדן דעם מענטשן. זײַן נשמה האָט פאַרמאָגט אַ סך מער ליבע, װי עס דערלױבן דערױף די געזעצן, די מדות און פאַרשידענע גלױבענישן פון די פעלקער. אױף אַזאַ אופן, צוקוקנדיק זיך נענטער צו זיך, איז ער געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז ער איז גאָרנישט אַזױ שלעכט און ער האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַלײן. ס׳האָט אים פאַרשאַפן עגמת־נפש, װאָס ער מוז זיך מודה זײַן אין די דאָזיקע פאַראַכטעטע מעלות פון שׂכל, װאָס האָבן נישט אין לעבן קײן איבעריק גרײסע באַדײַטונג.

ער האָט אָבער װײַטער געזוכט מיט אַ גלענצנדן מעטאָד צי ער האָט נישט אַמאָל געהאַנדלט אין סתירה מיט זײַן גוט־מוטיקן און פרידלעכן כאַראַקטער, דװקא גראָד לגבי דער מאַ־דאַם בערזשערע. און ער איז אײַנגיכן געקומען צום אױספיר, אַז באַזונדערס אין דעם פאַל האָט ער געהאַנדלט פונקט קאַ־פױער צו זײַנע אַלגעמײנע מאַקסימען און געפילן, אַז זײַן אױפפירונג האָט אין דעם פאַל אַרױסגעװיזן געװיסע באַמערקונגס־װערטע אײגנאַרטיקײטן: ער האט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אױף די משונהדיקסטע פון זײ.

— די הױפּט-אײגנאַרטיקײטן: איך מאַך דעם אָנשטעל, װי איך װאָלט געהאַלטן איר האַנדלונג פאַר אַ פאַרברעכערישע, און אין דער אמתן האַנדל איך אַזױ, װי איך װאָלט טאַקע גע־גלױבט אין דעם. און בעת זי האַלט זיך פאַר שולדיק צוליב אירע ליבע-באַציִונגען מיט ה׳ רו, מײַן תלמיד, האַלט איך איר האַנדלונג פאַר אַן אומשולדיקע, װאָרים זי האט קײנעם נישט געטון קײן שלעכטס. מאַדאַם בערזשערע איז אַ סך מאָראַלישער

זי איך. אבער מחמת דעם, וואס זי האלט זיך פאר שולדיק, איז זי זיך אליין מוחל, איך אבער, וואס גלויב נישט אין איר שולד, בין איר דווקא נישט מוחל.

מיינע געדאנקען לגבי איר זענען אוממאראליש און מילד, מיין אויפפירונג אָבער איז מאראליש און אכזריותדיק. איך פאראורטייל אומברחמנותדיק נישט איר האנדלונג, וואס איז לויט מיין מיינונג לעכערלעך און נישט פאסיק, נאר איר אליין, וואס איז שולדיק נישט דערפאר, וואס זי האט געזינדיקט, נאר דערפאר, ווייל זי איז אזא, ווי זי איז. די יונגע עופעמיע איז גערעכט: איך בין א שלעכטער מענטש.

ער האט מסכים געווען מיט זיך אליין און ווייטער געשפונען זיינע געדאנקען:

— איך בין שלעכט, מחמת דעם וואס איך בין אקטיוו. איך האב נישט באדארפט צו האבן די דאזיקע דערפארונג, כדי זיך איבערצוציינן, אז ס'איז נישט פאראן קיין אומשולדיקע האנדלונג, און אז האנדלען איז דאס זעלבע וואס טון שאדן און פארניכטן. זינט איך בין געווארן אקטיוו האב איך אנגעהויבן צו טון שלעכטס.

ער איז נישט געווען אינגאנצן אומגערעכט, בעת ער האט אזוי גערעדט מיט זיך אליין, ווארים ער האט אויסגעפירט א סיסטעמאטישע, שטענדיקע און דויערהאפטיקע טאט, דהיינו: ער האט צוגענומען ביי מאדאם בערזשערע אלע מיטלען, וואס זענען געווען אומבאדינגט נויטיק פאר איר ממשותדיקער עקזיסטענץ, פאר איר פאמיליען-גייסט, פאר איר געזעלשאפטלעכער נשמה, און מיטן ווארצל אויסגעריסן פון הויז זיין אומסימפאטישע און איבריקע פרוי, וואס האט איבן געגעבן די אומשעצבארע פריווילעגיע צו ווערן פארראטן.

ער האט בלויז געמאכט א נוצן פון די אומשטענדן. ער האט אויסגעפירט זיין ווערק מיט אן אויסערגעווינלעכער ענערגיע, וואס איז פשוט צו באוווּנדערן ביי א מענטש מיט א שוואכן כאראקטער. ה' בערזשערע איז געווינלעך געווען א מענטש א וואקלדיקער, אן א ווילן. בלויז אין דעם פאל האט

אים געטריבן צו מעשים עפעס אַ געוואַלטיקער באַגער, אַן אומבאַזיגבאַרער עראָס. וואָרים די ליידנשאַפטן, פיל שטאַרקער פון ווילן, האָבן געשאַפן די וועלט און נאָר אַדאַנק זיי עקזיסטירט זי. ה׳ בערזשערע איז אין זיין האַנדלונג געשטויסן געוואָרן דורך אַ געוואַלטיקן אימפּולס, נישט צו זעען זיך מער מיט מאדאם בערזשערע. און דער דאָזיקער ריינער, קלאָרער באַגער, וואָס איז נישט געשטערט געוואָרן פון קיין שום שנאה־געפיל, האָט געהאַט אין זיך די גליקלעכע קראַפט פון דער ליבע.

בינו לבינו האָט די יונגע עופעמיע אַלץ געהאַרט אויף אַן ענטפער פון איר באַלעבאָס, זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל איר כאָטש אָפּענטפערן מיט אַ פּאָר בייזע ווערטער. אין דער היגזיכט איז זי געווען ענלעך צו מאַדאַם בערזשערע, איר באַלעבאָסטע, און דאָס שווייגן האָט איר פאַרשאַפט פיל מער עגמת־נפש, ווי די ערגסטע זלזולים און זידל־רייד.

לסוף האָט ה׳ בערזשערע אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ רויקער שטים:

— איך זאָג אייך אָפּ. איר וועט אַוועקגיין פון דאַנען איבעראַכטאָג.

די יונגע עופעמיע האָט געענטפערט דערויף מיט אַ שרעקלעכן, בעסטיאַלישן געשריי. אין משך פון אַ גאַנצער מינוט איז זי פאַרבליבן אומבאַוועגלעך. אַ צעטומלטע, אַ פאַרצווייפלטע און אַ טרויעריקע האָט זי זיך צוריקגעקערט אין קיך אַריין, און זי האָט ווידער דערזעען די טעפּ, וואָס האָבן זיך אין אירע שטאַרקע הענט געבויגן, ווי דאָס געווער אין אַ שלאַכט; זי האָט געזעען די שטול מיטן אויסגעקראָכענעם געזעס, אויף וועלכער זי פלעגט זיך זעלטן אַנידערזעצן, די וואַסער־לייטונג, וואָס נישט איינמאָל פלעגט דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געגאָסן פונם שלעכט פאַרמאַכטן קראַן, פאַרפלייצן די גאַנצע שטוב; דעם בעקן, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשטאָפּט, דעם טיש, צעהאַקט פון האַקמעסערס, די קיך־בלעך, אינגאַנצן צעלעכערט פון פייער, דעם שווארצן קוילן־קאַסטן, די פּאָליצעס

באַפּוצט מיט פּאַפּיר-שפּיצן, דאָס קעסטל מיט שוואַקס און די פלאַש מיט שוועבל-וואַסער. און בלייבנדיק ווידער אַליין צווישן די דאָזיקע עדות פון איר האַרט, אומברחמנותדיק לעבן, האָט זי זיך צעוויינט.

אויפצומאָגנס, אָדער ווי מ'פלעגט אַמאָל זאָגן, אויפן אַנדערן טאָג, וואָס איז געווען אַ מאַרק-טאָג, איז ה' בערזשערע באַלד אין דער פרי אַוועק צו דעניזאַ, וואָס האָט געהאַט אויפן פלאַץ פון הייליקן עקזופּער אַ פאַרמיטלונגס-ביוראָ פאַר דאָרפישע מיידלעך.

אין נידעריקן זאַל האָט ער באַמערקט אפשר אַ צוואַנציק מיידלעך, יונגע און אַלטע. אייניקע זענען געווען נידריקע, רויט-פּנימדיקע און קיילעכדיקע, די אַנדערע זענען געווען הויכע, דאַרע, געל-פּנימדיקע; הגם זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט מיט דער פיגור און פּנים, זענען זיי אָבער אַלע ענלעך געווען צו זיך מיט דער צעשראָקנקייט פון זייערע בליקן, וואָרים יעדע פון זיי האָט געזען איר אייגענעם גורל אין יעדן נייעם באַזוכער, וואָס האָט נאָר געעפנט די טיר. ה' בערזשערע האָט אין איין רגע באַטראַכט דעם דאָזיקן אויסוואַל פון דינסט-מיידלעך.

דערנאָך איז ער אַריין אין קאַנטאָר, וואָס איז געווען באַצירט מיט קאַלענדאַרן, ווו דעניזאַ אַליין איז געזעסן ביי אַ טיש, באַדעקט מיט אויסגעריבענע רעגיסטערס און אַלטע, אָפּגענוצטע פּאָדקאָוועס, וואָס האָבן געדינט צוצודריקן דאָס פּאַפּיר.

ער האָט געבעטן מ'זאָל אים געבן אַ דינסט-מיידל, און משמעות ער האָט געשטעלט צו הויכע פאָדערונגען, וואָרים אין צען מינוט שפּעטער איז ער ארויס אַן אומצופרידענער, מיט ליידיקע הענט.

בעת ער איז אויפסניי דורכגעגאַנגען דעם אַלגעמיינעם זאַל, האָט ער באַמערקט אין אַ פינצטערן ווינקל עפּעס אַ באַשעפעניש, וואָס ער האָט געזען צום ערשטן מאָל.

דאָס איז געווען אַ שמאָלע, לאַנגע געשטאַלט, וואָס אירע אָרן און געשלעכט איז שווער געווען פעסטצושטעלן; זי האָט

געהאַט אַ פּיינערדיקן, גאָלן קאָפּ מיט אַ שטערן, ווי אַ ריזידיקע קויל, וואָס האָט זיך אראָפּגעלאָזט ביז צו דער סאַמע נאָז, אַ קורצע מיט גרויסע נאָזלעכער. דורכן אָפּענעם מויל האָבן זיך ארויסגעזעען גרויסע פערדישע ציין, און אונטער דער אַראָפּ-הענגענדיקער ליפּ איז אינגאַנצן נישט געווען קיין קינבאָרד.

זי איז געזעסן אין איר ווינקל, אַן אומבאַוועגלעכע און געקוקט מיט שטאַרע בליקן; זי האָט אפשר געוווסט, אַז זי וועט אַזוי לייכט נישט קריגן קיין בעלן אויף זיך און מ׳וועט ליבער נעמען צו דער דינסט אַן אַנדערע, איידער זי, פונדעסט-וועגן איז זי אָבער געווען צופרידן פון זיך. זי איז געווען געקליידט, ווי די פרויען פון די נידעריק ליגנדיקע טאָלן, ווו ס׳הערשן פיבערס. שפּליטערלעך שטרוי האָבן אַרויסגעשטאַרט פון איר געשטריקטן הוט.

ה׳ בערזשערע האָט זי אַ לאַנגע צייט באַטראַכט מיט מרה-שחורהדיקער באַוווּנדערונג. צום סוף האָט ער, ווייזנדיק אויף איר מיטן פינגער, זיך געווענדעט צו דעניזאָן:

— אָט די, — האָט ער געזאָגט, — געפעלט מיר.

— מאַריע? — האָט דעניזאָ געפרעגט, אַ פאַרחידושטער.

— טאַקע זי, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע.

XVII

דער ארכיוואר, ה׳ מאַזור האָט ענדלעך באַקומען די אַקאַ-דעמישע פּאַלמען און ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער רעגירונג מיט אַ מער פריינדלעך אויג. אַזוי אָבער ווי בייזערן זיך איז געלעגן אין זיין נאַטור, האָט ער פון איצט אָן אויס-געלאָזט זיין כעס צו די קלעריקאַלן און פלעגט זיך כסדר באַ-קלאָגן אויף דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט פון די בי-שאָפן.

אנומלט האָט ער באגעגנט דעם ה׳ בערזשערע אויפן פּלאַץ פון הייליקן עקזופּער, און ער האָט אנגעהויבן איינצו-טענה׳ן מיט אים וועגן דער קלעריקאלער געפאר.

— די גלחים, — האָט ער געזאָגט, — קאָנען נישט אומ-ווארפן די רעפּובליק, ווילן זיי זי כאָטש באהערשן.

— דאָס איז די אמביציע פון אלע פּארטייען, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע, — און דער נאטירלעכער רעזולטאט פון אונזערע דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס, וואָרים די דעמאָ-קראטיע שטיצט זיך טאקע אויפן קאמף פון די פּארטייען, און דאָס פאלק אליין איז צעטיילט לויט זיינע געפילן און אינטערעסן.

— מ׳קאָן אָבער נישט טאָלערירן, — האָט געזאגט ה׳ מאַזור, — אַז די קלעריקאַלן זאָלן אונטער דער מאַסקע פון פרייהייט איינבערעגענען די ווילער אין אַ טעות.

דערויף האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט:

— אַלע פּאַרטייען, וואָס זענען אויסגעשלאָסן פון אָנטייל אין דער רעגירונג, פּאַררופן זיך אויף דער פרייהייט, מחמת דעם, וואָס זי פאַרשטאַרקט די אָפּאָזיציע און שוואַכט אָפּ די מאַכט. צוליב דער זעלבער סיבה באַמיט זיך די הערשנדע פּאַרטיי ווי ווייט מעגלעך צו באַגרענעצן די פרייהייט. און אין נאָמען פון סוווערענעם פאָלק גיט זי אַרויס טיראַנישע געזעצן.

„ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרזיכערן די פרייהייט קעגן די אַטענטאַטן פון דער נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. דער דעמאָקראַטישער דעספּאָטיזם האָט נישט אין דער טעאָריע קיין גרענעצן. אין דערווירקלעכקייט, אויב מ'זאָל נעמען אין באטראכט די איצטיקע צייט, האלט איך, אז ער איז א מיטלמעסיקער. מ'האָט אונז געגעבן „פאַרברעכערישע געזעצן”, מ'ווענדט זיי אָבער נישט אָן אין לעבן.”

— הער בערזשערע, — האָט זיך אָנגערופן דער אַרכיוואר, — ווילט איר הערן א גוטע עצה? איר זענט א רעפּובליקאנער, פאלט נישט אָן אויף אייערע פריינד. אויב מיר וועלן זיך נישט היטן, וועלן מיר ווידער ארונטערפאלן אונטער דער הערשאפט פון די גלחים, די רעאקציע מאכט געוואלטיקע פאָרשריט, די ווייסע זענען אלעמאָל וויים, די בלויע זענען שטענדיק בלוי, ווי נאפּאָלעאָן פלעגט זיך אויסדריקן. איר זענט א בלויער, הער בערזשערע.

„די קלעריקאלע פּארטיי וויל אייך בשום אופן נישט מוחל זיין, פארוואָס איר האָט אָנגערופן זשאננע ד' ארק „מאסקאָט”, *) (מיר אליין קומט אָן זייער שווער אייך דאָס מוחל צו זיין, וואָרים איך פארגעטער פשוט זשאַננע ד'אַרק צון דאַנטאָנען). איר זענט א פריידענקער. פארטיידיקט צוזאמען מיט אונז די ציווילע געזעלשאַפט! לאָמיר זיך פאַראייניקן! ווען מיר וועלן זיין פאַראייניקט, וועלן מיר האָבן כוחות מנצח צו זיין. עס איז אונזער הייליקער חוב צו באַקעמפן דעם קלעריקאַליזם.”

---

*) באדייט: מכשפה. (באַמ. פ. איבערזעצער).

— איך זע אין דעם הויפטזעכלעך דעם אינטערעס פון דער פּאַרטיי, — האָט געענטפערט ה׳ בערזשערע. — און אויב איך וואָלט געהאַט בדעה אָנצושליסן זיך אין אַ פּאַרטיי, וואָלט איך בלי ספק ארייננעטרעטן אין אייער פּאַרטיי, וואָרים דאָס איז די איינציקע פּאַרטיי, וואָס איך וואָלט איר געקאָנט דינען אָן איבעריקער צביעות.

„צום גליק אָבער בין איך נישט געצוואונגען אָנצוקומען צו דער דראַזיקער עקסטרעמיטעט, און איך האָב לגמרי נישט קיין חשק צו פאַרשמעלערן מיין שכל, כּדי אַריינצוטרעטן אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. דעם אמת געזאָגט, זענען מיר אייערע דיספּוטן פולשטענדיק גלייכגילטיק, וואָרים איך פיל, ווי אומזיניק זיי זענען. דאָס, וואָס טיילט אייך אָפּ פון די קלעריקאַלן, איז אין דער אמתן אָן באַדייטונג. ווען זיי וואָלטן נאָך אייך געקומען צו דער מאַכט, וואָלט דאָס נישט געענדערט די לאַגע פון די באַזונדערע יחידים, און דאָס וויכטיקסטע אין דער מלוכה איז די לאַגע פון די יחידים. די איבערצייגונגען זענגלן נישט מער ווי אַ שפּיל פון פראַזן. און פון די קלעריקאַלן טיילן אייך אָפּ בלויז איבערצייגונגען.

„איר זענט נישט אימשטאַנד אַנטקעגנצושטעלן זייער מאָראַל אייער אייגענע מאָראַל, כאָטש צוליב דעם, וואָס אין פראַנקרייך עקזיסטירט נישט פון איין זייט קיין רעליגיעזע מאָראַל, און פון דער אַנדערער זייט — אַ ציווילע מאָראַל. די יעניקע, וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי זעען דאָס, לעבן אין אַ טעות. איך וועל עס אייך געבן צו פאַרשטיין אין איינציקע ווערטער.

„אין יעדער צייט זענען פאַראַן געוויסע לעבנס-געוווינהייטן, וואָס באַשטימען דעם אופן פון דענקען ביי אלע מענטשן. אונזערע מאָראַלישע אידעען זענען נישט קיין פּראָדוקט פון איבערלייגונג, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער געוווינהייט. ווער עס פּאַסט זיך צו צו די דאָזיקע אידעען גילט אַלס אָרנטלעכער מענטש, ווער עס ווארפט זיי אָפּ — גילט אַלס שלעכטער

מענטש, און קיינער האָט נישט די העזה אָפן קענען זיי ארויסצוטרעטן.

„זיי ווערן אומקריטיש אָנגענומען דורך דער גאַנצער געזעלשאַפט, אומאָפּהענגיק פון די רעליגיעזע גלויבענישן און די פילאָזאָפישע איבערצייגונגען; זיי ווערן נישט שטאַרקער אונטערגעשטיצט דורך די, וואס באַמיען זיך זיי איינצופירן אין לעבן, ווי דורך די, וואָס פּאַסן נישט צו צו זייערע מעשים. בעת די אזוי גערופענע פרייע גייסטער גלויבן צו געפינען אין דער נאַטור די כללים פון זייער הנהגה, לערנען די פרומע נשמות די כללים פון דער אויפפירונג פון דער רעליגיע; און אָט ווייזט זיך ארויס, אַז די דאָזיקע כללים זענען די זעלבע, נישט דערפאר, וואָס זיי זענען אוניווערסאַל, גלייכצייטיק געטלעך און נאַטירלעך, ווי אייניקע ווילן זיך אויסדריקן, נאָר פונקט פאַרקערט, גראָד דערפאר, וואָס זיי זענען צוגעפּאַסט צו דער צייט און אָרט און שטאַמען פון די זעלבע מנהגים און די זעלבע איבערגלויבענישן.

„יעדע עפּאָכע האָט איר הערשנדע מאָראַל, וואָס איז נישט קיין רעזולטאַט, נישט פון דער רעליגיע און פילאָזאָפיע, נאָר פונם מנהג, — די איינציקע קראַפט, וואָס איז פעיק צו פאַראייניקן די מענטשן אין איין געפיל; ווארים אלץ, וואס אונטערליגט נאר דעם שכל, צעטיילט די מענטשן. און די מענטשהייט עקזיסטירט נאָר אונטער דער באַדינגונג, אַז זי זאָל נישט טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס איז דער יסוד פון איר עקזיסטענץ. די מאָראַל הערשט איבער די גלויבענישן, וואָס אונטערליגן אַ דיסקוסיע, בעת די מאָראַל אליין איז קיינמאָל נישט דער אָביעקט פון דיסקוסיע.

„און טאַקע דערפאַר, וואָס די מאָראַל איז די סומע פון די פאָראורטיילן אין דער געזעלשאַפט, קאנען אין איין און דער זעלבער צייט און אין איין און דעם זעלבן אָרט נישט עקזיסטירן קיין צוויי סתירהדיקע מאָראַלן. איך וואָלט געקאָנט אילוסטרירן דעם דאָזיקן אמת מיט אַ גרויסער צאָל ביישפּילן.

„דער ביז גאָר אינטערעסאַנטער צווישן זיי איז דער בײ־

שפיל מיטן קייזער יוליאַן, וואָס זיינע ווערק האָב איך אַמאָל
שטודירט. יוליאַן, וואָס האָט זיך אַרויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרק
הארץ און אַ גרויסער נשמה האָט געקעמפט פאר זיינע געטער.
יוליאַן, דער פאַרערער פון דער זון, האָט געגלויבט אין אַלע
מאָראַלישע אידעען פון די קריסטן. ווי זיי, האָט ער זיך באַ-
צויגן מיט ביטול צו די פארגעניגנס פון גוף, ער האָט גע-
לויבט די ווירקזאַמקייט פון תעניתים, וואָס פאראייניקן דעם
מענטש מיט דער גאָטהייט. ווי זיי האָט ער געגלויבט אין דער
לערע וועגן תשובה, ער האָט געגלויבט, אַז די יסורים רייניקן
די נשמה. ער האָט זיך פארטיפט אין מיסטעריען, וואָס האָבן
ווי די קריסטליכע מיסטערייען, ארויסגעקוועלט פון אַ געוואַל-
טיקן דראנג נאָך ריינקייט, יאוש און געטלעכער ליבע. זיין
בייע לערע וועגן די געטער איז גראָד אין מאָראַלישן זין ענ-
לעך געווען צום קריסטנטום, ווי אַ יונגערער ברודער איז ענ-
לעך צום עלטערן.

„וואס איז דען דער וואונדער?ביידע רעליגיעזע קולטן
זענען געווען צוויי צווילינג-קינדער פון רוים און פון מזרח. זיי
זענען ביידע ארויסגעדרונגען פון די זעלבע מענטשלעכע גע-
וויגהייטן, פון די זעלבע טיפע אינסטינקטן, וואס האבן געשלו-
מערט אין דער אַזיאַטישער און לאַטיינישער וועלט. זייערע נשמות
האבן געשטאמט פון איין מקור. זיי האָבן זיך בלויז אונטער-
געשיידט צווישן זיך מיטן נאָמען און שפראַך. דער דאָזיקער
אונטערשיד איז אָבער געווען גענוג, זיי זאָלן ווערן שטערב-
לעכע שונאים.

„די מענטשן אמפערן זיך גאָר אָפט איבער ווערטער. צו-
ליב ווערטער זענען זיי גרייט צו הרגענען און לאָזן זיך גערן
דערהרגענען. די היסטאָריקער פרעגן זיך מיט אומרו, וואָס וואָלט
געשען מיט דער ציוויליזאציע, ווען דער קייזער-פילאָזאָף וואָלט
אדאנק זיין אויסהאלטעוודיקייט און באשיידנקייט אפגעהאלטן
אַ פארדינטן נצחון און גובר געווען דעם גאַלילעער.

„ס'איז גאָרנישט אזא לייכטע זאך צו מאכן געשיכטע.
פונדעסטוועגן ווייזט זיך אויס, אז אין דעם פאל וואלט דער

פּאָליטעיזם, וואס האָט אין די צייטן פון קייזער יוליאן שוין געהאט דערגרייכט ביז צו א געוויסער מאס די שטופּע פון מאָנאטעיזם, מיט דער צייט באהערשט געוואָרן דורך די נייע מאָראַלישע מנהגים און אָנגענומען די זעלבע מאָראַלישע צורה פון קריסטנטום. קוקט אייך צו צו די גרויסע רעוואָלוציאָנערן און זאָגט אַליין, צי כאָטש איינער פון זיי האָט אַרויסגעוויזן אַן אָריגינאַליטעט אין די ענינים פון מאָראַל. ראָבעספּיער האָט וועגן דער טוגנט געהאַט די זעלבע אידעען, וואָס זיינע לערער, די גלחים פון אַררא.

„איר זענט אַ פרײַדענקער, ה׳ מאזור, און איר גלויבט, אַז דער מענטש דאַרף אויפן דאָזיקן פּלאַנעט זוכן וואָס מער גליק. הער דע טערמאָנדר, וואָס איז אַ קאַטאָליק, גלויבט, אַז די ערד איז אַן אָרט פון תשובה און אָפּקומעניש און אַז מיר קומען אַראָפּ אויף דער וועלט, כּדי דורך ליידן און יסורים, קויפן פאַר זיך יענע וועלט. און נישט געקוקט אויף דער סתּירה פון אייערע פּרינציפּן, האָט איר ביידע כּמעט די זעלבע מאָראַל, וואָרים די מאָראַל איז אומאָפּהענגיק פון פּרינציפּן.״

— איר מאַכט חוזק פון מענטשן, — האָט ה׳ מאַזור געזאָגט, — און עס נעמט מיך באמת אָן אַ חשק זיך אויסצוזידלען, ווי אַ טרעגער־יונג. די רעליגיעזע אידעען, אפילו ווען דער טײַוול אַליין וואָלט זיך אין דעם אַרײַנגעלייגט, זענען אין אַ געוויסער מאָס גורם פון די געשטאַלטונג פון די מאָראַלישע אידעען. איך קאָן דעריבער באַהויפּטן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קריסטלעכע מאָראַל, וואָס איך פאַראורטייל פון גאַנצן האַרצן.

— אָבער מײַן טײַערער הער, — האָט זיך אָנגערופן דער פּראָפעסאָר, — ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל קריסטלעכע מאָראַלן, וויפיל יאָרהונדערטער דאָס קריסטנטום האָט דורכגעמאַכט און אין וויפיל לענדער עס האָט אַרײַנגעדרונגען. די רעליגיעס, פּונקט ווי די קאַמעלעאָנען, נעמען אַרויף אויף זיך די קאָליר פון דער ערד, אויף וועלכער זיי האָבן זיך באַזעצט.

„די מאָראַל, די איינציקע פאַר יעדן דור, ענדערט זיך בסדר צוזאַמען מיט די מנהגים און גלויבענישן, וואָס זי רע־פּרעזענטירט מיט זיך, ווי אַ פאַרגרעסערטער אָפּגלאַנץ אויף דער וואַנט. און דעריבער טאַקע איז די מאָראַל פון די היינטיקע קאַטאָליקן, וואָס איר האָט זיי אַזוי פיינד, זייער שטאַרק ענלעך צו אייערער און פאַרקערט, זי ענדערט זיך זייער שטאַרק פון דער קאַטוילישער מאָראַל אין די צייטן פון דער „קאַטוילישער ליגע. *)“ איך רעד שוין נישט וועגן די קריסטן פון די אַפּאָסטאָלישע צייטן, וואס וואָלטן פון דער נאָענט זיך אויסגעוויזן דעם ה׳ דע טערמאָנדער, ווי אויסערגעוויינלעכע מענטשן.

„זייט יושרדיק און געוויסנהאַפט, אויב דאָס איז מעגלעך; מיט וואָס, כ׳בעט אייך, שיידעט זיך אונטער אייער פריידענקערישע מאָראל פון דער מאָראַל פון די היינטיקע גוטמוטיקע לייט, וואָס גייען אין דער קירך אַריין? זיי גלויבן אין דער לערע וועגן תשובה און חרטה, וואָס איז דער יסוד פון זייער גלויבן, זיי ווערן אָבער זייער שטאַרק אויפגעבראַכט, פּונקט ווי איר, בעת זייערע אייגענע גלחים שטעלן זיי פאַר די דאָזיקע לערע אויף אַן ענערגישן אופן. זיי גלויבן, אַז ליידן איז אַ מצוה, וואָס איז נושא חן אין גאָטס אויגן. צי האָט איר פונדעסטוועגן אַמאָל געזעען, אַז זיי זאָלן זיך אַוועקזעצן אויף טשוועקעס?

„איר האָט פּראָקלאַמירט די פרייהייט פון רעליגיע. זיי האָבן חתונה מיט יידישע פרויען און הייסן נישט לגמרי פאַרברענען זייער שווער. צי האָט איר נישט די זעלבע מיינונג וועגן די געשלעכטס־באַציונגען, וועגן דער פאַמיליע, חתונה, אפשר בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואָס איר דערלויבט אויף אַ גט, הגם איר רעקאָמענדירט אים נישט אין לעבן? זיי גלויבן,

---

*) אונטערן דאָזיקן נאָמען איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך אין זיבצנטן יאָרהונדערט די מעכטיקע קאַטוילישע פּאַרטיי, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף מיט די פּראָטעסטאַנטן.

(באַמ. פ. איבערזעצער).

אַז מ'טוט זיך אַ רעה, בעת מען באַגערט אַ פרוי. צי זענען זייערע פרויען ווייניקער דעקאַלטירט, ווי אייערע אויף די מי־טאָגן און אָוונט־אויפנאַמעס? צי דורך זייערע קליידער זעט מען ווייניקער, ווי זיי זענען געבויט? און צי געדענקען זיי, וואָס טערטוליאַן האָט זיך אויסגעדריקט וועגן די קליידער פון אַלמנות? צי טראָגן זיי וואָלן און באַהאַלטן זייער פיגור? און איר, צי אַקצעפּטירט איר דען נישט זייערע מאַניערן? צי פאָדערט איר דען, זיי זאָלן גיין נאַקעט מחמת דעם, וואָס איר גלויבט נישט, אַז חוה זאָל האָבן צוגעדעקט איר ערוה מיט אַ פייגנבלאַט?

„וואָסערע אידעען שטעלט איר ארויס אַקעגן זייערע אידעען וועגן פאָטערלאַנד, וואָס מ'הייסט אייך פאַרטיידיקן, פונקט, ווי זייער פאָטערלאַנד וואָלט נישט געווען אין הימל? אפשר האָט איר אַנדערע באַגריפן וועגן דער פאַרפליכטנדער מיליטער־דינסט, וואָס זיי געבן זיך איר אונטער בלויז מיט דער באַוואָרעניש בנוגע איין פונקט פון דער גייסטיקער דיסציפלין, פון וועלכן זיי האַלטן נישט אין דער אמתן? אפשר האָט איר אַנדערע באַגריפן וועגן דער מלחמה, וואָס זיי וועלן פירן ביי אייער זייט, אויב איר וועט נאָר וועלן, נישט געקוקט דערויף, וואָס זייער גאָט האָט בפירוש געזאָגט: „לא תרצח".

„צי זענט איר אויף אַזוי פיל אינטערנאַציאָנאַליסט און אַנאַרכיסט, כדי זיך אָפּצושיידן פון זיי אין די אַלע וויכטיקע געביטן פון לעבן? וואָס האָט איר אייער אייגנס? אפילו דער דועל, אין זיין עלעגאַנץ,ווערט אויך פאָראויסגעזעען סיי אין אייערע, ווו אויך אין זייערע מנהגים, הגם ער אַנטשפּרעכט נישט מער זייערע פּרינציפּן, וואָרים ער איז פאַרבאָטן דורך זייערע גלחים און מלכים, און ער דרינגט אויך נישט ארויס פון אייערע פּרינציפּן, וואָרים ער זעט נישט פאָר קיין געטלעכע אינטערווענץ אין אונזערע קריגערייען.

„צי האָט איר נישט די זעלבע מאָראַל בנוגע די יסודות פון דער אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע, פּריוואַט־אייגנטום, קאַפּיטאַל, בנוגע דער גאַנצער עקאָנאָמיע פון דער היינטיקער געזעלשאַפט,

און סיי איר, ווי זיי טאָלערירט מיט דער זעלבער געדולד די סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, אויב איר אַליין ליידט נאָר נישט דערפון?

„איר וואָלט געמוזט זיין אַ סאָציאַליסט, אז ס'זאָל אנדערש זיין אויף דער וועלט. און אַז איר וועט ווערן סאָציאַליסט, וועלן זיי אויך בלי ספק ווערן סאָציאַליסטן. איר טאָלערירט די עיוולות, וואָס זענען איבערגעבליבן פון אלטן רעזשים, כל זמן זיי טוען אייך נישט קיין רעה. און אייערע כלומרשטע קעגנער אַקצעפּטירן פון זייער זייט די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלוציע אין דעם פאַל, אויב עס האַנדלט זיך וועגן פאַר־כאַפּן אַ פאַרמעגן, וואָס שטאַמט פון אַן אַלטן באַזיצער פון נאַציאָנאַלע גיטער. זיי זענען אָנהענגער פון קאָנקאָרדאַט; איר זענט עס אויך, און אפילו די רעליגיעז פּאַראַייניקט אייך אויך.

„זייער גלויבן האָט זייער אַ קליינעם איינפלוס אויף זיי־ערע געפילן, און זיי זענען ווי איר צוגעבונדן צום לעבן, וואָס זיי דאַרפן צו פאַראַכטן, און צו זייער פאַרמעגן, וואָס איז אַ מניעה אויפן וועג צו זייער אויסלייזונג. זיי האָבן כמעט די זעלבע מידות, וואָס איר, און כמעט אויך די זעלבע מאָראַל. איר שיקאַנירט זיי אויף די געביטן, וואָס אינטערעסירן בלויז די פּאָליטיקאַנער, און גייען זייער ווייניק אָן די געזעלשאַפט, וואָס איז מיט רעכט גלייכגילטיק צו אייך, ווי צו זיי.

„טריי צו די זעלבע טראַדיציעס, אונטערגעוואָרפן די זעלבע פאָראורטיילן, פאַרזונקען אין די זעלבע פינצטערנישן, פרעסט איר אויף איינער דעם אַנדערן, ווי ים־קרעבסן אין אַ קויש. בעת מ'קוקט זיך צו צו אייערע שלאַכטן פון שטשורעס און טשערעפּאַכעס, פאַרלירט מען דעם חשק צו אייערע וועלט־לעכע רעפאָרמען.

XVIII

מאַריע איז אריין אין הויז ווי דער מלאך-המות. ביי איר אָנבליק האָט מאַדאַם בערזשערע זיך איבערצייגט, אַז די אַמאָליקע צייטן זענען שוין פאַרביי.

די יונגע עאופעמיע, וואָס איז ווי אַ טרייער הונט געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אירע באַלעבאַטים און צו זייער הויז, איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אויף דער אויסגעפליקטער שטול, אַן אומבאַוועגלעכע און שווייגנדיקע מיט אַ רויט פנים פון וויינען.

זי האָט נישט געוויינט, די ליפּן אירע זענען אָבער גע-ווען פארברענט פון היץ. זי האָט זיך געזעגנט מיט מאַדאַם בערזשערע מיט דער ערנסטקייט פון אַ פשוטער, רעליגיעזער נשמה.

אין משך פון די פינף יאָר פון איר דינסט, האָט זי גע-מוזט אויסשטיין אַ סך זלזולים און כעס - אויסברוכן פון איר קאַרגער באַלעבאָסטע, וואָס האָט איר וויניק געגעבן צו עסן; זי פון איר זייט פלעגט פון צייט צו צייט זיך בונטעווען קעגן דער מאַדאַם און זי באַרעדן צוגלייך מיט אַנדערע דינסט-מיידלעך.

זי איז אָבער געווען אַ קריסטין און טיף אין האַרצן האָט זי רעספּעקטירט אירע באַלעבאַטים, ווי אירע אייגענע עלטערן. זי האָט מיט אַ הייזעריק קול פון כליפּען זיך געזעגנט צו דער מאַדאַם:

— זײַט געזונט, מאַדאַם. כ׳וועל מתפּלל זײַן צום אױ-בערשטן, אַז איר זאָלט מצליח זײַן. כ׳וואָלט מיך זײער געוואָלט געזעגענען מיט די מײדלעך.

מאַדאַם בערזשערע האָט געפילט, אַז זי פונקט, ווי דאָס דאָזיקע אָרעמע מײדל, איז אויך ארויסגעטריבן געוואָרן פון איר הײם. זי האָט אָבער געהאַלטן, אַז פאַר איר פּאַסט נישט ארויסצוווײַזן איר געריראַקײט.

— גײ, מײַן מײדל, — האָט זי געזאָגט, — גײ און באַ-רעכן זיך מיט דײַן באַלעבאָס.

ה׳ בערזשערע האָט איר באַצאָלט איר לוין. זי האָט פּאַמעלעך און לאַנגזאַם איבערגעציילט דאָס געלט און דרײַ מאָל אנגעהויבן פון דאָסנײַ צו רעכענען, שעפּטשענדיק מיט די ליפּן, ווי בעת א תפילה.

זי האָט באַטראַכט דאס געלט און מורא געהאַט, אַז זי וועט זיך נישט קענען קײן עצה געבן מיט אזוי פיל פאַר-שידענע מטבעות; איר קלײן פאַרמעגן, דאָס אײנציקע וואָס זי האָט פאַרמאָגט אויף דער וועלט, האָט זי ארײַנגעלײגט אין דער קעשענע פון איר קלײד, פאַרבונדן עס אין א טיכל, און פאַרטיפט די הענט אין די קעשענעס.

נאָכדעם, ווי זי האָט דערמיט פאַרענדיקט, האָט זי גע-זאָגט:

— באַלעבאָס, איר זענט אַלעמאָל געווען גוט צו מיר. איך ווינש אײַך גליק. פונדעסטוועגן איז אָבער אמת, אַז איר האָט מיך ארויסגעטריבן.

— דו האַלטסט מיך פאַר א שלעכטן, — האָט ה׳ בער-זשערע געענטפערט. — איך באַדויער זײער, וואָס איך בין גע-צוווּנגען זיך מיט דיר צו שײדן, אַנדערש קאָן אָבער נישט זײַן. אויב איך קאָן דיר אין עפּעס העלפן, וועל איך עס טון מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

עופעמיע האָט מיטן עלנבויגן זיך אָפּגעווישט די אויגן, זי האָט א זיפץ געטאָן און זיך אָנגערופן מיט א מילדער שטים, גיסנדיק דערבײַ מיט טרערן;

— קיינער איז דאָ נישט שלעכס געווען צו מיר.

זי איז אַוועק און שטיל פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר. און ה׳ בערזשערע האָט זי געזעען אין זיין פאַנטאַזיע ביים אַגענט דעניזאָ, אין דער טיפעניש פון זאַל, אין אַ ווייס טיכל, מיטן בלויען ביינוולנעם שירם צווישן די קני, די אויגן געווענדעט מיט אומרו צו דער טיר, אין דער מרה־שחורהדיקער מחנה פון מיידלעך צום פאַרדינגען זיך אויף אַרבעט.

בינו לבינו האָט מאַריע, אַ דאָרפישע מויד, וואָס ד׳האָט ביז איצט געהאַט צו טון בלויז ביי בהמות, זיך אַרומגעדרייט צווישן אירע באַלעבאַטים, אַ צעטומלטע און אַ צעחושטע; א צעשראָקענע איז זי געזעסן אין קיך און באַטראַכט ,י טעפּ.

זי האָט געקענט אָפּקאָכן בלויז אַ זופּ אויף חזיר-שמאַלץ און פאַרשטאַנען נאָר דעם דאָרפישן דיאַלעקט. זי האָט נישט געהאט אַפילו קיין גוטע רעקאָמענדאַציעס. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט פאַסטוכער, געטרונקען בראָנפן און אַפילו דענאַטור-שפּירט.

דער ערשטער גאַסט, וועמען זי האָט געעפנט די טיר, איז געווען דער קאָמאַנדאָר אַספּערטיני, וועלכער איז גראָד פאַרבייגעפאָרן דורך דער שטאָט און ווי שטענדיק איז ער געקומען זיך זעען מיט זיין פריינד, ה׳ בערזשערע. משמעות, זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן איטאַליענישן געלערנטן, ווארים יענער האָט באַלד נאָכן באַגריסן זיך, אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איר מיט דעם אינטערעס, וואָס עס וועקט די העסלעכקייט, בפרט ווען זי איז אויסערגעוויינלעך און שרעקלעך.

— אייער דינערין, הער בערזשערע, — האָט ער געזאָגט, — דערמאָנט מיר יענע אויסדרוקפולע פיגור, וואָס דזשיאָטאָ האָט אויסגעמאָלט אויפן געוועלב פון דער קירך אין אַסיז, בעת אָנגערעגט פון דאַנטעס אַ טערצעט, האָט ער פאָרגעשטעלט די י ע נ י ק ע, וואָס קיינער עפנט איר נישט אויף די טיר מיט אַ שמייכל.

— אט וואס — האָט צוגעגעבן דער איטאַליענער, — צי-

האָט איר געזעען דעם מאָזאיק-פּאָרטרעט פון ווערגיל, וואָס אייערע מיטבירגער האָבן נאָר וואָס אַנטדעקט אין סוס, אין אַלזשיר. דאָס בילד שטעלט פאָר מיט זיך אַ רוימער מיט אַ נידריקן און ברייטן שטערן, מיט אַ פירקאַנטיק פּנים און שטאַרק אַנטוויקלטע קינבאַקן, מיט איין וואָרט אַ בילד, וואָס דערמאָנט לחלוטין נישט דעם שיינעם יונגנמאַן, וועלכן מ׳פלעגט אונז ביז איצט ווייזן.

„דער ביוסט, וואָס מ׳האָט אַ לאַנגע צייט אָנגענומען פאַרן פּאָרטרעט פון דיכטער איז אין דער אמתן אַ רוימישע קאָפּיע פונם גריכישן אָריגינאַל פון פערטן יאָרהונדערט; ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ יונגן גאָט, וואָס ווערט פאַרערט אין די מיס-טעריען פון עלעוזיס. דוכט זיך, אַז איך האָב דער ערשטער פעסטגעשטעלט דעם אמתן כאַראַקטער פון דער דאָזיקער פיגור אין מיינע נאָטיצן וועגן דעם „קינד טריפּטאָלעם". צי איז אייך באַקאַנט דאָס דאָזיקע בילד פון ווערגיל, הער בערזשערע?

— אויף וויפיל מ׳קאָן אורטיילן פון דער פאָטאָגראַפיע וואָס איך האָב געזעען, — האָט ה׳ בערזשערע געענטפערט, — איז מעגלעך, אַז די דאָזיקע אַפריקאַנישע מאָזאיק איז אַ קאָפּיע פון אַ פּאָרטרעט, וועמען עס האָט נישט געפעלט קיין אויס-דרוק. דער דאָזיקער פּאָרטרעט שטעלט וואַרשיינלעך פאָר מיט זיך ווערגילן, און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז אַן ענלעכער פּאָרטרעט. אייערע הומאַניסטן פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע, געערטער הער אַספּערטיני, האָבן זיך פאָרגעשטעלט דעם מחבר פון ענעידע מיט אַ פּנים פון אַ חכם.

„די אַלטע ווענעציאַנישע אויסגאַבן פון דאַנטעס ווערק, וועלכע איך האָב דורכגעבלעטערט אין אונזער ביבליאָטעק, זענען פול מיט האָלץ-גראַווירן, וווּ ווערגיל ווערט פאָרגעשטעלט מיט אַ פילאָזאָפישער באָרד. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים אָנגעהויבן צו מאָלן, אַלס אַ שיינעם יונגן גאָט. איצט ווידער האָט ער אַ פירקאַנטיק פּנים. די האָר זיינע זענען פאַרקעמט אין פראַנזן, לויט דער רוימישער מאָדע. די אידעע, וואָס האָט

זיך אדאַנק זײַנע ווערק אויסקריסטאַליזירט אין די מענטשלעכע מוחות, איז אויך שטאַרק געענדערט געוואָרן.

„יעדע ליטעראַרישע עפּאָכע האָט געהאַט וועגן איר אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג. איך לאָז אין אַ זייט די לעגענדעס וועגן בישופמאַכער ווערגיל אין מיטלאַלטער, זיכער איז, אַז דער מאַנטואַנער איז פאַרערט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן צוליב פאַרשידענע סבות.

„מאַקראָב האָט געזעען אין דאָזיקן דיכטער די סיבילע פון דער רוימישער אימפעריע, דאַנטע און פּעטראַרקע האָבן שטאַרק געהאַלטן פון זיין פילאָזאָפיע. שאַטאָבריאַן און וויקטאָר הוגאָ האָבן אַנטדעקט אין אים דעם אָנזאָגער פון קריסטנטום. וואָס שייך מיר האָב איך נאָר צו טון מיט ווערטער, און איך זע אין זיינע ווערק בלויז פילאָלאָגישן ווערטער־שפּיל. איר, הער אַספּערטיני, האַלט, אַז ער איז געווען גלענצנד באַהאַוונט אין די רוימישע אַלטערטימלעכקייטן, און דאָס איז אפשר דער דויערהאַפטיקסטער פאַרדינסט פון ענעיס.

„מיר טשעפּען צו אונזערע אידעען צו די אַלטע טעקסטן. יעדער דור שטעלט זיך אַודערש פאָר אין זיין פאַנטאַזיע די מייסטער־ווערק פון דער אַנטיקער ליטעראַטור און באַשענקט זיי אויף אַזאַ אופן מיט אַ באַוועגלעכער אומשטערבלעכקייט. מיין קאָלעגע פּאָל סטאַפּפער האָט אויף דער טעמע אַרויסגעזאָגט אַ סך אינטערעסאַנטע געדאַנקען.”

— זייער אינטערעסאַנטע מיינונגען, — האָט געענטפערט דער קאָמאַנדיר אַספּערטיני. — ער האָט אָבער נישט וועגן דער פאַרענדערלעכקייט פון די מענטשלעכע מיינונגען אַזאַ פאַרצווייפלטן באַגריף, ווי איר.

אויף אַזאַ אופן האָבן דיביידע געלערנטע באַהאַנדלט די בילדער פון שיינקייט און רום, וואָס באַשיינען דאָס לעבן.

— וואָס איז געשען, כ'בעט אייך, — האָט געפרעגט דער קאָמאַנדאָר אַספּערטיני, — מיט יענעם זעלנער, אַ לאַטיינקענער, וואָס איך האָב אים באַגעגנט ביי אייך, כ'מיין דעם סימפּאַטישן הער רו, וואָס האָט דוכט זיך ווי געהעריק אָפּ-

געשאצט דעם ווערט פון דעם מיליטערישן רום? ווארים ער האט זיך באצויגן מיט ביטול צו דער ראנגע פון א קאפראל.

ה׳ בערזשערע האט געענטפערט אין קורצע ווערטער, אז ה׳ רו האט זיך צוריקגעקערט אין פולק אריין.

— בעת מיין לעצטן דורכפאר דורך אייער שטאט, — האט געזאגט דער קאמאנדאר אספערטיגי, — אויב כ׳האב נישט קיין טעות, איז דאס געווען דעם צווייטן יאנואר, האב איך איבערראשט דעם יונגן געלערנטן אינעם ביבליאטעק-הויף, אונטער א לינדנבוים, בעת ער האט געשמועסט מיט א יונג דינסטמיידל, וואס האט געהאט א רויט אויער. איר ווייסט דאך מן הסתם, דאס איז א סימן, אז זי האט אים אויסגעהערט מיט א גינציקער צעטומלונג. ס׳איז באמת נישט געווען עטוואס שענערס, ווי די דאזיקע דעליקאטע ראזע מושל, וואס האט אפגעקוקט פונם ווייסן האלז.

„איך האב געמאכט דעם אנשטעל, אז כ׳האב זיי נישט געזען, ווארים כ׳האב נישט געוואלט זיין אין דער ראל פון יענעם פילאזאף פון פיטאגאראסנס שולע, וואס פלעגט אין מע-טאפאנט איבעראשן די פארליבטע פארלעך. דאס דאזיקע יונגע מיידל איז זייער סימפאטיש מיט אירע רויטע פלאמענדיקע האר און איר דעליקאטער הויט, לייכט געשפרענקלט מיט זומער-פלעקן. צי האט איר זי באמערקט, הער בערזשערע?"

ה׳ בערזשערע, וואס האט זי זייער גוט געקענט און וועמען זי איז אויך שטארק געפעלן געווארן האט א שאקל געטון מיטן קאפ אויף יא. ער איז געווען צופיל ארנטלעכער מאן, ער האט צופיל רעספעקטירט זיין אייגענע שטעלונג און געווען צו דיסקרעט, אז ער זאל זיך ווען עס איז האבן דערלויבט אויף צו חברן זיך מיט דער יונגער ביבליאטעק-דינערין.

אבער די דעליקאטע קאליר פון געזיכט, די שלאנקע און בויגעוודיקע געשטאלט פונם חנודיקן מיידל פלעגט גאנץ אפט, בעת ער איז געווען פארטון אין די פארגעלטע בלעטער פון סערוויוס אדער דאמא, זיך פארבייטראגן פאר זיינע אויגן. זי האט געהייסן מאטילדע און זי פלעגט ליב האבן שיינע

יונגלעך. ה׳ בערושערע האט געוויינלעך געהאַט אַ סך פאַרשטענדניש פאַר פאַרליבטע. אבער דער געדאַנק, אַז ה׳ רו איז געפעלן געווארן מאַטילדען, האט אים פאַרשאַפן עגמת־נפש.

— דאָס איז געווען אין אָווגט, נאָך דער זיצונג, — האָט דער קאָמאַנדאָר ווייטער גערעדט. — איך האָב געהאַט איבערגעשריבן דריי נאָך נישט ארויסגעגעבענע בריוו פון מוראַטאָרי, וואָס פיגורירן נישט אין קאַטאַלאָג. בעת איך בין דורכגעגאנגען דעם הויף, ווו ס׳וואַלגערן זיך ארום רעשטלעך אַנטיקע מאָנומענטן פון אייער שטאָט, האָב איך דערזעען אונטערן לינדנבוים, ביים ברונעם, נישט ווייט פון גאַלאָ־רוימישן מאָנומענט „די איבערפירער,“ די יונגע דינערין מיט די גאָלדענע האָר, וואָס האָט זיך געשפילט מיט די שליסלען פון דער ביבליאָטעק און מיט אַראָפגעלאָזטע אויגן זיך צוגעהערט צו די רייד פון אייער תלמיד, ה׳ רו. דאָס, וואָס ער האָט איר געזאָגט, האָט זיך מסתמא מיט גאָרנישט אונטערגעשיידט פון דעם, וואס דער פאַסטוך אַאַריסטיס האָט פארציילט דער פאַסטושקע, וואָס האָט געפיטערט ציגן. און בלי ספק, האט ער, ווי איך גלויב, זיך באַשטעלט מיט איר אויף אַ צווייט מאָל. מסתמא אַ דאנק דער איינאיבונג, וואָס איך האָב באקומען שטודירנדיק די מאָנומענטן פון דער אַנטיקער קונסט, איז מיר באלד געלונגען דורכצודרינגען דעם זין פון דער דאָזיקער גרופע.

ער האט אַ שמייכל געטון און ווייטער גערעדט:

— הער בערושערע, איך האָב נישט קיין חוש פאר אלע פיינקייטן, פאר אַלע ניואַנסן פון אייער שיינער שפראַך. אָבער די ווערטער: מיידל, פריילין, שטעלן מיך נישט צופרידן, בעת זיי דארפן באצייכנען אַ רייצנדיק באשעפעניש, אָט אַזאַ למשל ווי די דינערין פון אונזער ביבליאָטעק.

„מ׳קאָן אין דעם פאַל נישט באנוצן דעם אויסדרוק „מויד,“ וואס איז מיט דער צייט פאַרקריפּלט געווארן און פארלוירן זיין ריכטיקע באַדייטונג; איבריקנס איז אַ גרויסער שאָד, וואָס ס׳איז אזוי געשעען. ס׳וואָלט אויך נישט געווען אויפן ארט אָנצורופן זי יונגע פרוי; כ׳האַלט, אַז צום פאַסיקסטן וואלט געווען זי אַ

באַמען צו געבן: נ י מ פ ע. כ'בעט אייך אָבער, טייערער הער בערזשערע, הורט פאַר קיינעם נישט איבער דאָס, וואָס איך האָב אייך וועגן איר געזאָגט, עס וואָלט איר געקענט ברענגען שאָדן. ס'וואָלט אויך געווען געוווּנשן, אַז דער בירגערמייסטער און ביבליאָטעקאַר זאָלן זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. כ'וואָלט באמת געהאַט שטאַרק עגמת נפש, ווען איך וואָלט אייער נימפע נישט ווילנדיק פאַרשאַפן דעם מינדעסטן שאָדן.

— ס'איז טאַקע אמת, אַז מיין נימפע איז שיין, — האָט ה' בערזשערע געטראַכט.

אַ טרויער האָט אים באַהערשט, און אין דער רגע האָט ער אַליין נישט געוווּסט, פאַר וואָס ער האָט מער פאַרדרוס אויפן הער רו, צי דערפאַר, וואָס עד איז געפעלן געוואָרן דער ביבליאָטעק-דינערין, אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט פאַרפירט די מאַדאַם בערזשערע.

— אייער פאָלק, — האָט זיך אָנגערופן דער קאָמאַנדאָר אַספערטיני, — האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון אינטעלעקטועלער און מאָראַלישער קולטור. אָבער פונם לאַנגן באַרבאַריזם-פּעריאָד, אין וועלכן די פראַנצויזן זענען געווען פאַרזונקען, איז זיי פאַרבליבן אַ געוויסע וואַקלדיקייט, אַ געוויסע אומדעצידירנדע האַלטונג אין זייערע אָגשויונגען וועגן דער ליבע. אין איטאַליע איז די ליבע אַלץ פאַר די געליבטע, און גאָרנישט — פאַר דער וועלט, די געזעלשאַפט פאַרנעמט זיך נישט מיט דעם ענין, וואָס איז בלויז וויכטיק פאַר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אים. אַדאַנק דעם, וואָס מיר האָבן אַ געהעריקע פאַרשטענדניש פאַר די ליידנשאַפטן און פאַר דער ליבע זענען מיר אָפּגעהיטן פון אכזריותדיקייט און צביעות.

אַ לאַנגע צייט האָט נאָך דער קאָמאַנדאָר אַספערטיני געשמועסט מיט זיין פראַנצויזישן ידיד און באַרירט צוזאַמען מיט אים פאַרשידענע פראַגן פון מאָראַל, פּאָליטיק און קונסט. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעהויבן מיט אים צו

געזעגענען. אין פּאָדערצימער האָט ער ווידער באַמערקט מאַר-
יען און געזאָגט צום העָר בערזשערע:
— זייט נישט בייז אויף מיר פאַר די רייד, וואָס איך
האָב מיך אויסגעדריקט וועגן אייער קעכין. פּעטראַרקאַ האָט
אויך געהאַט אַ מיאוסע דינסט, אַ פּאַרזעניש

IX

זינט ה׳ בערזשערע האָט צוגענומען בײַ דער דעטראָניזירטער מאַדאַם בערזשערע די פאַרוואַלטונג מיט דער הויזבאַלעבאַטישקייט, האָט ער אַליין געפירט די ווירטשאַפט און שלעכט געבאַלעבאַטעוועט. אמת איז, אַז די דינסט מאַריע האָט נישט אויסגעפירט זײַנע באַפעלן, פשוט דערפאַר, וואָס זי האָט זיי נישט פאַרשטאַנען. אַזוי אָבער ווי מען מוז דאָך עפּעס טון, וואָרים טון עפּעס איז דער אומבאַדינגטער יסוד פון לעבן, איז מאַריע נישט געזעסן ליידיק, און זי פלעגט אַלעמאָל האָבן נײַע אומגליקלעכע אײַנפאַלן, וואָס האָבן מערסטנטייל געבראַכט בלויז שאָדן.

גאַנץ אָפט פלעגט זי זיך אָנשיכורן. אַנומלט האָט זי אויסגעטרונקען דעם גאַנצן ברען-שפּירט פון דער לאָמפּ, און איז ווי אַ טויטע אָפּגעלעגן גאַנצע אַכט און פערציק שעה אויסגעצויגן אויפן דיל פון דער קיך. בעת זי פלעגט קומען צו זיך, איז זי געווען שרעקלעך. יעדע באַוועגונג אירע פלעגט גורם זײַן אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס וואָס קיינער וואָלט בשום אופן נישט געקאָנט באַווײַזן, איז איר גאַנץ לײַכט אָנגעקומען. אַנומלט האָט זי אַזאַ שטאַרקן זעץ געטון מיטן לײַכטער איבערן קאַמין, אַז די מערמלנע פּליטע איז אינגאַנצן צעפּלאַצט געוואָרן. בעת זי פלעגט פּרעגלען פלייש אויף דער בראָטפּאַן, האָט מען דאָס צישען פון שמאַלץ געהערט אין דער צענטער שטוב, און אין דער גאַנצער וווינונג האָט זיך אַרומגעטראָגן אַ פאַרסמטער ריח. ס׳איז אומ-

מעגלעך געווען צו נעמען אין מויל אַריין די מאכלים, וואָס זי האט דערלאַנגט צום טיש.

מאַדאַם בערזשערע האט איינע אליין פאַרבראַכט אירע טעג ביי זיך אין שלאָף-צימער, זי פלעגט שרייען פאַר ווייטאַק און וויינען מיט ביטערע טרערן איבער דער חורבה פון איר תירטשאַפט.

איר אומגליק האט אנגעהויבן אנצונעמען אומגעריכטע און אויסטערלישע פאָרמען, און אַרייַנגעבראַכט איר ממשותדיקע נשמה אין א צושטאַנד פון תוהו־ובוהו. איר אומגליק האט זיך כסדר פאַרגרעסערט. הער בערזשערע, וואס פלעגט נאך מיט א קורצער צייט צוריק אודעקגעבן איר זיין גאנצע חודש-פענסיע, נישט איבערלאזנדיק פאר זיך צומאל אויף פאפיראסן, האט איר איצט אויפגעהערט אינגאנצן געלט צו געבן. אין יענע תאווהדיקע טעג, בעת זי האט געוואָלט געפעלן ווערן דעם הער רו, האט זי אויסגעגעבן א סך געלט אויף קליידער און צירונג; שפעטער, אין די שווערע מאמענטן פון איר לעבן האט זי נאך מער געלט אויסגעגעבן, ווארים זי האט געוואלט מ'זאל זי אין שטאט רעספעקטירן, און דעריבער פלעגט זי אפט באזוכן די דאמען פון דער געזעלשאפט.

איצט האבן די שניידערין און מאדיסטין זי נישט גע-לאזט צורו און אנגעהויבן צו מאָנען ביי איר געלט. דער מאדע-מאַגאזין פון דער פירמע אשאר האט זי נישט באהאנדלט ווי אלע אנדערע קליענטינס און פלעגט איר צושיקן פון צייט צו צייט אויפפאדערונגען, וואס זייער אנבליק האט אינ-גאנצן צעטומלט די טאכטער פון פרוי פוי. ביסלעכווייז איז זי גע קומען צו דער איבערצייגונג, אז די דאזיקע אומגעהייערע צרות זענען אן אומגעריכטער אבער א פארשטענדלעכער פועל-יוצא פון איר זינד; ביסלעכווייז האט זי אנגעהויבן צו באגרייפן די ווירקלעכקייט פון איר חטא און מיט באקן, וואס האבן געפלאמט פאר בושה, האט זי זיך דערמאנט אלץ, וואס מ'האט איר אין איר יוגנט פארציילט וועגן דעם דאזיקן אומדערהערטן שרעק-לעכן פארברעכן.

איידער זי האט זיך געלייגט שלאָפן פלעגט זי שטייענדיק אויפן דיוואַן, צעפּראַלן דאס נאכט־העמד און אַ וויילע באַטראַכטן די פונאַנדערגעוואַקסענע פאָרמען פון איר ברוסט און בויך, וואס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון אונטערן באַטיסט, ווי קליינע מילכווייסע קישעלעך, באַגילדט פונם שיין פון דער לאָמפּ. זי פלעגט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכטן, צי די פאָרמען פון איר קערפּער זענען באמת שיין, ווארים זי האָט נישט געהאַט דעם חוש פאַר דער שיינקייט פון נאַקעטן קערפּער און זי האָט זיך בלויז געקענט אויף דער שניידערישער שיינקייט.

זי האָט זיך נישט געשעמט, ווי אויך זיך נישט געגרויסט מיט איר גוף, זי האָט אויך נישט אַרויסגערופן אין איר געדעכעניש דעם זכר פון אַמאָליקע תאוהדיקע שעהן. זי האָט בלויז געפילט, ווי ס'באַהערשט זי אַן אומרו און אַ צעטומלונג, בעת זי האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן גוף, וואָס זיינע סודותפולע תאוות האָבן גורם געווען אַזעלכע שרעקלעכע רעזולטאַטן אין איר סאָציאַלן פאַמיליען־לעבן.

זי האָט מודה געווען, אַז אַ קליינע נישטיקע טאַט קאָן דערגרייכן צו אַן אידעאַלער גרויסקייט, וואָרים זי איז געווען רעליגיעז און מאָראַליש און גענוג מעטאַפיזיש צו גלויבן אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון גורל. זי האָט זיך נישט געהאַט וואָס פאָרצוואַרפן, וואָרים זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין פאַנטאַזיע; וועגן גאָט האָט זי געהאַט אַ באַגרענעצטן באַגריף און זי האָט געהאַלטן, אַז זי איז שוין גענוג באַשטראָפט געוואָרן.

זי האָט איבעריקנס גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, מ'זאָל דעם כבוד פון דער פרוי פאָרשטעלן אַנדערש, ווי ער איז געווען אין דער ווירקלעכקייט; זי האָט זיך אויך נישט אַרומגעטראָגן מיט קיין ווילדע איינפאַלן אומצוואוואַרפן די אַלגעמיינע מאָראַל און זיך אַליין פאָרשטעלן אין דער ראָל פון אַן אומשולדיק באַשעפעניש. נישט געקוקט אָבער דערויף האָט זי פאַרבראַכט די צייט אַן אומצופרידענע און אַן אומרויקע,

און בשום אופן נישט געקאָנט קומען צו זיך נאָך די לעצטע געשעענישן.

באַזונדערס האָט זי באאומרויקט דאָס, וואָס אירע דאגות זענען געווען ארומגעהילט מיט אַ געהיימנישפולן שלייער און געדויערט אָן א עק. אירע דאגות האָבן זיך פונאַנדערגע־וויקלט, ווי די שפּולקע רויטן פאָדים, פאַרשלאָסן אין הילצער־נעם קעסטעלע ביי פרוי מאַגלואר, די צוקערבעקערין פון פלאַץ פון הייליקן עקזופער. פרוי מאַגלואר פלעגט ציען פארן שנורל, וואָס איז געווען דורכגעצויגן דורך אַ לעכעלע אינם דעקל, און איינפּאַקן דערמיט אָן אַ שיעור קליינע פּעקלעך.

מאַדאַם בערזשערע האָט נישט געוווסט, ווען וועט נעמען א סוף צו אירע צרות. איר צער און טרויער האָבן זי באַשיינט מיט א געוויסער אינערלעכער שיינקייט. אין דער פרי פלעגט זי לאנג באטראכטן דאָס בילד פון איר פאטער, וועלכן זי האָט פארלוירן א יאָר נאָך איר חתונה. זי פלעגט גיסן מיט ביטערע טרערן פארן דאָזיקן פּאָרטרעט, און געטראכט וועגן אירע קינדער־יאָרן, וועגן ווייסן קראַנץ צו איר ערשטער קאָמוניע, וועגן די זונטיק־שפּאַצירן בעת זי פלעגט מיט אירע קוזינעס, דיביידע פריילינס פוי, גיין טרינקען מילך אין טיוערי. זי האָט געטראכט וועגן איר אלטיטשקער מאמע, וואָס האָט געלעבט ערגעץ וויט אין צווייטן עק פון פראנקרייך, אין אַ קליין שטע־טעלע אויפן צפון.

וויקטאָר פוי, מאדאם בערזשערעס פאָטער, גימנאַזיע־די־רעקטאָר, מחבר פון דער ווערטפולער אויסגאבע פון לאָמאָנס גראמאטיק, האָט געהאט זייער א הויכן באגריף וועגן זיין סאָ־ציאלער שטעלונג און אינטעלעקטועלן ווערט. זיין עלטערער ברודער, דער גרויסער פוי פון ווערטער־בוך האָט אים אוועק־געדרוקט אין א שאָטן, און ער פלעגט צופרידנשטעלן זיין אייגנ־ליבע דערמיט, וואָס ער האָט זיך געגרויסט מיט זיין נאָמען, מיט זיין גראמאטיק און דער פּאָדאגראַ, וואָס האָט אים אָנגע־טון געברענטע צרות.

זיין גאנצע פערזאָן האָט אויסגעדריקט די ווירדע פון אן אמתן פוי. און זיין בילד האָט זיך אויסגעוויזן צו רעדן צו דער טאכטער:

— מיין קינד, כ׳ווייס נישט, כ׳וויל נישט וויסן, וואָס עס איז געווען נישט פּאַסיק אין דיין באַנעמונג. וויסן זיי, אַז דיינע יסורים נעמען זיך דערפון, וואָט דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ מענטש, אַ נידריקערן פון דיר, איך האָב מיר בחינם איינגערעדט, אז איך וועל זיין בכּוח אים דערהויבן צו אונזער מדרגה. דער דאָזיקער בערזשערע איז א מענטש אָן דרך-ארץ. טאָכטער מיינע, דיין חתונה איז דיין גרעסטע זינד, דער מקור פון אַלע דיינע אומגליקן.

און מאדאם בערזשערע האָט זיך צוגעהערט צום טאטנס רייד. די גוטסקייט און חכמה פון איר פאָטער האבן איר צוגעגעבן כּוחות איבערצוהאַלטן די יסורים.

ביסלעכווייז אבער איז זי געווארן שוואכער. זי האט אויפגעהערט צו מאכן וויזיטן, ווארים אירע אנקלאַגעס און קלאגרייד האבן שוין אויפגעהערט אַלעמען צו אינטערעסירן. מ׳האט אנגעהויבן צו גלויבן, אפילו ביים רעקטאר אין הויז, אז דאס, וואס מ׳האט פארציילט אין שטאט וועגן איר און דעם הער רו, איז נישט געווען אינגאַנצן אויסגעזויגן פון פינגער.

די געסט האבן זיך געלאַנגווייליקט אין איר אנוועזנהייט, זי איז געווען קאמפּראמיטירט, און אלע האבן עס איר אומצווייזדייטיק געגעבן צו פארשטיין. איר איז בלויז פארבליבן די סימפּאַטיע פון פרוי דעליאן, וואס אין אירע אויגן איז זי געווען דער אַלעגארישער סימבאל פון דער באַוואלטער צניעות.

מאדאם דעליאן האט אבער געהערט צו דער העכערער געזעלשאפט, זי האט זי באדויערט, באַוואונדערט, אבער אויפנעמען זי ביי זיך, דאָס האט זי ביי זיך נישט געקענט פועלן. מא-

דאם בערזשערע איז געווען דערשלאגן און איינזאם: אָן אַ מאן, אָן קינדער, אָן אַ היים, אָן געלט.

נאך איין מאל האט זי געפרווט אויפסניי איבערצונעמען די באלעבאטישקייט אין אירע הענט. דאט איז געווען אויפצומארגנס נאך א טאג, וואס איז געווען טרויעריקער און ווייטיקפולער פון אנדערע טעג.

די מאַדיסטין פריילין ראָזע און דער קצב לאַפּאָלי האָבן זינט אַ געוויסער צייט זי נישט געלאָזט צו רו, און כסדר געמאָנט ביי איר די חובות. די דינסט מאַריע האָט זי געכאַפּט ביי דער האַנט, בעת זי האָט אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע אריין דריי פראַנק מיט זיבציק סאַנטים, וואָס די וועשין האָט איבערגעלאָזט אויפן קרעדענס אין עס-צימער.

מאַדאַם בערזשערע האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין אַ טרויעריקע און אַ דערשלאָגענע. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט שלאָפן. פון צופיל צרות איז זי געוואָרן ראָמאַנטיש, און זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אין איר צעהיצטער פאַנטאַזיע, ווי מאַריע גיסט אריין ביינאַכט אין אירע עסנס סם, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך ה׳ בערזשערע. דער גרויער באַגינען האָט פאַרטריבן די מוראדיקע געשפענסטער. זי האָט זיך אָנגעטון מיט גרויס זאָרגעוודיקייט, און אַן ערנסטע און אַ שטילע אַוועק אין קאַבינעט פון הער בערזשערע.

משמעות, מ׳האָט זיך אויף איר נישט געריכט, וואָרים די טיר איז געווען אָפן.

— לוציאַן! לוציאַן! — האָט זי ארויסגעשעפּטשעט.

זי האָט געשווירן ביים געזונט פון אירע אומשולדיקע טעכטער. זי האָט זיך געבעטן, זי האָט ארויסגעזאגט ריכטיקע מיינונגען וועגן דער שלעכטער ווירטשאַפט. זי האָט צוגעזאגט פון היינט אָן זיך צו פאַרבעסערן, צו ווערן טריי, שפּאָרזאַם און גוט. הער בערזשערע האָט איר אָבער גאָרנישט געענטפערט.

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, זי האָט געשלוכצט און פאַרבראָכן די הענט, וואָס האָבן אַמאָל ארויס-

געגעבן באַפעלן. ער האָט אפילו נישט געהאַלטן פאַר גויטיק זי צו זעען, אויסצוהערן אירע רייד.

פרײַלין פוי איז געלעגן צו זיינע פיס, ער האָט אָבער, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען, גענומען דעם הוט און אַרויסגעגאַנגען. דעמאָלט האָט זי זיך אויפגעהויבן, נאָכגעלאָפן אים און מיט אן אויסגעשטרעקטער פויסט און אַ צעעפנט מויל, אַ געשריי געטון צו אים פון פאָדערצימער ארויס.

— כ'האָב דיך קיינמאָל נישט ליב געהאַט, הערסט? קיינמאָל נישט, אפילו דעמאָלט, ווען כ'האָב חתונה געהאַט מיט דיר! ביסט מיאוס, העסלעך, לעכערלעך! די גאַנצע שטאָט ווייסט, אז דו ביסט אַ שלימזל... יאָ, אַ שלימזל...

דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט זי געהערט אויסשליסלעך פון פוי, דעם מחבר פון ווערטערבוך, וואָס איז געשטאָרבן מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און איצט איז ער איר אומגעריכט, אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן געקומען אויפן געדאַנק. זי האָט אים נישט צוגעשריבן קיין באַזונדערע, גענויע באַדייטונג, ער האָט זיך איר אָבער אויסגעוויזן ווי דאָס ערגסטע זידל-וואָרט. אויף די שטיגן האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן אין איין שרייען:

— שלימזל, שלימזל!

דאָס איז געווען איר לעצטער פרווו. אין צוויי וואָכן ארום האָט מאדאם בערושערע, שוין אַ באַרויקטע און אנטשלאָסענע, זיך באַוויזן אין קאַבינעט פון ה' בערושערע.

— כ'קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן, — האָט זי געזאָגט צו אים. — האסט עס אליין געוואָלט. כ'פאָר אַ היים צו דער מאַמען; שיק מיר דאָרט אהין מאַריען און יוליען, פאַולינען לאָז איך איבער ביי דיר...

פאַולינע, די עלטסטע טאָכטער, איז געווען ענלעך צום פאָטער, וועמען זי האָט אויך זייער ליב געהאַט.

— כ'פאָרהאָף, — האָט זי צוגעגעבן, — אַז דו וועסט באַשטימען אַ געהעריקע פענסיע פאַר דיינע ביידע טעכטער, וואָס בלייבן ביי מיר. פאַר זיך פאָדער איך גאָרנישט.

בעת ער האָט געהערט די דאָזיקע רייד און זי געזען

וארט, ווּהין ער האט זי צוגעפירט אַדאַנק זיין שכל און אויס-דויער-קראפט, האט ה׳ בערזשערע קוים געקענט באהאַלטן זיין פרייד; ער האט בלויז מורא געהאַט, אז מאדאם בערזשערע זאל עס גישט באמערקן און זי זאל נישט צוריקציען אירע רייד.

ער האט גארנישט געענטפערט, ער האט בלויז אַ שאקל געטון מיטן קאפּ, אז ער איז מסכים אויף אירע פארשלאגן.